STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01990

GESHTALTN FUN MAYN DOR

Gershon Pomerantz

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

גרשון פאָמעראַנץ

געשטאַלטן פון מיין דור

פארלאג
י.ל. פרץ
ישראל

1971

GERSHON POMERANTZ

GESHTALTN FUN MAIN DOR

(Personalities of my Generation)

I. L. Peretz Publishing House
31, Allenby str. Tel-Aviv

גרשון פּאָמעראַנץ

געשטאַלטן פון מיין דור

פאַרלאַג י. ל. פרץ
תל־אביב, רחוב אלנבי 31

©

נדפס בישראל, תשל״א
Printed in Israel, 1971

דפוס „ארזי״, תל־אביב, טל. 34294



גרשון פּאַמעראַנץ

זון פון יוסף־שמעון און העניע־ביילע. געבוירן דעם 16טן יולי 1904 אין סאָקאָלאָוו־פּאָדלאַסקי, שעדלעצער געגנט, פּוילן. צו אַכט טאָג געוואָרן אַ יתום נאָכן פאָטער. באַקומען אַ טראַדיציאָנעלע דערציונג און זיך פאַרפולקאָמט דורך זעלבסטבילדונג. אין די יאָרן 1918—1929 האָט ער געוווינט אין וואַרשע. זינט 1929 געוווינט אין טאָראָנטאָ, קאַנאַדע. אַ צייט געווען דירעקטאָר פון „הילפס־קאָנפערענץ פאַר מלחמה־געליטענע" אין קאַנאַדע. די יאָרן 1942—1946 — דירעקטאָר פון די יידישע הויפּט־אָפּטיילונגען פון „קאַנאַדער יידישן קאָנגרעס". שפּעטער — אַן אייגנטימער פון אַ יידישער דרוקעריי. אַרויסגעגעבן „גרשון פּאַמעראַנץ עסייען־ביבליאָטעק", „טינט און פעדער", א"אַ. דעביוטירט מיט לידער אין „היינט", וואַרשע, 1921. נאָך דעם זיך באַטייליקט מיט לידער, אַרטיקלען, עסייען וועגן יידישע שרייבער אין פאַרשידענע אויסגאַבעס: „היינט", „ליטעראַרישע בלעטער", „וואָכנ־שריפט פאַר ליטעראַטור", „יוגנטוועקער", אַרבעטער־צייטונג", „באַפרייונג", א"אַ, וואַרשע; „דאָס יידישע וואָרט", וויניפּעג; „קאַנאַדער אָדלער", מאָנטרעאַל; „דער שפּיגל", בוענאָס־איירעס; „צוקונפט", „יידישע קולטור", „יידישער קעמפער", „פרייע אַרבעטער־שטימע" א"אַ, ניו־יאָרק; „די גאָלדענע קייט", „היימיש", תל־אביב; „יידישער זשורנאַל", טאָראָנטאָ (געווען דער אַרויסגעבער און רעדאַקטאָר אין די יאָרן 1960—1964). דאָרטן אויך געדרוקט אַ ראָמאַן „דער בלינדער"; די פעליעטאָנען־סעריע „אָפענע דיבורים", „פון פאָלק צו פאָלק", „טינט און פעדער", א"אַ. אַרויסגעבער און רעדאַקטאָר פון ליטעראַרישע זאַמלונגען. געדרוקט אויך אונטער די פּסעוודאָנימען: אַ סאָקאָלאָווער, אַ נייער, גרשוני א"אַ. געשטאָרבן אין טאָראָנטאָ, קאַנאַדע, כ' כסלו תשכ"ט (11טן דעצעמבער 1968).

(לעקסיקאָן פון דער יידישער ליטעראַטור)

דער פֿאַרליבטער אין יידיש

מיין בן־עיר גרשון פּאַמעראַנץ האָב איך געקענט ווען מיר זענען ביידע געווען קינדער. ער איז געווען עפּעס עלטער פֿון מיר. דער „עפּעס עלטער" אין די אויגן פֿון אַ קינד איז אַ ים מיט יאָרן. האָב איך אים דעמאָלט געזען אַ סך עלטער ווי ער איז געווען און אַרויפֿגעקוקט צו אים. די סיבה פֿאַר וואָס איך האָב דעמאָלט אַרויפֿגעקוקט צו אים, איז געווען נישט בלויז צוליב דעם אונטערשייד אין עלטער, איך בין געווען אַ קינד און ער — אַ דערוואַקסענער, נאָר צוליב דעם, וואָס, ערשטנס, איז ער געווען אַ יתום, און אַ יתום איז דעמאָלט אין מיינע אויגן געווען ווי אַ בעל־מום פֿון אַ שרעקלעכער קאַטאַסטראָפֿע, ווי מען וואָלט אים אָפּגעשניטן הענט און פֿיס. צווייטנס, איז ער געווען דער געהילף פֿון דעם מלמד, אין וועמענס חדר איך האָב געלערנט. ער איז דעמאָלט מסתמא אַלט געווען נישט מער ווי פֿופֿצן־זעכצן יאָר, אָבער ביים לערנען מיט די קינדער האָט ער געווירקט ווי אַ דערוואַקסענער מענטש און געלערנט די קינדער מיט אַן אויסערגעוויינטלעכן ענטוזיאַזם, אַנטקעגן דער פֿלעגמאַטישקייט, מיט וועלכער עס האָט געלערנט דער מלמד. אין די איבעררייסן ביים לערנען, ווען די קינדער פֿלעגן אויף דער פֿריי זיך שפּילן און טומלען, פֿלעגט גרשון שטיין אין אַ זייט, ווי ער וואָלט געווען אַלט כאָטש ווי דער מלמד. איין מאָל — און די סצענע האָט זיך מיר איינגעקריצט אין זכרון — האָט ער אָנטיילגענומען אין וואַרפֿן שטיינער צום ציל. אָבער אין דער מיט האָט ער זיך פֿאַררויטלט און איז צוריק אַוועק אין אַ זייט, ווי ער וואָלט זיך פֿאַרשעמט. ס'האָט מיר פֿאַרקלעמט דאָס האַרץ פֿון צער. איך בין געווען זיכער, אַז זיין שטיין פֿון דער ווייטנס, פּונקט ווי זיין זיין אַ געהילף צום מלמד, איז דערפֿאַר, ווייל ער איז אַ יתום און ער פֿאַרגינט זיך נישט צו האָבן פֿרייד...

שוין דעמאָלט האָט גרשון פּאַמעראַנץ אַרויסגעוויזן אַ באַזונדערע ליבשאַפֿט צו יידיש. נישט איך און נישט ער האָבן דעמאָלט געוווּסט, אַז עס איז פֿאַראַן אַזאַ זאַך ווי פֿילאָלאָגיע. מיר האָבן גערעדט דאָס געזונטע פּאָדליאַשער יידיש, אין וועלכן אַ למד קלינגט אָפּט ווי אַ ריש. און ער פֿלעגט רעדן אַזוי ווי ער וואָלט זיך מחיה געווען מיט די ווערטער, ער האָט פּשוט די ווערטער ליידנשאַפֿט־

לעך געקנאָטן. פלעגט ער ביים לערנען מיט די קינדער אַ פרשה חומש נישט נאָר פאַרטייטשן, נאָר ער האָט אויך אויסגעבעסערט דעם זאַצבוי אין יידיש און ער פלעגט די ווערטער אין יידיש איי־בערחזרן, ווי ער וואָלט געלערנט יידיש און נישט די פרשה חומש, און דערביי פלעגט ער נאָך מער פאַרטיפן די כאַראַקטעריסטישע מוזיק פונעם פאַדליאַשער יידיש.

אָט די ליבשאַפט פאַר יידיש און איר מוזיק האָט ער געטראָגן מיט זיך זיין גאַנץ לעבן.

גרשון פאַמעראַנץ איז דערצויגן געוואָרן דורך זיין זיידן, אַ בכבודיקן באַלעבאָס אין שטעטל. זייער הויז איז געשטאַנען נאָענט צום טייכל, וואָס איז געפלאָסן ביי דער זייט, צווישן דעם יידישן שטעטל און דעם „אַלטן בית־עלמין". און כאָטש דאָס טייכל האָט, שיינט מיר, אַפילו קיין נאָמען נישט געהאַט, האָט עס געהאַט אַ געוואַלדיקע ווירקונג אויפן געמיט פון די קינדער. גרשון פאַמעראַנץ פלעגט באַגלייטן זיין זיידן לענג־אויס דעם טייכל, ווי דאָס פלעגן טאָן די אויסגעצייכנטע תלמידים מיט דעם חשובן מלמד בעריש מייטער (פון פראַנצויזיש — מעטר, לערער), וואָס האָט געפירט אַ חדר־מתוקן, געקעמט די באָרד מיט אַ קאַר־בע־באַרשט און פלעגט זיך לאָזן באַגלייטן אויף זיינע פאַרנאַכ־טיקע שפאַצירן דורך דעם תלמיד, וואָס האָט זיך אויסגעצייכנט אין לערנען. גרשון פלעגט באַגלייטן זיין זיידן אויף די שפאַצירן ביים טייכל, אים נאָכגעגאַנגען מיט פאַרערונג, בעת מיר, זיינע תלמידים, פלעגן „לאָזן קאַטשקעס" אויפן טייך — וואַרפן שטיינד־לעך, זיי זאָלן זיך עטלעכע מאָל אָפּשלאָגן אין וואַסער. און ווי־דער האָט מיר פאַרקלעמט דאָס האַרץ פון צער: דער יתום גרשון איז נישט מיט אונדז, ער פאַרגינט זיך נישט צו האָבן פרייד...

אין איינעם אַ ל"ג־בעומר איז דער חדר אַוועק אויף שפאַציר אין די וועלדער. מיר אַלע, די קינדער, זענען אין די וועלדער גע־ווען צעשטיפט ווי די פייגל און די ווערוריקעס. באַגלייט האָט אונדז דער מלמד און זיין געהילף — גרשון. אָבער אין וואַלד האָט זיך גרשון אָפּגעטיילט פונעם קינדערשן טומל, זיך פאַרשטעקט צווישן דעם וואַלד־געבעטעכץ און זיך איינגעהערט אינעם וואַלד־רויש. שפעטער האָט מען אים געדאַרפט זוכן און רופן און ער איז צוריקגעקומען ווי פון אַן אַנדער וועלט.

און שפעטער בין איך געוואויר געוואָרן, אַז אונדזער שטעטל,

וואָס האָט אַרויסגעגעבן אַ היפשע צאָל אינטעליגענץ, איז באַריי־כערט געוואָרן מיט נאָך אַ דיכטער. גרשון פּאָמעראַנץ שרייבט לידער און עסייען. ער איז פאַרקאָכט אין יידיש, ער איז פאַר־קאָכט אין יידישע שרייבער, ער איז דער ענטוזיאַסט פון דער יידישער ליטעראַטור. זיינע אַרטיקלען וועגן דער יידישער ליטע־ראַטור און וועגן יידישע שרייבער זענען פּאַנעגיריקס. און גרשון פּאָמעראַנץ, ווי עס איז די טבע פון פּאָדליאַשער יידן צו זיין אי־בערגעגעבן מיט האַרץ און נשמה צו ווערטן, וואָס אַפּעלירן צו זיי, איז דער יידישער ליטעראַטור און די יידישע שרייבער געווען איבערגעגעבן מיט האַרץ און נשמה.

ווען ס'איז צו מיר דערגאַנגען, אַז גרשון פּאָמעראַנץ האָט אין קאַנאַדע געקויפט אַ דרוקעריי, האָב איך פאַרשטאַנען, אַז נישט ער וועט האָבן די דרוקעריי, נאָר די דרוקעריי וועט אים האָבן. ער וועט זיך אין גאַנצן אָפּגעבן דער יידישער ליטעראַטור נישט בלויז מיט דער פען, נישט בלויז מיט זיין חסידישן ברען צו יידי־שע שרייבער, נאָר ער וועט אויך אַרויסגעבן ביכער און זשורנאַלן — ער וועט זיין אי שעפער, אי פּראָדוצענט פון יידישע ביכער און זשורנאַלן.

גרשון פּאָמעראַנץ איז עס געוואָרן — ער איז געוואָרן דער אַרויסגעבער פון ליטעראַרישע זאַמלונגען, געווען רעדאַקטאָר פון אַ צייטונג, זיך באַטייליקט אין דער יידישער ליטעראַרישער פער־יאָדיק אין דער גאַנצער פרייער וועלט. וועגן אים קען מען זאָגן: ער האָט זיך פאַרברענט אין דער יידישער ליטעראַטור; פאַרברענט זיך פאַר דעם, וואָס ער האָט ליב געהאַט, פאַר יידיש, פאַר די שיינקייטן און פאַר דער מוזיק וואָס אין יידיש, פאַר דעם יידישן שרייבער, וואָס טראָגט אויס אויף זיינע פּלייצעס דעם גאַנצן יידי־שן קולטור־קאָמפּלעקס — אַן עול, וואָס קיין שום שרייבער ביי קיין שום פאָלק טראָגט נישט מיט אייגענע כוחות.

גשרון פּאָמעראַנץ האָט דעם עול מיטגעטראָגן, נישט ווי דער יתום, וואָס פאַרגינט זיך נישט צו האָבן פרייד, נאָר ווי איינער פון דער גרויסער יידישער שאָפערישער משפּחה, און מיט פרייד!

מ. צאַנין

זיי זענען געקומען
(כראָניק)

(אין עצבות)

א

יאָ, איך האָב זיי געזען.
פון דער פאַרגליווערטער שטילקייט זענען זיי אַרויסגעקומען —
מחנות פינצטערע יידן, אויסגעלאָשענע, שטענגלעך צעבויגענע,
פון די ביימער אָפּגעריסן.

זיי האָבן געזוכט די פייערן, וואָס האָבן זיי פאַרברענט;
געזוכט די ווינטן, וואָס האָבן זייערע אַשעס צעבלאָזן;
געזוכט די ביימער, וואָס האָבן מיט זייערע געשרייען,
מיט זייערע זיפצן, מיט זייער קרעכצן — געבליט.

זענען זיי געגאַנגען, די פינצטערע יידן, אין מחנות,
אין שבטים, אין משפחות זיך געקייטלט, געוויקלט, —
האָבן זיך אַרומגעשטעלט אַרום היימען, אַרום הייזער,
אַרום שלעסער, אַרום וויגן, ווו מען האָט זיי געוויגט.

האָבן צוגעלייגט זייערע אויערן צו דער ערד,
ווו זיי זענען געוואַקסן, מיט זייערע לעפצן די ערד געקושט;
זיי האָבן געוואָלט דערהערן זייער ניגון,
וואָס האָט אין דער ערד גערוט.

זיי האָבן אַריינגעקוקט אין די שויבן, אין די פענצטער,
געוואַרט די ווינטן זאָלן די פאַרהאַנגען פונאַנדערבלאָזן;

זיי האָבן געוואָלט — אין אַלע חדרים זאָלן זייערע אויגן אַריינדרינגען,
דערזען, דערבליקן, טיף און טיפער.

זיי האָבן געוואָלט דערקענען די טישן,
די בענק, בעטן, טעפּעכער, אַלערליי געשירן;
די ווענט, די שיר־המעלותן, די שפּאַנישע ווענטלעך,
די מזוזות אויף די טירן.

זיי האָבן געזוכט די ווינקלען,
ווו זיי האָבן אונטער דעקטיכער —
פון די ליבע־בעכערס —
דעם רויטן וויין געטרונקען.

זיך פאַרדעקט און באַהאַלטן,
קיין פרעמד אויג זאָל נישט זען זייערע לייבער,
זאָלן אין צניעות מקיים זיין יחוד —
די באַהעפטונג מיט זייערע ווייבער.

ב

שטייען זיי — מחנות פינצטערע יידן, אויסגעלאָשענע —
אַרום ווענט, אַרום פענצטער, אַרום טירן,
ווילן דערזען זייערע שבתדיקע טישן,
די לייכטער פון זילבער, פון מעש, מיט ליכט צעברענטע.

מיט מלאכים, מיט שכינה אויף די שוועלן,
מיט זמירות, מיט שירה, מיט געזאַנגען,
מיט רו, מיט מנוחה, מיט שלווה,
מיט מלכות, מיט קדושה פון שבת.

װילן דערזען די בערד אויף זייערע פּנימער,
די בערד — די שוואַרצע, די פּעכיקע,
די װײַסע, די זײַדענע, די פּײערדיקע,
װאָס האָבן איבער די שבת־טישן געצאַפּלט.

די קופּקעס, די זײַדענע טיכער איבער די קעפּ
פון די באָבעס, מאַמעס און טעכטער;
די קאַפּעלעך, די פּיאַהלעך, די קרעלן, די אויערינגלעך;
די מײַלעכלעך, װאָס האָבן מיט שלום עליכם געקלונגען.

זיי װילן זען דעם לחם־הפּנים,
װאָס די שאַרפע מעסערס האָבן צעשניטן,
דערהערן די זמירות, װאָס האָבן
איבער די טישן אין התפּעלות זיך צעזונגען.

די פּולע שטיבער מיט שפע, מיט תורה,
מיט חכמה, מיט גדולה, מיט שמחה,
מיט בענטשונג, מיט טרויער, מיט געוויין,
מיט הכנעה, מיט מרידה, מיט — יידן.

ג

שטייען זיי — מחנות פּינצטערע יידן,
אויסגעלאָשענע, פון דער שטילקייט אַרויסגעקומען —
אַרום די װענט, אַרום די פענצטער, אַרום די טרעפּ
פון די שולן, פון די שטיבלעך, פון די בתי־מדרשים.

שטייען און גאַפן: מען װיגט זיך איבער שטענדערס,
אויף מזרח, אויף מערב, דרום און צפון;
אין טליתים צעפּליקטע, צעדריבלטע, צויטן,
אין טליתים נײַע, מיט זילבערנע עטרות.

יידן לויפן איבער אַלע ווינקלען, לויפן,
גייען־אויף אין תפילות, אין הלל, אין קינות.
דער אָרון־קודש פול מיט ספרים,
מיט קרוינען, מיט גלעקלעך.

איבערגעדעקט מיט פרוכתן פון זייד, סאַמעט,
אויסגעשטריקט מיט יידענע פינגער —
זענען די לייבן, די הירשן, די עשרת הדיברות,
די אַלטע געבאָטן.

אַריינגעשטריקט זענען די כתרי־תורה, די דוכן־הענט,
די קדושה פון כהונה, דאָס געזאַנג פון די לוויים.
איבער זיי — דער נר־תמיד, דאָס ציטערדיקע ליכט,
וואָס ברענט זיך קיין מאָל ניט אויס, ווערט נישט פאַרלאָשן.

שטייען מחנות יידן, פינצטערע, אויסגעלאָשענע, און זעען:
דער שולחן איז גרייט, וואַרט מען זאָל עולה־לתורה זיין.
עס קלינגט דער יעמוד. עס לויפן יידן מאַכן די ברכות —
נאָך אַ מאָל, ווידער אַ מאָל כורת־ברית זיין.

דער בעל־קורא וויגט זיך איבער די פאַרמעטן,
קנייטשט דעם טראָפּ, מניע די טעמים,
איז אַזוי מילד, אַזוי תחינהדיק,
ווערט בייז, זאָגט העכער — בייסט דעם ניגון.

אָפּגעלייענט אַלע פרשות, מכבד געווען אַלע כיבודים.
הגבהה־גלילה, די תורה פאַרשלאָסן.
יידן לויפן ווידער.
זייד, אַטלאַס, סאַמעט, טוך. מילאַנזש — שאַרכט.

מען וויקלט די טליתים. מען קושט די מזוזות.
טועם־טעם געווען און — מען שלאָפט.
יידן שלאָפן אין שבתדיקן שלאָף.
אין מנוחה, אין רו.

די זון גענייגט צום מערב.
יידן וויקלען זיך אין שאָטנס.
טונקל, טונקעלער ווערן די שויבן,
די פענצטער, די טירן, די שוועלן, די ווענט.

עס וויינט פון די שטיבער:
גאָט פון אברהם,
פון יצחק,
פון יעקב.

שלוש־סעודות. אָפגערייניקט די ברעקלעך פון די טישן.
אויסגעלאָשן איז דער שבת, פאַרגאַנגען.
עס פלאַקערן די הבדלות.
טונקען זיך אין וויין דעם רויטן:

וואָך.

ה

מחנות פינצטערע יידן, אויסגעלאָשענע,
האָבן זיך אַרום די קרעמלעך צעשטעלט.
זאַלץ און פעפער, מעל און שניט,
ראָזשינקעס און מאַנדלען.

פלייש און פיש, גימזאָווע שטיוועלעך און פעלצן,
וואַטאָווקעס און — זיידענע קליידער.

שליסלען און שלעסער.
וועלדער און פעלדער פול מיט תבואה, מיט שפּייז.

שוסטער און שניידער. עס יאָגן די וואַרשטאַטן.
עס זינגען די מאַשינען.
דער אייזן ברענט אויף דער קאָוואַדלע.
עס שמידט דער שמיד.

עס באַקן די בעקערס זעמל און ברויט,
טאָרט און לעקעך;
די חברה־קדישא גרייט די טהרה
און דער קברן גראָבט דעם גרוב.

עס טרינקען די טרעגער פינף־און־ניינציקער אין די שענקען.
די גענדזולעך בראָטן זיך, וואַרטן.
די יאַרידן ווילן שטעלן, ווילן סחורה, ווילן האַנדל־וואַנדל —
וואַרטן אויף דעם כוח, די אַרבעט, דעם פלייס פון ייד.

וועלדער זענען פול מיטביימער —
מען דאַרף זיי זעגן, לאָזן אויפן וואַסער.
פעלדער פול מיט תבואה —
מען דאַרף זיי שניידן, אָנפילן די שייערן.

סעדער פול מיט אויבסט,
עפּל, קאַרשן, באַרן.
בהמות — קי, קעלבער און אָקסן —
וואַרטן מען זאָל זיי בינדן, שעכטן.

פיש וואַרפן זיך אין די וואַסערן —
מען דאַרף זיי כאַפּן,

שאָבן, שניידן, פּרעגלען,
האַקן, פילן.

דערפער וואַרטן אויפן גייער,
ער זאָל זיי לאַטען און נייען;
יידן לויפן, איילן, יאָגן זיך.
די לעמפּלעך קאָפּטשען, לייכטן;

וואָך.

ו

יידן האָבן חתונה, פּרוכפּערן זיך און מערן.
די חופּה וואַרט. עס וואַרטן די כּלי־זמרים.
עס וואַרטן די בדחנים. דער אויסשטייער
איז גרייט — אויפגענייט, אויסגעפּרעסט.

עס וואַרטן די בעכער, עס וואַרט דער וויין,
די מקווה איז אָנגעהייצט, די טיקערינס — גרייט.
יידן האָבן חתונה, פּאָרן זיך און מערן.
עס וואַרט די חופּה אין פּאָליש אויף דער שוועל.

עס וואַרטן די שטאָלצן מען זאָל אויף זיי טאַנצן
עס וואַרטן די ליכט, עס וואַרטן די הבדלות --
זיי זאָלן ברענען, לייכטן.
עס וואַרטן יידן, אויסגעפּוצט, אויסגעצוואָגן.

עס וואַרט די שול, עס וואַרטן די גאַסן —
די שטיינער, די שטיבער, די הייזער —
יידן זאָלן חתונה האָבן, פריילעך ווערן,
פול ווערן מיט — שמחה, מיט לעבן.

עס פֿאַרשליסן זיך די טירן.
עס פֿאַלן די שטאַבעס איבער די קראַמען;
עס ווערט יום־טוב אין דער וואָכן —
מען פֿירט דעם חתן, מען פֿירט די כלה.

דער בדחן האָט שוין אַלע גראַמען אויסגעפֿלאָכטן,
אַלע שטיקלעך אָפּגעזאָגט, אויסגעזונגען,
מיט די פֿינגער צוגעקלאַפּט —
זיך צעטאַנצט צום טאַקט.

די ווינטערס זענען קאַלטע, די פֿרעסט קנאַקן.
די וועלט איז אַ ווייסע — באַדעקט מיט שניי.
די שמשים, די גבאים, די רבנים, די דיינים —
שוין מסדר־קידושין געווען, אַלע ברכות אָפּגעזאָגט.

דער פֿאַרנאַכט פֿאַלט צו. די זון פֿאַרגייט.
די חופּה שטייט אין פֿלאַמען, עס ברענט דער דאַך, די לוחות
אויף דער שול.

יידן טאַנצן, רינג אין רינג, וויגן זיך
אין דבקות, דימיונות, חזיונות און חלומות.

פּשטלעך, חידושים, נגלה, נסתר — צירופֿים,
שמות. טיפֿע ימען ווערן צעשניטן, צעשטורעמט.
יידישע מוחות בליצן — שאַרף ווי חלפֿים.
די כלי־זמרים שפּילן, שפּילן, שפּילן.

אין מצווה־טאַנץ געוויקלט, פֿאַרשפּינט, פֿאַרוועבט.
יחוד־חדר מיט טליתים פֿאַרהאָנגען, פֿאַרבאָרגן.
די לאָמפּן גייען־אויס, לעשן זיך,
די ליכט טריפֿן, צאַנקען.

די כלי־זמרים שלאָפן. פידלען דרימלען,
כאַפּן זיך אויף און דרימלען טיפער, שווערער.
שטיל און שטילער, שאָטנס. נאַכט פאַרוויגט
די לאָדנס, די טירן, די אויגן;

וואָך.

ז

יידן שטאַרבן מנוחהדיק. אין שלווה אויף זייערע בעטן.
עס שטאַרבן יונגע — נישט דערלעבט די יאָרן;
עס שטאַרבן אַלטע, גרויע, זקנים —
עס צאַפּלען טרערן אין זייערע אויגן.

אַרום זייערע בעטן: הענט, אויגן.
צווייגן פון גרויסע ביימער וויגן זיך איבער זייער געביין.
בעטן, וויינען: נישט שטאַרבן.
מיר ווילן נישט לעבן אין אַזאַ וועלט עלנט, אַליין.

מען נייט תכריכים. מען וויקלט כשרן פּאָדעם.
מען איז מטהר אין קדושה און אין טהרה.
ווערן יידן באַהאַלטן הינטער די פענצטער.
די קברים אַזוי נאָענט, אַזוי היימיש.

די קלאַפּעס אין קריעה. די מוחות,
די מיילער — אויפגעריסן אין אל־מלא;
די שבעה־טעג אין די שטיבער, פול מיט
איוב, מיט משלי, צדוק־הדין, מיט קדיש.

מצבות דערציילן, רעדן מיט יחוס, מיט נעמען —
מיט דורות. מען ווייסט דעם יום־המיתה, דעם טאָג,

דעם חודש, דאָס יאָר. די בית־עלמינס
בליִען מיט געוויין, מיט תפילה, מיט בקשה.

די וואַקסענע ליכט ברענען. די נשמות לייכטן.
די קדישים זאָגן, זאָגן, קלאָגן־אויס
זייערע בענקשאַפטן נאָך די לעבעדיקע גלידער,
וואָס זענען געוואָרן צעבראָכן;

וואָך.

ח

מחנות פינצטערע יידן, צעפליקטע,
צעריסענע, צעטראָטענע, צעבראָכענע —
האָבן זיך פון דער פאַרגליווערטער
שטילקייט אַרויסגעריסן, זען, הערן;

אַ גראַמאָפאָן קלאָגט און וויינט: כבקרת,
הבן יקיר לי אפרים, אַ בריוועלע דער מאַמען;
עס איז אלול. שופרות בלאָזן. דער מענה־לשון
רייסט די הימלען: פחד, אימה.

יידן וויינען. עס וויינען אַלטע. עס וויינען יונגע.
עס וויינט גאַנץ יידיש קהל. יידן ציטערן.
מען איז זיך מתוודה. על־חטא הילכט איבער הערצער.
מען פאַלט כורעים, מען וויינט, מען בעט;

תפילה־זכה, כל־נדרי. יידן גייען־אויף
אין טרערן, אין געשריי. נעילה, קידוש־לבנה.
מען בויט אַ סוכה, מען לייגט סכך און —
עס טאַנצן יידן מיט דער תורה:

וואָך.

ט

עס איז חשוון. איינגעגנורעט ווערט די וועלט.
עס איז האַרבסט אין דיביימער, אין די שטיבער.
עס איז קאַלט. גליִען די קאַכליע־אויוונס.
ברענען די דרייפוסן. די סאַמאָוואַרן זידן.

פאַרקיטעוועט די שויבן. פאַרוואַטעט אַלע שפּאַרעס.
יידן הערן: ווינטן רייסן די דעכער.
וויינען דורך די קוימענס, יאָמערן, קלאָגן.
טוליען זיך יידן, טוליען זיך און וואַרטן.

שטייען זיי אַזוי: מחנות יידן, פינצטערע,
צעריסענע, פאַרקוילטע, פאַרלענדטע —
שטייען אַרום די הייזער, אַרום די שטיבער,
אַרום די שלעסער, אַרום די טירן.

ווילן דערזען, דערבליקן אין אַלע טיפן,
ווו נאָר זיי זענען געוואַקסן.
שטייען פאַראַבלטע אין פרעמדע וועלטן.
זוכן זייער שטאַם, זוכן זייער געביין.
פון די אַשעס זענען זיי געקומען.

י

די געשרייען, די יללות שמייסן די הייזער,
שמייסן די דעכער.
די פלאַמען, די פייערן רייסן זיך אין די הימלען —
העכער, העכער.

מיין ברודער אין טלית איינגעוויקלט,
אַריינגעבויערט אין די פלאַמען —

צייכנט מיט זיינע פינגער אין די פייערן
דעם נאָמען פון דער מאַמען.

מיין שוועסטער — געוויקלט אין פענער.
עס פלאַמט דער מגן־דוד.
אירע האָר ברענען, זי הייבט־אויף די פאָן
הויך, הויך, אַריבער דעם רויך.

די קעפּלעך פון אירע קינדערלעך —
שוין לאַנג אויפן ברוק צעשפּאָלטן.
זי צערייסט מיט אירע הענט די פייערן,
די גליִענדיקע פלאַמען.

זי זוכט אין די קוילן,
אין די אַשעס. זי וויל —
אין דעם גיהנום —
אירע קינדער דערקענען.

עס וויקלען זיך בלוטיקע טייכן
איבער גאַסן, איבער שטיינער.
שטראָמען הייבן זיך און פלאַטערן —
רויטע פאָנען.

עס יאָגט די מרידה.
עס בייסן ציין שטיין און אייזן.
מען אָטעמט מיט לידער, מיט שירים,
מיט נבואה: פאַר דיין הייליקן נאָמען!

אויסגעברענט האָבן די פייערן.
אויסגעגאַנגען די לעצטע פונקען.

ווינטן רייסן די דעכער, וויגן די שויבן, טירן
יאָמערן אין ליידיקע שטיבער:

„דער האַלדז פון דער וועלט איז צעשניטן,
גיסט זיך בלוט איבער מויערן און גאַסן".
אין תהומען געזונקען אַזאַ לעבן, אַזעלכע יידן.
אַזעלכע מאַמעס, טאַטעס, שוועסטער און ברידער.

די געשרייען, די יללות, שמייסן אונדזערע הייזער,
רייסן אונדזערע דעכער.
די פלאַמען, די פייערן רייסן זיך אין די הימלען,
העכער, העכער, העכער.

מיר גייען מיט זעק אויף אונדזערע קעפּ.
מיט בלוט זענען פול אונדזערע בעכער.
מיר הייבן זיי איבער אונדז, מיר האַלדזן
די זיידענע העמדלעך, די צעבלוטיקטע, דעם זכר.

די פלאַמען, די פייערן רייסן זיך אין די הימלען —
העכער, העכער, העכער.

„צוקונפט", אַפּריל 1966

אין באַגינען אַריין

צו ה. לייוויקס זעכציקסטן געבוירן־יאָר

ס׳איז געווען אַ מאָל. מיט יאָרן צוריק. מיט אַ סך, אַ סך יאָרן צוריק. לייוויק איז אַרויסגעפאָרן צום ערשטן מאָל פון אַמעריקע — געמאַכט זיין רייזע איבער די לענדער, שטעט און יידישע ישובים אין אייראָפּע. ער האָט איינגענומען פּאַריז, בערלין, וואַרשע, געגאַנגען קיין מאָסקווע. געווען נאָך דער גרויסער אויפנאַמע אין וואַרשע, ווו די דעמאָלטדיקע יידיש־פּוילישע שרייבער האָבן אים צוגעטיילט גרויס כבוד. געווען נאָך דעם, ווען דער זקן־הסופרים פון דעמאָלטדיקן פּוילן, הלל צייטלין ז״ל, האָט געזאָגט וועגן לייוויקן: „עס איז נאָך נישט דאָס וויכטיקסטע, וואָס אַ דיכטער קען אַלץ אַרויסזאָגן. מען דאַרף קענען נישט דערזאָגן, און דאָך אונדז פּאַראינטע־רעסירן. נישט בלויז צווישן די שורות לעזן מיר ביי לייוויקן, ביי אים לעזן מיר פיל מער איבער די שורות. נישט איינשטילן און איינוויגן אונדז דאַרף דער דיכטער. נאָר באַאומרויִקן אונדז דאַרף ער. לייוויק באַאומרויִקט אונדז און דעריבער איז ער דער דיכטער פון אונדזער צייט״. די יינגערע האָבן געזעצט לייוויקן אויף דער ליידיקגעבליבענער שטול פון י. ל. פּרץ.

אין יענעם אַמאָל — יידיש־פּוילן האָט געבליט, די יידישע יוגנט איז אויפגעגאַנגען, אויפגעקומען, געזוכט תירוצים אויף די האַרבע שאלות אין לעבן. יידישע בחורים און מיידלעך זענען געגאַנגען אינעם טאַקט פונעם יידישן ליד. יידישע שרייבער זענען אויפגענומען געוואָרן מיט פרייד, מיט ליבשאַפט. אַ ניי יידיש ליד, אַ נייע דערציילונג — איז געלערנט און פּאַרטייטשט געוואָרן. הונדערטער יידישע שטעט און שטעטלעך אין מדינת פּוילן האָבן געאָטעמט מיט יוסף אָפּאַטאָשוס „אין די פּוילישע וועלדער״, מיט די היילן און טורעמס פון לייוויקס „גולם״, מיט מנחמס „זאַוול רימער״ און אַנדערע ביכער, וואָס יידישע שרייבער האָבן טאָג־איין

טאָג־אויס געגעבן דאָס יידישע לעבן. אין יענעם אַמאָל האָט אַ יידיש שטעטל אין פוילן געבראַכט לייוויקן צו זיך. אַ יידיש שטעטל איז אויפ־געגאַנגען אין פרייד. מ׳האָט געשפּאַנט קאָטשן. געפלאָכטן סטענגעס אין פּערדישע גזשיבעס. בלומען, אַ וועלט מיט בלומען אין די הענט פון דער צאַפּלדיקער יידישער יוגנט. ס׳איז יום־טוב געווען אין שטעטל. מ׳האָט אַרויסגעפירט די וואַסער־פּעסער, די קישקעס פון דער פייער־שאָפע. מ׳איז געהאָנגען אויף די ווענט, אויף די באַלקנס. און לייוויק האָט גערעדט וועגן חלום פון יידיש, געלייענט פון זיין „גולם״, געלייענט לידער. דערנאָך — מיט די זעלבע קאָטשן אַ רייזע הינטערן שטעטל. מ׳פאָרט. די תמוזדיקע פעלדער הערן אַ שטיל געזאַנג, יידישע לידער, אַזעלכע שטילע איינגע־האַלטענע ווערטער. לייוויק שווייגט. איז דורכגענומען מיט דעם עלנט און בענקשאַפט פון אַן אויפקומענדיקן יידישן דור. פרעגט זיך לייוויק דעם יונגן יידישן בעל־עגלה: „ווו פאָרן מיר?״, און דער יידישער בעל־עגלה ענטפערט, בתמימותדיק און פשוט: „אין באַגינען אַריין״.

אין באַגינען אַריין — איז עס נישט דער סאַמער תוך פון לייוויקס דרך אין אונדזער יידישער ליטעראַטור? איז עס נישט די טרעפלעכסטע באַצייכענונג, וועגן דעם וועג, וואָס לייוויק איז דורכגעגאַנגען זינט ער האָט אָנגעשריבן:

ערגעץ ווייט, ערגעץ ווייט
ליגט דאָס לאַנד דאָס פאַרבאָטענע.

ביז „אַ חתונה אין פערנוואַלד״. וואָס פאַר אַ מהלך וועג לייוויק איז אָפּגעגאַנגען. איז דאָך נישט שייך רעדן וועגן איינציקע ווערק און לידער; וועגן דעם גרויסן אוצר, וואָס לייוויק האָט אַזוי מייסטערדיק געשאַפן אין די לעצטע יאָרן. איז דאָך נישט שייך קומען איצטער און — עפּענען די טירן, וואָס פירן צו לייוויקס גרויס־קינסטלערישער וועלט. ניין, נישט וועגן דעם גייט עס איצטער. עס גייט אין לייוויקס גאַנג אין באַגינען אַריין פונעם יידישן לעבן. זיין דורכגיין די נאַכט, מיט אַלע פּלאָגן און פּינצטערנישן, אַלע שרעקן און געפאַרן און גיין: אַרויספירן דעם יידישן מענטש, דאָס יידישע וואָרט צום באַגינען, צום טאָג, צום אויפגאַנג.

און לייוויק איז אויך געוואָרן דער נס פון אונדזער ליטעראַטור: דער שוואַכסטער, דער פיזישער חלוש, איז געוואָרן דער שטאַרקסטער אין דער יידישער ליטעראַטור. מען מעג עס דערמאָנען. לייוויקס לעבן איז געוואָרן דער קנין פון אַ פאָלק, פון אַ דור, פון דורות. האָבן מיר געצייטערט איבער זיין לעבן. האָבן מיר אין די שווערע שלאָפקייטן זיינע, בימי דענווער און ליבערטי, מורא געהאַט פאַר זיין לעבן. און לייוויק האָט גובר געווען און איז געוואָרן דער שטאַרקסטער, דער גיבורדיקער שליח־ציבור, וואָס האָט מיט זיין וואָרט אונדז געפירט דורך „בלוט, טויט און לעצטן אָטעם" צו — גאולה.

ווייסט לייוויק פון דעם גרויסן אחריות, וואָס ער טראָגט אויף זיך. ער ווייסט, אַז נאָכן דריטן חורבן אונדזערן, איז די שליחות פון יידישן שרייבער, פונעם יידישן וואָרט־מענטש אַ גרעסערע. ער ווייסט אונדזער מעמד. ער ווייסט די געפאַרן, וואָס לויערן אויף אונדז, אויף אונדזער לשון, אויף אונדזער קיום און ער איז אויך אין טיפער באַנעמונג פון דעם מזרחדיקן אויפגאַנג אין אונדזער לעבן. דערפאַר — אַזאַ איינגעשפאַרטע שעפערישקייט, אַזאַ כסדרדיקע נייקייט אין זיין וואָרט, ווי ער וואָלט איצטער געשטאַנען פאַר אַ נייעם אָנהייב. דאָס איז דאָך די בעסטע ברכה פאַר אַ שרייבער:

איך הייב זיך אויף ווידער און שפאַן אַוועק ווייטער.

וויל זיך דאָ איבערזאָגן די רייד פון אַ גרויסן יידישן פּאָעט, וואָס ער האָט געזאָגט אויף אַ מסיבה פון יידישע שרייבער, אין אַ יידישער שטאָט, אין קאַנאַדע, לעצטן האַרבסט: „איך בין גליקלעך, וואָס איך האָב זוכה געווען צו לעבן אין אַ דור, אין וועלכן עס לעבט און ווירקט דער גרעסטער יידישער דיכטער פון אַלע דורות — ה. לייוויק".

„טינט און פעדער", פעברואַר 1949

ה. לייוויק

זענען דאָ רגעס, מינוטן, שעהען, מעת־לעתן, ווען עס וויל זיך זיין שטום, נישט רעדן, נישט אַרויסלאָזן קיין פּאַרע. איין זאַך, וואָס מען קאָן דעמאָלט טאָן איז — שווייגן. שווייגן און אַריינשווייגן אין זיך, אין אַלע אַרום, דעם צער, דעם ווייטיק און דעם פּיין.

וואָס קאָן מען רעדן, וואָס קאָן מען זאָגן, וואָס?

מען שטייט פאַר אַ וואַנט, אַ וואַנט, וואָס פאַרשטעלט, מאַכט פינצטער, עס וויל זיך, עס רייסט זיך דאָס גאַנצע ביסל כוח די וואַנט איינצוברעכן, דורכצובויערן און קומען צו אַ ביסעלע ליכט.

וואָס קאָן מען זאָגן, וואָס קאָן מען רעדן, בשעת מען טראַכט, ווען מען קלערט און באַקלערט דעם גורל, דעם ביטערן, דעם שווערן און דעם אכזריותדיקן גורל פון אונדזער לייוויקן?

וואָס קאָן מען זאָגן, וואָס קאָן מען רעדן?

ער לעבט דאָך אין אונדז, מיט אונדז און אַרום אונדז. ער באַלייכט אונדז אין אַלע רגעס, ביי אַלע געשעענישן, אין אַלע טרעפונגען טוט מען אַ זאָג:

וואָס וואָלט לייוויק געזאָגט? ווי וואָלט זיין וואָרט באַלויכטן אָט דעם וועג? ווי אַזוי וואָלט זיין ליד געקלונגען אין אַזאַ מעמד פון אונדזער טאָג?

ווי היימלעך וואָלט אונדז געווען, ווי גרינגער וואָלט אונדז געווען, ווען לייוויק וואָלט אונדז געלאָזט הערן, וואָס ער טראַכט, וואָס איז זיין צוגאַנג, זיין מחשבה און וואָס איז זיין חלום, זיין האָפענונג.

וויפל לידער, וויפל לויטערקייטן וואָלט לייוויק אַריינגעאָטעמט אין אונדזער לעבן, ווי הויך וואָלט ער אונדז גענומען אויף זיינע פליגל אין די הימלען פון זיין אויפגעלויכטן לעבן.

איז דאָך לייוויק געווען דער גרויסער מייסטער, וואָס האָט געקאָנט פאַר אונדז אויסטייטשן און פאַרטייטשן די סודות, די טיפקייטן, פון

„קליינקייטן", פון זאַכן, וואָס זענען מיט אונדז אַזוי פשוט און קלאָר; וויפל וואָלט לייוויק געקאָנט אויפדעקן און אַנטפּלעקן אין זאַכן, וואָס זענען פאַר אונדז פאַרהוילן, פאַרבאָרגן און פאַרשטעלט.

איז מען דאָך ביז היינט נישט געקומען צו די טיפקייטן פון די לויטערע קוואַלן, וואָס לייוויק האָט זיי געעפנט, איז מען דאָך ביז היינט נישט דערגאַנגען צום ווונדער פון זיין יצירה, פון זיין גרויס־קינסטלעריש געשטאַלט און פון זיין לעבן.

מיר האָבן הנאה, גרויס הנאה, ווען מען עפנט זיינע ביכער, ווען מען אָטעמט אין זיך אַריין די זאַלבן פון זיין וואָרט און בשעת מען טובלט זיך אין די פאַרבן, וואָס זיין פּענדזל האָט אַריינגעמאָלן אויף די לייוונטן פון זיין שאַפן.

מיר האַלטן אין איין אויפגיין, אין איין אויפשטייגן מיט זיינע געשטאַלטן, וואָס ער האָט געבויט, בשעת מיר גייען מיט אים אין די טיפסטע הייכן, אין די פינצטערנישן, צו ליכט, צו זון.

מיר דערזען, ווי לייוויק איז אין כסדרדיקן געראַנגל מיט אַ חושך וואָס יאָגט זיך אויף אונדזער לעבן, ער האַלט אין איין צעברעכן די פינצטערניש און גייט כסדר פול מיט בענקשאַפט צו ליכט, צו זון, צו אויפוואַכונג.

דאָס איז געווען זיין גאַנג, זיין דרך, זיין שווערער וועג אין יעדער רגע פון זיין לעבן, פון זיין שאַפן. ווו מען זאָל נישט אויפמישן, ווו מען זאָל נישט לייענען און טראַכטן — אומעטום — פון אומקום, פון גרויסן געראַנגל פון דעם מענטש זיך צו באַפרייען, אַרויסרייסן פון חושך.

וואָס זשע איז דאָ צו רעדן, וואָס איז דאָ צו זאָגן, ווען מיר אַלע, אַלע ווייסן פון דעם גרויסן קלעם, פון די צוואַנגען, וואָס האָבן אַריינ־געכאַפּט אונדזער לייוויקן, און — עס בענקט, עס רייסט זיך דאָס האַרץ צו תפילה, צו געבעט, צו רחמים פאַר דעם, וואָס דאַרף רחמים האָבן יעדע רגע, יעדע שעה.

איז לייוויק געשמידט, אַ גורל אַזאַ: אייביק זיין געשמידט אין קייטן. אַ לעבן אַזאַ פון אַ מענטש, פון אַזאַ מענטש, צו זיין געשמידט, צוגענאַגלט צום אייביקן פיין. לייוויק איז קראַנק, שלאַף, און עס קאָן זיין מויל נישט רעדן און זיין האַנט — נישט שרייבן, זיין ליד זינגט נישט, און די מענטשן,

וואָס האָבן געוואַרט, ער זאָל זיי קריצן, טאָקן און באַשאַפן, זענען שטום. די לייוונטן, וואָס האָבן געוואַרט ער זאָל זיי באַמאָלן מיט זיינע פאַרבן, וואַרטן, זענען ליידיק, ליידיק און וויסט. אַ פאָלק, אַן אומה, אַ וועלט וואַרט עס זאָל זיך אויפהייבן זיין האַנט, עפענען זיין מויל, ער זאָל ווידער אַ מאָל צערייסן די קייטן און באַפרייען זיך, באַפרייען אונדז אַלע פון זיין פיין, פון זיין תפיסה, פון זיין קלעם.

מיר וואַרטן אַלע, אַלע וואַרטן מיר אויף דעם נס:

לייוויק שרייבט, לייוויק רעדט, לייוויק געשטאַלטיקט, באַשאַפט פאַר אונדז, פאַר דער וועלט זיינע זעונגען, מחשבות, און פיינען פון די יאָרן, זינט ער איז שלאַף, קראַנק, געשמידט אין איין גרויסן קלעם.

האָט ער דאָך שוין אַזוי פיל קייטן צעריסן, אַזוי פיל פינצטערנישן דורכגעריסן און אויפגעריסן, אַזוי פיל פיינען דורכגעליטן, און געקומען צו ליכט, צו זון, צו אַזוי פיל זון, זיצן מיר און — וואַרטן, האָפן און וואַרטן, עס זאָל געשען דער נס, לייוויק זאָל אַרויס פון זיין קלעם!

זאָל ער!

„טינט און פעדער", 15.5.1961

א. לעיעלעס־גלאַנץ

אין דער יידישער ליטעראַטור, דער נייער פון אונדזער דור, האָט זיך אַריינגעריסן דער אימפּעט פון א. לעיעלעס. נישט צופעליק איז דאָס קול פון אַ. לעיעלעס־גלאַנץ געווען הויך און הערנדיק. איז ער דאָך באַלד געקומען ווי אַן אָנזאָגער פון אַ נייעם דרך, פון אַ וועג, וואָס האָט גע־דאַרפט פירן צו אַ נייער שיטה אין דער יידישער דיכטונג, אין דער יידישער ליטעראַטור.

איז לכתחילה זיין ליד נישט אָנגענומען געוואָרן. ס'איז שווער געווען תופס צו זיין די אופנים פון זיין אויסדרוק; פון דער פאָרעם אין וועלכן ער האָט אַריינגעזונגען. סאיז נישט גרינג געווען צו באַנעמען דעם אָפּהילך פון גרויסשטאָט, וואָס האָט זיך געהערט פון לעיעלעס' וואָרט. איז דאָך דער לייענער פונעם יידישן ליד געווען לרוב אַ שטעטלדיקער, אַ שטילער.

האָט גענומען לאַנג, זייער לאַנג — אַ דור, אַ גאַנצער — ביז דער עקספּערימענט וואָס א. לעיעלעס האָט אויספּרובירט „אין זיך" זאָל ווערן דער קנין פון דעם יידיש־לייענער. מ'האָט אין דעם „רעשיקן" אָנקום פון אַ נייער ריכטונג, וואָס האָט פאַר די לידער געשיקט, אין פאָרויס, דעקלאַ־ראַציעס און מאַניפעסטן זיך אַ ביסל דערשראָקן און במילא פאַרזען דעם סאַמע תוכן פון זייער וואָרט, דעם עיקר פון דער „שפּיל" האָט מען פאַרזען צוליב די „דעקלאַראַציעס".

האָט זיך געפאָדערט זייער אַ סך עקשנות נישט אָפּצוטרעטן פון דעם אייגענעם ווילן. נישט אָוועקפאַלן אין מיטן וועג. ס'האָט באַדאַרפט אין פיין, אין שטילער אַליינקייט, אויסגעטראָגן ווערן נישט נאָר דאָס אייגענע וואָרט, דער אייגענער איינפאַל — אויך דאָס שטומקייט פון דעם אַרום. דערפאַר האָט זיך געדאַכט, אַז א. לעיעלעס פירט „מלחמה", איז אין אַ כסדרדיקן קריג מיט די איינגעשטאַנענע פאָרמעס, מיט דעם דרך־המלך אין אונדזער ליד. באמת איז די מלחמה געווען מער מיט זיך

אַליין אַרויסצוקריגן פון זיך דאָס סאַמע געלייטערטסטע, דאָס ריינסטע, דאָס קלאָרסטע וואָרט, און קלאַנגען, וואָס יידיש־לשון איז נאָר בכוח געווען צו דערלאַנגען.

דאַרף אויך גענומען ווערן אינעם חשבון־לעיעלעס: אַן אויסגעוואַקסענער אין דער וועלט, פון פריסטער יוגנט — אַ וועלט־מענטש. עס הייסט: באַקומען די יניקה פאַר זיין שאַפן, נישט אויף דער פעטער ערד פון יידישן שטעטל. פון האַרטן שטיין און שטאָל, פון שטאָטישן רעש און האַסטיקייט, פון דעם גרויס־שטאָט־שגעון, פון פאַרגראַטעוועטע פענצטער און תפיסהדיקע צימערלעך, האָט א. לעיעלעס באַדאַרפט דערזען די „ווייסקייט" פון דער וועלט, דאָס ליכט פאַר זיין וואָרט.

בשעת מיר גייען מיט א. לעיעלעס דעם וועג פון „לאַבירינט" ביז „אַ ייד אויפן ים", ווערן מיר געוווירֿ, אַז ס'האָט געלוינט דאָס כסדרדיקע זוכן און קלעטערן צום סאַמע עיקרדיקסטן אויסדרוק; צום סאַמע שאַרפסטן פאַרגלייך אין דעם אויפבוי פון פערז און געשטאַלטונג פון דער אָנקומענדיקער שטימונג. איז אויך דאָס נישט־יחידישע, דאָס כלל־ליד ביי א. לעיעלעס אַנדערש און קומט דורך זיך צו די אַלע פּראָבלעמען, אידעען, נאַציאָנאַלע, סאָציאַלע, וואָס זענען אַרויפגעוואָרפן געוואָרן אויף די אַקסלען פון אונדזער דור.

אַזוי אויך מיט זיינע דראַמאַטישע ווערק. דורך געשטאַלטיקן דעם וויטן יידישן עבר האָט א. לעיעלעס ווידער אַריינגעטאָן זיין הייניטיקן אימפּעט און זיינע איצטיקע זעונגען. בכדי צו קאָנען בולטער מאַכן דעם „איצט" איז ער אָוועק צום „נעכטן" און פון דאָרט באַקומען די פאָרעמס אַריינצוטאָן זיינע הייניטיקע אידעען און זוכענישן. איז א. לעיעלעס אויך אין זיינע דראַמאַטישע פּאָעמעס מער מקפיד אויף דער אָרגאַניזירונג פון די געשעענישן; אויף דעם בוי פון דער סצענע און דיאַלאָג, ווי אויף דער צופעליקער שטימונג. ווערן ביי אים היסטאָרישע יידישע העלדן היימישע, אייגענע מענטשן פון אַרום דער אייגענער שטוב, ווייל זיי טראָגן אין זיך דעם תוך פון אַ מענטש, וואָס דענקט און זעט דורך זיך און אין זיך דעם היינט און וויל אַזויערנאָך פאַרבינדן דיביידע וועלטן.

✶

דאַרף מען נישט אָפּטיילן א. לעיעלעס, דעם מאַן פון ליד, דעם פּאָעט, פון א. גלאַנץ, דעם בויער פון דעם יידיש לעבן אין אַמעריקע. איז דאָס אַ גרויס קאַפּיטל אין דעם לעבן פון א. לעיעלעס־גלאַנץ, אַ קאַפּיטל, וואָס דאַרף איצטער דערפאָרשט ווערן. פּונקט, ווי ביים וואַרשטאַט פונעם ליד, אַזוי אויך אין דער קוזשניע פון אונדזער יידיש־געזעלשאַפטלעכקייט פאַר־נעמט א. גלאַנץ אַ גאַר באַזונדער אָרט. איז ער דאָך ממש געשטאַנען ביים וויגעלע פונעם היגן יידישן לעבן. מיט די אייגענע הענט געקנאָטן דאָס ליים און — געגעבן זין און פאָרעם דעם אויפקום פון אונדזער גרויסן יידישן ישוב. נישט קיין נפקא־מינה צי ער האָט עס געטאָן מיט זיין שריי־בערישן וואָרט אין זיין צייטונג, אָדער אויף אַ ראָג פון אַ יידישער גאַס אין ניו־יאָרק, אָדער אין אַ יידישן גאָרטן, אומעטום האָט ער געלאָזט הערן זיין אייגן קול, געזאָגט זיין געדאַנק און געהאַט אַ גרויסע השפעה אין דער אויספאָרעמונג פון אונדזער היגן לעבן.

אויך דאָ איז א. גלאַנץ אַ גרויסער מאַמין און מיט דער זעלבער עקשנות ווי אין זיין ליד, פירט ער זיין מלחמה מיט דעם אָרום. אָבער אין דעם גרעסטן חושך ברענגט ער אַ ליכטיק וואָרט, אַ וואָרט, וואָס הייבט־אויף אַ געפאַלענעם. זיין עסייִסטיק, וואָס ווערט דורך דער צייטונג „פּובליציסטיק", איז אַ טייל פון זיין פּאָעטישער שעפערישקייט, במילא, ווירקנדיק. איז ער דאָך פון די געציילטע צייטונג־מענטשן, וואָס דער רעדאַקציע־טיש האָט נישט חרוב געמאַכט דעם קינסטלער; איז ער דאָך פון די אויסנאַמען, וואָס זענען נישט געגאַנגען צום „עולם", נאָר געזוכט דערהייבן דעם יידישן מענטש צו חשיבות און אַ פול יידיש לעבן. איז דאָך זיין גרויסע פאַרליבטקייט אינעם קינסטלערישן יידישן וואָרט געוואָרן אַ יסוד אויך פאַר זיין טאָג־טעגלעכער שליחות צו זיין אַ בויער פון יידיש לעבן.

אויב ס׳איז שייך צו רעדן ביי אונדז פון שׂכר, קאָן עס א. לעיעלעס געפינען אין דער יידישער ליטעראַטור, וואָס איז אַזוי גרויס געוואָרן אין אונדזער דור, אין וועלכער ער האָט געבראַכט וואָגיקע, גרויס־קינסטלע־

רישע ווערק, און ווי א. גלאַנץ קאָן ער געפינען זיין שׂכר, וואָס ער האָט מיט זיין וואָרט, מיט זיין פּיאָנערישער בוי־אַרבעט, געהאָלפן אויפקומען דעם יידישן קיבוץ אין אַמעריקע, וואָס איז געוואָרן, נאָך דעם גרויסן חורבן און אונדזער לעבן, דער גרעסטער יידישער קיבוץ אין דער וועלט.

„טינט און פעדער״, סעפטעמבער 1949

יוסף אָפּאַטאָשו

ווען מען זאָגט יוסף אָפּאַטאָשו — וויקלען זיך פאַר אונדז פונאַנדער יידישע דורות. גייען־אויף תקופות, וואָס האָבן זיך איינגעקריצט אין דער וועלט. בשעת מען עפנט די אָפּאַטאָשו־ווערק, וואָס ער האָט געשאַפן במשך פינף־און־פערציק יאָר. דערהערן מיר דעם גאַנג פון יידישע עדות און מיר דערזען דאָס ליכט, וואָס האָט זיי געפירט.

נישט צופעליקע יידן, נישט סתם־„פאַרשוינען" האָט יוסף אָפּאַטאָשו אַריינגעפירט אין אונדזער ליטעראַטור, אין אונדזער לעבן. ניין. די געשטאַלטן, וואָס ער האָט אויפגעלעבט, זענען געוואָרצלט און שטאַמיק, געזונטע דעמבעדיקעביימער אין דעם יידישן וואַלד. יידן, וואָס זענען געקייטלט, צוגעגאָרטלט איינער צום צווייטן. נישט קיין אָפּגעריסענע גלידער. ניין. יידישע פּנימער, ווי אַלטע פאַרגעלטע גמרא־בלעטער; יידישע פלייצעס, ווי הויכע דעמבעס אין די וועלדער פון דער וועלט.

הערט מען פון „אויף יענער זייט בריק" ביז „בר־כוכבא" — איין ניגון, איין געזאַנג — יידיש לעבן.

יוסף אָפּאַטאָשו האָט קיין מאָל נישט אָנגעזאָגט דער וועלט: „כ'גיי זיך פאַרמעסטן". ניין, שטיל, אַזוי האָט ער אין זיינע פינף־און־פערציק יאָר שרייבערישער אַרבעט — אָנגעבויט בנינים, וואָס וועלן אַוועקשטיין פאַר דור־דורות.

אדרבא, זייט אַ בעלן און לייענט איבער יוסף אָפּאַטאָשון. נישט נאָר זיינע גרויסע ווערק, די שווערע, די פילזייטיקע. לייענט מיט אַ סדר. ווי ער האָט זיי געשריבן. לייענט אויך די קליינע דערציילונגען, וואָס ער שרייבט און דרוקט „משבת־לשבת", לייענט. כאַפּט נישט. געלאַסן. פאַר־טראַכט זיך, קוקט אַריין אין די לעבנס, אָטעמט דעם אָטעם און דערפילט דעם ריח. דערהערט דעם קלאַנג, דאָס לשון. דערזעט די הימלען, די געסלעך, די געמאַרקן. נעמט אַוועק די פלויטן. לייענט און טראַכט. טראַכט

וועגן יעדן מענטש, וואָס יוסף אָפּאַטאָשו האָט געשטאַלטיקט. זעט זײַנע תנועות, דערזעט זײַנע אויגן, דעם ציטער פון די ברעמען, דעם צאַפּל פון זײַן גוף, הערט וואָס זיי רעדן, ווי אַזוי זיי רעדן, ווײַנט מיט זייער געוויין און פײַניקט זיך מיט זייער ספקות, גלייבט מיט זייער אמונה. כאַפּט נישט, געלאַסן. וועט איר באַוווּנדערן — יוסף אָפּאַטאָשו.

✶

אונדזער ליטעראַטור איז גרויס. רײַך. קינסטלעריש. מ׳קען גאָר נישט אָפּשאַצן דעם פאַרנעם פון דער יידישער ליטעראַטור פון די לעצטע פופציק יאָר. נישטאָ די כּוחות, וואָס מ׳דאַרף האָבן צו קאָנען דערציילן פון די דערגרייכונגען פון אונדזער ליטעראַטור — אין אַלע פאָרמען. ביי די אומות העולם טוען עס גאַנצע מחנות פון געלערנטע און פאָרשער. אין הונדערטער אוניווערסיטעטן ווערט געלערנט ליטעראַטור. מ׳זוכט אַ וואָרט. אַ קלאַנג. אַ קנייטש און אַ נייעם שרײַבער. נישט ביי אונדז. פון אָנהייב, באַלד ביים אָנהייב האָט מען אונדזער ליטעראַטור אַוועקגעשענקט די „קעלער־שטיבער״. און ווונדער איבער ווונדער — פון די „קעלער־שטיבער״ ביז צו די הימלען.

אָבער ווער וועט שאַצן און אָפּשאַצן. ווער וועט זיך עס אַוועקזעצן ביי אונדז, סתם־אַזוי, ביי די בלעטער פון אונדזער ליטעראַטור און דערגיין צו איר גרויסקייט? ווער וועט אַרײַנגיין אין דער וועלט פון יוסף אָפּאַטאָשו און אונדז איבערדערציילן פון די אַלע אויפטוען, וואָס ער האָט באַוויזן אין די פינף־און־פערציק יאָר?

✶

האָט זיך יוסף אָפּאַטאָשו נישט דערשראָקן פאַר זײַן גורל. צו בלייבן אַ שרײַבער פאַר די „קעלער־שטיבער״ און — ער האָט זײַן שׂכר. ווי אַ געניטער מייסטער האָט ער אויסגעהאַקט יידישע געשטאַלטן, וואָס וועלן לעבן־בלײַבן לדורות. ער האָט דאָס געטאָן מיט גרויסע יידן און מיט נידעריקע, געבויגענע, באַעוולטע פּראָסט און פּשוטע חי־וקימס; ער האָט אויפגעהויבן דעם פאַרהאַנג און אונדז געוויזן די מנהיגי־הדור און די

געזונטע יידישע מענטשן פון אונדזערע שטעט און שטעטלעך; ער האָט עס געטאָן מיט די העלדישע היסטאָרישע ריזן און מיט די לעצטע, גאָר לעצטע געפאַלענע אין די יידישע געטאָס. ער האָט זיי אויפגעלעבט, אַריינגעאָטעמט אין זיי זיין אָטעם, זיין גבורה, זיין אמונה.

✶

דערמאָנט זיך מיר: מיט קנאַפּע דרייסיק יאָר צוריק. אָפּאַטאָשו איז געקומען קיין פוילן. קיין וואַרשע. ער האָט געבראַכט די פוילישע יידן אַ זייער גרויסע מתנה: „די פוילישע וועלדער". פאַר נאַכט אויף אַלט־שטאָט, קעגנאיבער דער ווייסל, אויף אַ טרעפּ פון אַן אַלט הויז, זיצט יוסף אָפּאַטאָשו. דעם קאָפּ אין די הענט, קוקט צו דער ווייסל. אַזוי זענען געזעסן יידן ביי די בבל־טייכן. אַזוי איז געזעסן יוסף אָפּאַטאָשו. און אפשר האָט ער שוין דעמאָלט געטראַכט וועגן דעם וויסטן גורל פון זיינע יידן, די פוילישע יידן, צו וועמען ער איז געווען אַזוי שטאַרק צוגעבונדן און זיך געגרייט זיי אַריינפירן אין אונדזער ליטעראַטור, אין אונדזער לעבן? אפשר.

דערמאָן איך זיך: האַרבסט ניינצן־ניין־און־דרייסיק. ניו־יאָרק. פוילן איז שוין חרוב. דאָס יידישע לעבן אין פוילן — חרוב ומוחרב. אין אַ פאַרחושכטער קאַפע, נאָענט פון די יידישע טאָגבלעטער. ס'איז פרייטיק, נאָענט צו אָוונט. די קאַפע איז ליידיק. אין אַ ווינקל זיצט ד"ר חיים זשיטלאָווסקי, לעבן אים — ברוך גלאַזמאַן. ד"ר חיים זשיטלאָווסקי קלאָגט זיך: „מ'שטעלט אַ ,פּאָדקאָוועָ' אונטער מיינט אַן אַרטיקל, דאַכט זיך ס'ערשטע מאָל". זיפצט ער. ברוך גלאַזמאַן — הערט און שווייגט. זאָג איך: „ר' חיים זשיטלאָווסקי. מען הערט שיסן; מען זעט די פלאַמען פון שענסטן יידישן קיבוץ אין דער וועלט. זיפצט איר איבער אַ ,פּאָדקאָווע', אַז איר זענט נישט גערעכט מיט אייער זוכן אַ שמץ פון גערעכטיקייט ביים גרעסטן רשע פון דער וועלט?" ער שווייגט, ברוך גלאַזמאַן — שווייגט. איך גיי אַרויס אויף דער איסט־סייד. פלאָנטער זיך מיט מיין טיפן טרויער איבער די חושכדיקע יידישע גאַסן פון דער וועלטשטאָט ניו־יאָרק. אַנטקעגן מיר קומט אָן אָפּאַטאָשו. זיינע גבורהדיקע טריט

וועקן־אויף. זיין יידיש פּנים — דערפרייט. „האָב באַקומען. איצטער־אָ אַנגעקומען פון ארץ־ישראל: ,שבת׳, דאָס ספר פון יידישן שבת. שבת — אַ גרויסער טאָג פאַר יידן. ניין. קיין רשע וועט אונדז נישט פאַרטיליקן. ניין קיין האַרמאַטן און באָמבעס וועלן נישט חרוב מאכן די יידישע נשמה״.

אין די שווערסטע מינוטן אונדזערע. אין מינוטן, שעהען, טעג פון יאוש, פון חשבון מיט זיך, מיט אַלץ, וואָס עס געשעט אַרום אונדז. אין אַזעלכע טעג איז גוט זיך צו דערמאָנען אין דער גרויסער ליבשאַפט, וואָס יוסף אָפּאַטאָשו האָט געבראַכט אין אונדזער ליטעראַטור צו אונדזער געפּלאָגט פאָלק. ס׳איז גוט, וואָס אַ בן־ששים, איז נאָך יוסף אָפּאַטאָשו געזונט, פריש און דעמביק, גרייט — צו בויען, צו שאַפן, זאָל ער עס פאַר לאַנגע יאָרן.

„טינט און פעדער״, סעפּטעמבער 1950

ישראל שטערן
(אַ דערמאָנונג)

א

איידער מיר נעמען רעדן וועגן ישראל שטערן, דעם יידישן פּאָעט, דעם גרויסן יידישן טראַכטער, וואָס איז אומגעקומען אין דעם גרויסן מבול, דאַרף מען אָנוואַרפן עטלעכע אָנמערקונגען, וואָס זאָלן כאָטש בקיצור דערציילן פון וואַנען ער איז געקומען, ווען ער איז געבוירן געוואָרן — און זאָגן, אַז וועגן זיין שטאַרבן זענען געבליבן זייער אַ סך לעגענדעס, וואָס פּאַסן זיך גוט אַריין אין דער גרויסער לעגענדאַרישער ראַם פון זיין לעבן. לאָמיר אָנהייבן:

ווען ישראל שטערן וואָלט נאָך היינט געלעבט, וואָלט ער פאַרגאַנגענעם שבועות אַלט געוואָרן זיבעציק יאָר. ווי כמעט אַלע יידישע שרייבער איז ישראל שטערן געקומען פון אַ שטעטל — אָסטראָלענקאָ, פּוילן. געקומען פון אַ משפחה מלמדים, סופרים און גרויסע אביונים. דורכגעגאַנגען דעם גאַנצן יידישן „קורס": חדר, ישיבות, און ווערט מגולגל אַזש קיין ווין, אינטערנירט אין אַ געפאַנגען־לאַגער און אין ניינצן זיבעצן קומט ער צוריק קיין פּוילן.

ווען ער איז געקומען קיין וואַרשע? — נישטאָ וועגן דעם קיין שום ידיעות. אין דער מאָגערער ביבליאָגראַפיע וועגן אים איז נישטאָ קיין שום פּרט, וואָס זאָל דערציילן מער וועגן זיין לעבן, איידער ער איז געקומען אין דער גרויסשטאָט און געוואָרן די לעגענדע אין דער יידיש־שרייבערישער סביבה און אין דער אויפקומענדיקער יידישער ליטעראַטור.

געוואָרן אַ לעגענדע אין די טעג, ווען לעגענדעס, אידיליעס און שטילע רייד זענען פאַרליאַרעמט געוואָרן, צעטראָטן פון דעם געשריי פון די „גלעקער", וואָס האָבן זיך אַריינגעריסן אין דעם יידישן לעבן. מען דאַרף

גוט געדענקען, אַז ישראל שטערן האָט זיך באַוויזן אין די טעג, ווען עס איז אויסגעלאַכט געוואָרן „דער לעצטער בעל־תפילה" און פאַרחוזקט געוואָרן „דאָס ווייַסינקע בעריאָזקעלע", וואָס איז געבליבן שטיין אַן אָפּגעשוונדנס אין דער גרויסער וועלט־קאַטאַסטראָפע.

די ממשלה איבער דער יידישער פאַרבענקטער יוגנט האָבן געהאַט די „גרויסע דריי" אין מדינת פוילן: פּרץ מאַרקיש מיט זיין „קופּע", אורי צבי גרינבערג מיט זיין „מעפיסטאָ" און מלך ראַוויטש מיט זיינע „נאַקעטע לידער". עס זענען פאַרשלאָסן און פאַרשפאַרט געווען די יידישע שטעט און שטעטלעך, פאַרקאָוועט די יידישע פענצטער מיט אייזערנע שטאַבעס, ווי תפיסות; אָפּגעשניטן פון דער גרויסער וועלט. אַמעריקע — אַ גרויסער יידישער חלום — נישט פאַרווירקלעכט צו ווערן; ארץ־ישראל (וואָס האָט דעמאָלט געהייסן „פּאַלעסטינע", אַ מדבר, גוט פאַר ארץ־ישראל־זאַמד און — צו פאָרן אַהין שטאַרבן), דאָס לאַנד פון דער „גרויסער גאולה" — נאָך אין די וויקעלעך. זענען געקומען די „גרויסע דריי" און פאַרכישופט דעם יידישן ייד, די יידישע זין און טעכטער, וואָס האָבן געוואַרט אויף אַ משיח, וואָס האָבן כאָטש געוואָלט מיט לידער זיך פאַרוויגן; זענען געקומען און צעריסן די שטילע אידיליע, צעפליקט דאָס יידישע שטעטל, אַראָפּגעריסן די אַטלאַסענע קאַפּאָטע פון „שלמה־נגיד". עס האָט געשפּאַנט אין דעם יידישן לעבן אַ מחנה, מען האָט געקאָנט מיינען גאַנצע באַטאַליאָנען, און געריסן די לאָדנס פון די יידישע שטיבער. אַפילו ווען דוד איינהאָרן האָט שוין געזאָגט זיין גרויסן „קדיש" נאָך די צען מיליאָן, האָט מען שוין אויך נישט געהערט. מאַרקיש האָט געקלונגען אין די „גלעקער פון קראַנשטאַט", אורי צבי האָט געלאַכט מיט אַ טייוולשן געלעכטער, און מלך ראַוויטש האָט געפּראַוועט „נזירות", געלעסטערט גאָט און וואָס עס איז נאָר געווען אַ מעגלעכקייט געלעסטערט צו ווערן.

אין אַזעלכע טעג איז געקומען ישראל שטערן. געקומען און — אָן „מאַניפעסטן", אָן טראַקטאַטן, אָן פויקן אייַנגענומען, געקרוינט געוואָרן פאַר דעם, וואָס זאָגט שירה, וואָס איז ווידער מחזק די גרויסע יידישע טראַדיציע אין דער וועלט פון ליד, איז ווידער דאָ מיט דעם „שטילן קול" פון דעם „יידישן בעל־תפילה" און קאָן זיך ווידער פאַרטראַכטן איבער

דעם עלנטן „בעריאָזקעלע״, וואָס שטייט אַזוי פאַרציטערט אין דער יידישער גאַס. ישראל שטערן איז געקומען מיט אַ נייעם נוסח, וואָס איז אין סאַמע תוך געווען דער אַלטער יידישער נוסח פון פיוט, פון תפילה, פון תחינה און פון חזיון.

האָט זיך טאַקע דער גרויסער רעש איינגעשטילט. אויף דער „קופּע״ האָבן אָנגעהויבן וואַקסןביימער. מאַרקיש האָט אָנגעהויבן זיך לייטערן, אַוודאי און אַוודאי אין די שפּעטערדיקע יאָרן — געוואָרן שטילער, לויטערער, געצאַמטער; ער האָט אָנגעהויבן צו דערפילן, אַז אַ ייד דאַרף מער האָבן אין זיין מוח, אויף זיין שטערן, מער ווי דעם „גלאָבוס״, אַ סך מער. אורי צבי גרינבערג האָט זיין „מעפיסטאָ״ פאַרוויגט אין „פאַרנאַכטנגאָלד״ און מלך ראַוויטש האָט זיך איינגעהילט אין זיין פאָן, וואָס איז שוין געווען פאַרפלעקט מיט בלוט. די גאַנצע מחנה איז געוואָרן מיושבדיקער, געמיטלעכער און די לעגענדע שטערן איז נאָך לעגענדאַרישער געוואָרן.

ב

קיינער האָט נישט אָנגעהויבן צו וויסן עפּעס וועגן זיין לעבן. נישט ווו ער שלאָפט און נישט צי ער האָט וואָס אין מויל אַריין צו נעמען. מען האָט נישט געוווּסט ווער עס האָט אים געדרוקט זיינע ערשטע לידער. איז געווען אַ שמועס, אַז הלל צייטלין האָט אים מגלה געווען, האָט אים געדרוקט זיינע ערשטע לידער אין „מאָמענט״. אַנדערע האָבן געזאָגט, אַז ס׳האָט אים אַנטפּלעקט אַ „בונדישער״ מבין און געדרוקט זיינע ערשטע לידער אין אַ בונדישער אויסגאַבע. די לעגענדעס האָבן זיך געשפּונען, און יעדער שיר, וואָס האָט זיך באַוויזן אין וועלכער עס איז אויסגאַבע, האָט געמאַכט אַ גרויסן איינדרוק. גרויס באַוווּנדערונג האָט אַרויסגערופן ביי אַלעמען, ממש איבער גאַנץ פּוילן און מחוץ פּוילן, זיין „פרילינג אין שפּיטאָל״.

וואָס זשע איז געווען דער גרויסער חידוש אין זיין ליד, וואָס האָט אַזוי מרעיש־עולמות געווען? וואָס פאַר אַ כישוף האָט געהאַט זיין וואָרט, וואָס האָט אונדז אַזוי פיל אויפגערודערט, צעגומען? ער האָט דאָך אַזוי

ווייניק לידער פאַרענפנטלעכט, און דאָך איז זיין נאָמען אַזוי טיף פאַרוואָרצלט געוואָרן אין דער גרויסער יידישער פּאָעזיע און מיט זיינע עסייען אין דער שאַרף־פּאַרטיפטער יידישער מחשבה. מיט וואָס האָט זיך ישראל שטערנס אַ שיר אונטערגעשיידט פון אַנדערע יידישע לידער פון די „בערן" אין מדינת פּוילן און פון די „משוררים" אַרום די עטלעכע גרויסע חזנים? מיט וואָס?

ווענן מיר לאָזן רעדן איינעם פון די „דריי", זיין קוק און תשוקה, וואָס אַ יידיש ליד דאַרף זיין צו זיין אַ ליד, וואָס עס דאַרף אין זיך האָבן בכדי צו ווערן אַ קנין פון דעם גרויסן אוצר פון יידישער שירה.

איז די מעשה אַזוי געווען:

אין איינער אַ נאַכט, אין דער יידישער שטאָט וואַרשע, זענען אין אַ קליינעם זאַל, נישט גרעסער ווי אַ „שניידער־שולכל", מיט אַ קליין בינעלע, געווען פאַרזאַמלט די פּני פון יידיש־שרייבערישן פּוילן. וואָס האָבן זיי געטאָן אין דעם אויפדערנאַכט? זיי זענען געווען עדות אין דעם גרויסן געפעכט, וואָס עס איז אין דעם „שולכל", אויף טלאָמאַצקע דרייצן, פאַרגעקומען צווישן הלל צייטלין און דער „כאַליאַסטרע". וואָס אויף יענעם קליינעם בינעלע האָט זיך יענע נאַכט אָפּגעטאָן, זענען נישט מיינע כוחות דאָס צו באַשרייבן. ניין. הלל צייטלין האָט זיך מיט תחנונים געבעטן, ער האָט תפילה געטאָן, עס זאָל אַראָפּגענומען ווערן פון דער יידישער שירה דער חוזק, די לעסטערונג, און די יידישע לידער זאָלן אויפהערן אַרומצוגיין מיט „צילינדערס אויף די פיס און שטיוול אויף די קעפּ". דער דאָזיקער אויפדערנאַכט איז נישט געווען קיין „צופאַל". דאָס איז געקומען ווי אַ פּועל־יוצא פון זייער אַ סך מאמרים, וואָס הלל צייטלין האָט דעמאָלט פאַרעפנטלעכט קעגן דער מאָדערנער יידישער פּאָעזיע און גערופן צוריק צו יידישער טראַדיציע אין דער יידישער שירה. עס האָבן דעמאָלט גערעדט קעגן הלל צייטלין זייער אַ סך שרייבער און קולטור־עסקנים. פּרץ מאַרקיש האָט יענע נאַכט אַרויסגעוויזן זיין גאַנצע „עלעגאַנץ". ער האָט זיך אָנגעטאָן אַ סך כוח צו שאַנעווען דעם גרויסן יידישן תלמיד־חכם, האָט אָוועקגעלייגט זיין „בייע תורה" מיט גרויס געניטשאַפט און וויסן פון אַלע שיטות אין דער פּאָעזיע בכלל און דער יידישער בפרט. עס האָבן אויך באַוויזן זייער

למדנות אַ סך אַנדערע. דער געפעכט איז געווען פאַרענדיקט. דער עולם האָט אָנגעהויבן גיין. ווען איך בין שוין געווען אויף דער גאַס, איז צוגעקומען אורי צבי גרינבערג; מיר גייען דאָך צוזאַמען, מיר וווינען דאָך בשכנות. גייען מיר. אורי צבי גרינבערג אין טיפן שווייגן. פלוצעם: „יאָ, אַזוי לאַנג ווי אין דער יידישער פּאָעזיע וועט נישט זיין דער ניגון פון — ‚ואני בבואי מפדן, מתה עלי רחל‘, וועלן מיר קיין יידיש ליד נישט האָבן“. אַזוי האָט ער געזאָגט — און מיר האָבן זיך געזעגנט.

איז אָבער אין דעם גאַנצן רעש געקומען ישראל שטערן מיט דעם־אָ ניגון, וואָס אורי צבי גרינבערג האָט אַזוי געוואָלט אים האָבן אינעם יידישן ליד. דערפאַר האָט ישראל שטערן מיט אַזאַ קליינע צאָל לידער איינגענומען די יידישע שירה. במילא האָט זיין ליד זיך נישט געשפּילט אין קיין „מאָדעס“, נישט געחכמהט זיך, נישט גערעדט „צו דער וואַנט“, נישט געהאַט קיין צייט צו מאַכן „עקספּערימענטן“. ריינע שירה. יעדער פאַרגלייך אין ישראל שטערנס אַ ליד קומט פונעם ליד גופא, קומט פון דערזען ליכט, געפלאַכטן אין ליכט, גייט־אויף צוזאַמען מיט דעם וואָרט, מיט דער שורה — ליד.

עס איז שווער, זייער שווער צו רעדן פון ישראל שטערנס לידער פון אויסנווייניק. נישטאָ קיין אָרט אין דער יידישער וועלט, ווו עס זאָל זיך געפינען גאַנץ שטערן. לידער האָט ער געשריבן זייער ווייניק. מער האָט ער געשריבן מאַמרים. דאָס וואָס ישראל שטערן האָט מצמצם געווען אין שירה, האָט ער ממלא געווען אין מאמרים. קאָן זיין, אַז אין אונדזערע טעג איז שוין אַפילו שווער תופס צו זיין די דרכים, ווו ישראל שטערן איז אויף זיי געגאַנגען, סיי אין ליד, סיי אין מאמר. אָבער פאַר די יודעי־חן וועט זיין אַן ענין אַ טייטש צו טאָן עטלעכע אייגנקייטן, וואָס נאָר ישראל שטערן איז איבער זיי דער בעל־הבית.

מען האָט געזאָגט אין וואַרשע, אַז דאָס ערשטע ליד פון ישראל שטערן איז געווען „אַ לאַמטערנע“. דאָס ליד איז נישטאָ אין קיין שום זאַמלונג. קאָן זיין, אַז ישראל שטערן האָט דאָס ליד געדרוקט אין אַ צייטונג. אָבער יידישע שטעט און שטעטלעך אין מדינת פּוילן, אפשר אויך יידן אין אַנדערע לענדער, האָבן געאָכצט מיט דער „לאַמטערנע“, האָבן געוויינט

איבער דעם גורל פון אַ „לאַמטערנע" אויף אַ פאַרחושכטער יידישער גאַס אין וואַרשע. עס איז אין דער קליינער צאָל לידער פון ישראל שטערן נישטאָ קיין אַנטלויפן פון לעבן. נישטאָ. עס איז אָבער יאָ דאָ פולע עמער ליבשאַפט צום מענטש, צו דעם צעבראָכענעם, דעם פאַרווירטן און פאַר־בלאָנדזשעטן אין דער וועלט. טוט זיך ישראל שטערן אַזאַ מין זינג: „כ'זוך נישט קיין געלט, און נישט קיין רום, ווען איך זינג. צו גאָט גייט מען איינער אַליין". אָדער: „זאָל מיין ליד זיין אויף שלעסער פאַרשלאָסן, הייליק שטיל זאָל דאָרט זיין". אָט אַזאַ מין „הייליקע שטילקייט" איז געווען זיין טאָג־טעגלעכקייט. און נישט פאַרשטענדלעך, פאַר וואָס ער וואַרפט זיך נישט מיט זיין כוח אויף די קהלישע „פלאַטפאָרמעס", ווו זיינע כוהנים, די כוהנים גדולים, האָבן זייער אָפּט געדוכנט. האָט מען פאַרשפרייט אַ לעגענדע, אַז ישראל שטערן האָט נישט קיין פריינד, וויל נישט מען זאָל זיך מיט אים דערנענטערן, איז תמיד פאַרדבהקט, פאַרטיפט און זעט נישט וואָס אַרום טוט זיך. איז עס אין סאַמע תוך מער נישט געווען ווי אַ לעגענדע, אַן אויסטראַכטעניש, וואָס האָט זיך צוגעפּאַסט צו זיין אָפּגע־זונדערטקייט. מען האָט שוין אַפילו געשמועסט, אַז ער האָט געהאַט איז זיין יוגנט אַ שווערע איבערלעבונג און ער האַלט כסדר אין איין אַנטלויפן פון אָט דער איבערלעבונג. ווען ישראל שטערן האָט געהאַלטן אין איין דערווייטערן זיך פון דעם „קאָך", האָט מען אָנגעהויבן זוכן אויף דעם רמזים אין זיינע לידער. האָט מען געפונען זייער אַ סך פאַרבינדונגען פון זיין ליד מיט זיין דרך. ווער עס האָט נאָר געהאַט אַ געפיל שטערנען צו געפינען, האָט ער געקאָנט. צי מען האָט אים געטראָפן אין דעם שטיבל פון די „טויטע חסידים", אָדער אין דער „ליטווישער חברה ש"ס" אָדער — ווי איך האָב אים זייער אָפט געטראָפן — אין זיין „נאָרע", ערגעץ אין מלך־אביונס גיטער, אַוודאי אין זייער אַ ביטערן מעמד. אָפּגעלאָזן, פאַרוואָקסן, דאָס אייזערנע בעטל פול מיט זשאַווער און — זיין שווייגן, זיין אַוועקשווייגן שעהען, טעג, מעת־לעתן אָן אַ שום ווידערשטאַנד איבער זיין מצב. איז אָבער געקומען אַ טאָג פון גנאָד, פון זיין נאָענט צו יצירה, צי עס איז געווען אין פאָרעם פון אַ שיר, אָדער אין אַ מאמר, האָט ישראל שטערן אויפגעלויכטן מיט שיין און מיט כוח, גרייט זיך צו פאַרמעסטן

קעגן אַלע סוד־סודות, וואָס אונדזער וועלטל איז מיט זיי פול און — קאָן זיך נישט אַרויספּלאָנטערן. ישראל שטערן האָט געבענקט, געוואָלט, זיך גערייסן, דעם קנויל אויפצוויקלען, דערגיין צו די „שאָטנס, וואָס פאַלן צו דער ערד און האַלדזן די שטיינער". אַוודאי איז שטערן נישט געווען קיין איש מלחמה. נישט געווען. אָבער — האָט נישט געקאָנט אַריבער־טראָגן קיין פאַרשעמונג, קיין חילול־השם. אין אַזאַ צייט פלעגט ער פאַר־בייסן זיינע ליפּן און — וויינען.

יאָ, ער האָט פאַר מיר געוויינט. נישט וועגן זיין מצב. ניין, חס־ושלום. קיין מאָל האָט זיך ישראל נישט פאַרקלאָגט און אויף קיינעם נישט געהאָט קיין תרעומות. קיין מאָל נישט. אָבער אין יענע טעג האָט פון דעם קליינעם בינעלע אויף טלאָמאַצקע דרייצן זיך צעטראָגן איבער יידיש פוילן דער לעסטערנדיקער זאָג פון אַלעקסאַנדער כאַשין, וואָס ער האָט געטאָן זאָגן, אין דער נאַכט, ווען ער איז דורכגעפאָרן וואַרשע, אויף זיין וועג פון ניו־יאָרק קיין מאָסקווע.

וואָס האָט עס דער דאָזיקער אַלעקסאַנדער כאַשין אין יענער נאַכט געטאָן זאָגן? אָט וואָס: ער האָט זיך אַוועקגעשטעלט אין זיין גאַנצער לענג אויף דעם קליינעם בינעלע, וואָס איז געווען דאָס האַרץ, דער מרכז רוחני, פון דער יידיש־פּוילישער וועלט, זיך אַוועקגעשטעלט, אַנטקעגן — דאָס גרויסע בילד פון דעם פאָטער פון דער יידישער ליטעראַטור — יצחק לייבוש פרץ, און כאַשין עפנט זיין מויל און טוט אַ זאָג: „איך וויל איר זאָלט הערן, וואָס איך טו אייך זאָגן: אָן געטען קאָן איך זיך נישט באַגיין, אָן פרצן קאָן איך זיך באַגיין". יידיש וואַרשע, יידיש פוילן, האָט אַ ציטער געטאָן, זיך פאַרשעמט. עס האָט געקאָכט.

אין אָוונט איז צו מיר געקומען ישראל שטערן — געביסן די ליפּן, דאָס פּנים פאַרחושכט. ברומט אין זיך אַריין אַ ניגון, אַ טיפן ניגון. לייגט זיך אַוועק אויף דער ערד און וויינט, וויינט און זאָגט מיר: בין היינט געגאַנגען צו פרצן צום קבר. געבעטן ביי אים מחילה פאַר דעם חילול, וואָס דער „בלאָנדער" האָט אים געטאָן מחלל זיין. איך האָב אים געוואָלט געבן מיין געלעגער — ניין, ניין. אַזוי וועט ער אָפּליגן זיין נאַכט. אין דער

פרי וועט ער צוגיין צו די צייטלינס, וואָס האָבן געוווינט נישט ווייט פון מיין דירה.

אַוודאי האָט ישראל שטערן געדאַרפט אויף אַזאַ חילול ווייַנען. עס האָבן אויך געדאַרפט ווייַנען אַ סך פון אונדז. אָבער נישט נאָר האָט ישראל שטערן געוויינט. ער האָט נאָך דעם פאַרעפנטלעכט איינעם פון זיינע טיפסטע מאמרים, וואָס איז ביז היינט די קרוין אויף פרצעס קאָפּ. זיין מאמר „קרוינען צום קאָפּ פון יידישער קריטיק" האָט מחיה־מתים געווען פרצן, אים אַוועקגעשטעלט אין דער סאַמע מיט פון אונדזער לעבן. חוץ, וואָס ישראל שטערן האָט אין דעם מאמר אַרויסגעוויזן זיין גרויס בקיאות אין אַלץ, וואָס יצחק לייבוש פרץ האָט געשאַפן, האָט ער אויך געניצט אין דעם מאמר די שענסטע פאָרעם, וואָס איז ביז היינט געבליבן ווי אַ מוסטער אין דער יידישער עסייִסטיק.

ג

דאַרף מען זאָגן אַז דעם גרויסן יידישע ניגון האָט ישראל שטערן נישט נאָר אַריינגעפירט אין זיינע לידער, אין זיינע מאמרים. ער איז געווען אַ גרויס געזאַנג, וואָס האָט אין שירה געפונען זיין תיקון. איז דערפאַר מעגלעך געווען, אַז אויף איינעם פון יענע „אימפּראָוויזאַציע־אָוונטן", וואָס זענען פאָרגעקומען אויף טלאָמאַצקע דרייצן, זאָל זיך אויף דעם בינעלע פלוצלונג באַוויזן ישראל שטערן — און ער הייבט אָן שפּאַנען אויפן קליינעם בינעלע, ווי ביי די „טויטע חסידים", און מיט דעם אַלטן ניגון פון יידישער מגידות זאָל ער אָנהייבן אַזוי צו דרשענען:

עס איז ליכטיק
די גאַנצע וועלט
זאָגט, אַז עס איז ליכטיק —
עס איז ליכטיק!
ליכטיק!
אַפילו קליינינקע קינדערלעך
טייטלען מיט די פינגערלעך

און זאָגן:
עס איז ליכטיק,
ליכטיק!

קומט אָבער צו גיין
דער דיכטער סלאָוואַצקי
און זאָגט:
סמוטנאָ,
סמוטנאָ,
מי באָזשע.
עס איז מיר אומעטיק,
אומעטיק,
אומעטיק, —
מיין גאָט!

אָפּגעדרשנט — און פאַרפאַלן געוואָרן אויף וואָכן. אַז מען האָט אים נישט געזוכט, האָט מען דאָך אים נישט געפונען. בין איך אַוועק אין זיין „נאָרע״ — און נישטאָ ישראל שטערן. ווו? שוין וואָכן אין שפּיטאָל.

איז איידער מיר נעמען רעדן וועגן „שפּיטאָל״ און זיין שירה „פרילינג אין שפּיטאָל״, דאַרפן דערמאָנט ווערן עטלעכע נאָענטע פריינד, וואָס ישראל שטערן האָט געהאַט אין דער „פאַרגרעבטער שטאָט״. וועט דורך די עטלעכע פריינד זיך קאָנען געשאַפן ווערן אַ בילד פון זיינע טראַכטענישן. ער האָט ליב געהאַט אהבת־נפש איטשע מאיר ווייסנבערג. ער האָט פאַר מיר אויפגעדעקט אַ גאַנצע טעאָריע פאַר אָט דער דאָזיקער פריינדשאַפט. „איטשע מאיר איז אַ געראָדפּטער. איך וויל נישט וויסן, ווער עס איז דאָ גערעכט. ער איז גערודפט. מען דאַרף אים דערנענטערן. איך ווייס נישט צו וואָס דערנענטערן, אָבער מען דאַרף״. אַזוי האָט ישראל שטערן צו מיר געטענהט. האָט אַ מאָל איטשע מאיר ווייסנבערג געלייענט אויף טלאָמאַצקע דרייצן זיין באַרימטן מאמר „אָביעקטיוויטעט און סוביעקטיוויטעט אין דער קונסט״, געדרוקט אין די „ווייסנבערג־זאַמלביכער״ — ישראל שטערן איז

געווען. דערנאָך זענען מיר ביידע אַרומגעגאַנגען ביז באַגינען און ער האָט אויסגעברומט די שענסטע, טיפסטע יידישע ניגונים, וואָס נאָר ער האָט געקענט פון זיינע ישיבות, חסידים־שטיבלעך, און גענומען אונטערזינגען יידיש־רעוואָלוציאָנערע לידער. באַגינען, ער איז אַריין אין אַ חסידים־שטיבל. שוין פאַר דער טיר זאָגט ער צו מיר: „מען דאַרף אים נישט רודפן, נייַן, מען דאַרף נישט. איטשע מאיר ווייסט וואָס עס טוט זיך אויף דער וועלט".

מילא, פון די צייטלינס איז דאָך אָפּגערעדט. אַהין האָט ער געשפּאַנט פון דעם קנופּ אָרעמע גאַסן, אַרום דזשיקע, סמאָטשע. געשפּאַנט פון דאָרט צום אייזערנעם טויער, דורך די האַליעס, זיך צוגעקוקט צו דעם עולם, וואָס רוט דאָרט, די „איבערגעפאָרענע פון לעבן". אַריין אין גזשיבאָוו, פון דאָרט אין טוואַרדע, פון טוואַרדע, מאַריאַנסקע — אויף שיענגע, צו די צייטלינס. אַהין האָט ער געשפּאַנט זייער אָפט.

מיט פישל לאַכאָווער זיך געהאַלטן נאָענט. און מיט דעם יידיש־העברעישן פּאָעט מאיר טשודנער. ער פלעגט אַריינפאַלן, אָפּשווייגן אַן אָוונט און פאַרפאַלן ווערן אויף וואָכן.

ישראל שטערן האָט זייער גערן געהאַט און באַוווּנדערט דעם יידישן מאָלער אברהם גוטערמאַן. מיר פלעגן אַרויפקריכן פינף שטאָק, אונטערן דאַך, דאָרט אָפּזיצן טעג און אברהם גוטערמאַן האָט אונדז געמאָלן.

וואָלט דאָך געווען אַ שטות צו נעמען און זאָגן, אַז ישראל שטערן איז געווען אַ גרויסער תלמיד־חכם; געווען אויך גוט באַקאַנט מיט דער אייראָפּעישער ליטעראַטור. זיינע מאמרים דערציילן זייער אַ סך וועגן זיין וויסן. אַוודאי איז ער געווען אין דער היים אין זוהר, קבלה, ש"ס און פּוסקים. פון דעסטוועגן האָט ער זיך זייער אָפט צוגעזעצט, אויף טלאָמאַצקע דרייצן, און אויך מיט אים אָפט שפּאַצירט אויף די וואַרשעווער גאַסן — מיט קלמן קאָמאַשנמאַכער, זיך פאַרטיפט מיט אים אין אַ שמועס, ווי אַ גלייכער מיט אַ גלייכן. פונקט ווי אים איז ליב געווען און טייער געווען זיין פאַרברענגען אין צייטלינס שטוב, איז אים אויך געווען ליב צו פאַרגיין מיט קאָפּל דוּאַ אין דער פילהאַרמאָניע, זיך קוויקן מיט אַ פּרק

באַך און בעטהאָווען, מיט בלאָך און זיך וויגן אַ פאַרדבקהטער איבער די תנועות פון שאָפּענס נאָקטורן.

ד

איך שפּאַציר מיט דוב בער מאַלקין (איצטער געשטאָרבן אין ישראל). ס'איז שפּעט אין אָוונט. אַ לבנה־נאַכט. עס איז פול מיט זילבער, די דעכער, די מויערן, די טויערן. מיר גייען ביידע אויף מאַריאַנסקע גאַס. אַ שטילע גאַס, אַ קליינע. מיר דערזען אַ בינטל יידן. מיר דערנעענטערן זיך. יידן זענען מחדש די לבנה. פּלוצלונג: אין דעם בינטל, ווער? ווער? — ישראל שטערן. ער טאַנצט אַזוי פאַרדבקהט, אַזוי פאַרטיפט, זאָגט מיט אַזוי פיל התלהבות. מיר קוקן זיך איין אין זיין פּנים. עס איז ליכטיקער פון דעם פּנים פון יהושע, וואָס קוקט אויף ישראל שטערן פון דער לבנה.

מיר האָבן זיך נישט געגעבן צו דערקענען. מיר האָבן נישט געוואָלט אים מבלבל זיין מיט אונדזערע בליקן. מיר האָבן יענעם אָוונט זייער אַ סך געשמועסט פון דער אייגנאַרטיקייט פון ישראל שטערנס שיר און פון ישראל שטערנס לעבן. עס איז איין גאַנצקייט, איין שלימות: זיין וואָרט, זיין געזאַנג, זיין תפילה — און זיין גאַנג, זיין דרך אין דער וועלט.

איז דערפאַר פאַר מיר געווען זייער ניחא צו לייענען ישראל שטערנס „פאַר נייגעריקע". וועל בלויז ברענגען עטלעכע שורות:

ווער עס פרעגט מיך ווער איך בין,
דעם שיק איך אַפּ צו מיינע נעכט.
איינע זאָגט:
אַ קבר.
קיין מצבה שטייט נאָך נישט.
ער איז שטיל אַרומגעפלויגן
ווי אַ טויב
און איז ערגעץ איינגעשלאָפן
ווי אַ טויב.
קיינער האָט אים נישט באַוויינט,

און קיין מצבה שטייט נאָך נישט.
נאָר אַ מאָל, בשעת די וועלט
טרויערט עפּעס אַזוי ווייס
און ווייך,
ווי אַ ווייסע טויב —
בלייבט אין מיטן הימל שטיין
די לבנה
און טייטלט מיט אַ לאַנגן פינגער
אויף דעם פענצטער פון אַ שטיבל:
פה נפטר!

ווען מיר גיין אין שפּיטאָל. זיך באַהעפטן מיט ישראל שטערן אין דער „איידלסטער שטאָט" — שפּיטאָל.

ה

עס איז נישט צו באַשרייבן, נישט צו דערציילן, ווי עס איז אויפגענומען געוואָרן „פרילינג אין שפּיטאָל". דער „וואַרשעווער אַלמאַנאַך", ווו „פרילינג אין שפּיטאָל" איז געדרוקט געוואָרן, איז צעכאַפּט געוואָרן. טלאָמאַצקע דרייצן איז געוואָרן יום־טובדיקער. מען איז געזעסן אין די ווינקלען, ווער שטיל, ווער הויך: ישראל שטערן. ווען איך האָב זיך אַרויסגעכאַפּט, אַז איך האָב שטערנען געזען אין שפּיטאָל, איז עס געווען אַ גרויסער חידוש. איך האָב טאַקע אַ סך מאָל שטערנען מבקר חולה געווען. ער איז תמיד געלעגן אַ פאַרטראַכטער. בשעת איך פלעג אים צוטראָגן פּאָמעראַנצן־זאַפט — איז ער נישט געווען אַזוי צופרידן, געבעטן געבן דעם זאַפט דעם שכן. זייער אַ שווער קראַנקן.

זייער אַ סך מאָל בין איך געקומען און נישט אויסגערעדט מיט אים קיין וואָרט. געזעסן אַ שעה, צוויי שעה און שטערן איז באַד אַלץ אין אַ טיפן דרימל.

ווען איך האָב שפּעטער געלייענט:

איז אַ װוּנדער, אַז די קראַנקע זענען גרייט צו װערן הייליק
און װאַרטן־אָפּ די מעת־לעתן מיט שמחה, װי מען שיידט אָפּ מעשר...
איז אַ װוּנדער — װען כביכול שפּאַצירט אין רוים פון די שפּיטעלער
װי עס האָט זיין גייסט אַ מאָל געשװעבט אויפן פלאַך פון
ערשטן װאַסער ?

אָדער :

און װאָס אַלע חולאים זענען אַזוי נאָענט
װי באַזונדערע שטראַלן פון איין גרויסער גענאָד —
איז עס נישט װייל זיי זענען אין דער גראָבער פאַרגרעבטער
װעלט די בעלי־בתים פון דער איידלסטער שטאָט ?

האָב איך דערזען דאָס ליטעראַרע געשטאַלט אין אַ שטענדיקן דרימל, אין חזיון פון זיין זכיה צו װערן דער ערשטער משורר אין אונדזער יידישער ליטעראַטור, צו באַשאַפן אַזאַ „פרילינג אין שפּיטאָל". דער גאַנצער שיר איז פול מיט שירה צו דער ליבשאַפט, צו דעם גרויסן גענאָד, װאָס פאַרװיגט די קראַנקע און שלאָפע, דעקט זיי איין און —

װאָס װייסט איר אַלע אויף די גאַסן, װאָס אַ טאָג איז אין שפּיטאָל,
שלאָף, מען טאָר קיין סך נישט גיין, שפּאַצירט מען — אין זיך אַליין,
װי אין אַ גאָרטן, אויסגעטאָרעטע װי אַ בייט, אַלע ביימער
דורכגעשטורעמט, אומגעזאָרקעט און אויף יעדן טראָט אַ שטיין *.

איז ישראל שטערן אויפגעגאַנגען אין זיין „פרילינג אין שפּיטאָל" מיט אַ פרישן טוי, מיט אַ בלי‌ונג, װאָס האָט מיט דעם אַלטן יידישן ניגון, מיט

* די עטלעכע לידער זענען געקומען פון דער זאַמלונג „ישראל שטערן, לידער און עסייען", צונויפגעשטעלט פון ה. לייװיק און מנחם פלאַקסער, מיט אַ ליד „מיין ברודער ישראל שטערן" פון ה. לייװיק, אַרויסגעגעבן פון ל. מ. שטיין, פאָלקס־ביבליאָטעק ביים אַלװעלטלעכן יידישן קולטור־קאָנגרעס, אינעם יאָר 1955.

די שענסטע יידישע פיוט־פּאָרמעס, דערציילט דעם עפּאָס פון לעבן און טויט, אויף דער לעצטער שוועל — אין שפּיטאָל.

ו

האָבן מיר זיך בלויז צוגערירט, אָנגעוואָרפן עטלעכע בינטלעך פאַרב צו דער געשטאַלט ישראל שטערן. הלוואי וואָלט מעגלעך געווען צו מאַכן אַ כינוס פון אַלץ, וואָס ישראל שטערן האָט פאַרעפנטלעכט, בכדי עס זאָל ווערן גאַנצער סיי דער משורר, סיי דער עסייִסט און — סיי דער ייִד מיט זיין באַזונדערן גאַנג אין דער וועלט.

עס איז שווער צו רעדן וועגן דעם אומקום פון דעם גרויסן יידישן פּאָעט. אַוודאי שווער זיך פאָרצושטעלן וואָס ישראל שטערן וואָלט אַלץ אויפגעטאָן, ווען דער מבול וואָלט אים נישט אָפּגעמעקט פון דער לעבע־דיקער וועלט.

איינס איז קלאָר: ישראל שטערן האָט געלעבט אַ לעבן פון אַ קדוש און איז אומגעקומען אין קדושה, אין טהרה. מיר ווייסן טאַקע נישט, ווען עס איז זיין יאָרצייט, אָבער וואָס מיר קאָנען טאָן, איז כאָטש אים דערמאָנען און זאָגן —

יתגדל ויתקדש!

„צוקונפט, יולי־אויגוסט 1966

יוסף קירמאַן

א

וואָס איז געווען דאָס באַזונדערקייט פון יוסף קירמאַנס ליד, וואָס האָט, אין יענע טעג פון דעם גרויסן אויפלעב אין דער יידיש־פוילישער ליטע־ראַטור בכלל און אין דער פּאָעזיע בפרט, אַרויסגערופן די תיכּפדיקע אָנער־קענונג, נישט נאָר פון דער „כּאַליאַסטרע״־חברותא, נאָר פון אַלע יידישע שרייבער און לייענער?

איך זאָג: „תיכּפדיקע אָנערקענונג״. אין דער אמתן האָבן זיינע לידער אַרויסגערופן גרויס חידוש און עס איז שווער געווען תופס צו זיין, ווי עס איז מעגלעך, אַז אַזאַ מענטש, וואָס איז „האַרט און רוי״, וועמען עס איז פרעמד און ווייט די גרויסע יידישע קולטור פון חדר און ישיבות און אַוודאי די ליטעראַטורן פון דער וועלט — זאָל קאָנען לאָזן הערן אַזאַ געזאַנג.

נאָך מער חידוש איז געווען, וואָס זיין ליד איז נישט געווען אינעם נוסח פון די לידער, וואָס די גרויסע, אָנערקענטע „בעלי־הבתים״ אין דער יידישער פּאָעזיע, האָבן אין יענער „גאָלדענער עפּאָכע״ געזונגען.

דאַרף מען אַריינקוקן, זיך דערמאָנען, דערזען יענעם „כּעלות״, וואָס האָט אויפגעריסן דאָס יידישע לעבן און געבראַכט ליכט אין אַלע ווינקעלעך. מען דאַרף זיך דערמאָנען און געדענקען, אַז דאָס יידישע ליד פון „יענע טעג״ איז געווען אָנגעלאָדן מיט זייער אַ סך „דינאַמיט״ — אויפצורייסן, נישט נאָר דאָס פאַרחשכטע יידישע געסל, נאָר וועלטן גאַנצע.

דאָס יידישע ליד האָט זיך פאַרנומען מיט „יצירה״, מיט „כּפירה״; יעדער יידישער זינגער האָט זיך אַרומגעטראָגן מיטן „כּדור־הארץ״ אויף די אַקסלען; אין דעם יידישן ליד האָבן זיך געפּאָרט „פעלזן מיט פעלזן״; דער יידישער משורר איז תמיד געווען פאַרטראָגן אין אַנדערע וועלטן און געזוכט אַראָפּצוברענגען „דאָס טעלערל פון הימל״ פאַר דעם יידיש־בענ־קענדיקן מענטש.

אין אַזאַ געווירבל איז אָנגעקומען יוסף קירמאַן מיט זיין ליד.

ב

פון וואַנען ער איז געקומען? ווו איז ער געבוירן געוואָרן? ווער איז געוועזן זיין שטאַם?

ער איז געקומען פון גרויסשטאָט, געבוירן געוואָרן אין סאַמע וואַרשע. זיין שטאַם? הונגערלאַנד. אַ שטוב אין אייביקן הונגער און אייביקער נויט. אַ שמעק געטאָן אין אַ חדר און — אין גאַס אַריין: זיך וואַלגערן אין די וואַרשעווער פאַרחושכטע יידישע גאַסן, זוכן פאַר זיך און פאַר דער הונגעריקער שטוב ברויט.

אַזוי איז יוסף קירמאַן אויסגעוואַקסן: „אַ הונגעריקער יונג אין די בלאָטעס”, אין דעם גרויסן וואַרשעווער דלות, אין דער שניידנדיקער נויט פון „דזשיקע גאַס” און איז פאַרהאַרטעוועט געוואָרן אין דער וויסטעניש פון לעבן.

לאָמיר לאָזן רעדן יוסף קירמאַנען אַליין:

האַרט און רוי מיט מיין ווילד פאַרוואַקסענעם געזיכט ווי די דיקע
שאָל פון אַ האַרטער נוס,
פאַל איך צו צו דער ערד:
דו, וואָס האָסט מיך אויפגעברענגט פון זיך און אָפּגעגעבן צו
דער וויסטעניש אַ קנעכט —
קער מיך אום אין דער פאַרהוילעניש צוריק!

איך, וואָס אויף דער פלאַך אַרויף בין איך אויפגעשווומען —
אָפּגעריסן פון די טיפן דיינע —
אַ בלאַט אַ גרינער
און זיך פאַרענדערט צו מיין איצטיקן געשטאַלט —
קער מיך אום אין דער פאַרהוילעניש צוריק!

ווייל שוין זאַט, פאַרזעטיקט און אָנגעזאַפּט מיט אַלץ, וואָס גייט
אויף אין ווידמונג איבער דיר,

האָסט מיך אין מיין נאַקעטיקייט פאַר דער ווילדעניש געברענגט —
קער מיך אום אין דער פאַרהוילעניש צוריק!

אַזוי־אָ איז ער אויפגעוואַקסן אין הפקר און הפקר געלעבט. אויפגע־וואַקסן אַ געזונטער, אַ שטאַרקער; ברייטע פלייצעס — גרייט צו טראָגן אויף זיי זעק מעל פון די גרויסע וואַרשעווער וועגענער; פאַרביסן אין שווייגן; אויפן קאָפּ אַ צעפלאַמטע „גזשיבע", אַ שוואַרצע ווי פעך; אויגן, פאַרשעמטע, אַראָפּגעלאָזטע — קוקן תמיד אין זיך אַריין; וויל אין זיך געפינען אַ תשובה, אַן ענטפער אויף זיין לעבן, אויף זיין שטוב, אויף זיין טאַטן, זיין מאַמען און אויף די שוועסטער זיינע, וואָס קריכן אַרום אין שטוב אויף דער ערד, און זוכן קרישקעס, זשאַרקעס, ברעקלעך, וואָס זענען ערגעץ געפאַלן פון נעכטיקן פיצל ברויט, וואָס די מאַמע האָט זיי געגעבן.

ווייטער:

ער ווערט דערוואַקסן. דער גורל פירט אים אין דער פוילישער „סאָלדאַטשינע" און ער גייט זיך שלאָגן מיט די „באָלשעוויקעס" פאַר „זיין" פוילן. עס איז נישט געווען ווער עס זאָל זיך איבער אַזאַ גורל צעשמייכלען: יוסף קירמאַן שלאָגט זיך מיט „משיחן" אַליין.

וואָלט דאָך דאָס אַליין שוין געווען גענוג. ניין. שטעלט ער זיך איין פאַר אַ ייד, ווען עס שלאָגט אַ פוילישער אָפיצער, רייסט דעם יידס באָרד. צעממיתט ער דעם אָפיצער און מען וואַרפט אים אַריין אין „פּאַוויאַק" אויף חדשים. אין תפיסה טראַכט ער נישט פון זיך, ניין, נאָר פון זיין שטוב, וואָס אַן אים איז זי שוין אין גאַנצן מסתמא איינגעזונקען געוואָרן פון הונגער און נויט.

ער איז געוואָרן אַ פאַרדינער. ער האָט אָנגעהויבן טאָקן און שניצן שטעקנס. אין אַ ראָג פון אַ וואַרשעווער גאַס, אין דער געדיכטער יידישער געגנט, איז ער געשטאַנען אין אַן ענג חדרל, אַזאַ מין וואַרשטאַטל און געאַרבעט אַלע זיינע יאָרן, געמאַכט שטעקנס פאַר די וואַרשעווער יידן, און אין די נעכט, די צעהעלטע אין אים, האָט ער גערעדט צו דער וועלט מיט זיינע לידער.

ג

וואָלט דאָך זיין ליד, וואָס איז פון אים געקומען, געדאַרפט לכל הדעות זיין על־פּי־נוסח אַרבעטער־דיכטונג, וואָס איז שוין גוט געווען באַזעצט אין דער יידישער ליטעראַטור ?

אַוודאי האָט יוסף קירמאַן נישט אָנגעהויבן צו וויסן, אַז ווייט־ווייט איבער ימען, האָט זיך שוין געלאָשן, ביי די ברעגעס פון האָדסאָן, דאָס אַרבעטער־ליד פון די ראשונים און עס האָט זיך שוין אָנגעהויבן ברעכן דער באַגינען פון דער גרויס־קינסטלערישער יידישער ליטעראַטור אויף דער אַמעריקאַנער ערד ; יוסף קירמאַן האָט אויך נישט געוווסט, אַז די אַרבעטער־לידער, וואָס עס האָט געזונגען דער פאָטער פון דער יידישער ליטעראַטור יצחק לייבוש פּרץ : „די דריי נייטאָרינס״, „שטיינערנע פּאַלאַצן, אייזערנע באַלקאָנען״ און „די צוויי ברידער״ — זענען נעלם געוואָרן אין דער „אימפּראָוויזאַציע״ פון שלמהן אין דער „גאָלדענער קייט״, אויפגע־לייזט געוואָרן אין „גייען מיר, שבת־יומטובדיקע יידן״ און אין די שאָטנס פון „ביינאַכט אויפן אַלטן מאַרק״ ; אין דעם קידוש השם פון די „דריי מתנות״ און אין דער מענטשלעכער דערהויבונג פון „אויב נישט נאָך העכער״. יוסף קירמאַן האָט דאָך דאָס אַלץ נישט געוווסט, האָט דאָך זיין ליד געדאַרפט זיין פול מיט צאָרן, פּראָטעסט, געוואָלט קעגן דער זאַטער וועלט. לכל הדעות האָט עס אַזוי באַדאַרפט זיין. האָט ער דאָך געדאַרפט זיין דער „שופר״, וואָס זאָל שאַלן און רופן צו באַפרייונג פון „הונגער און נויט״.

יוסף קירמאַן איז עס נישט געוואָרן. ניין. נישט ווייל ער האָט געלייקנט אין דער גערעכטיקייט פון דעם אַרבעטער־קאַמף, אָדער האָט נישט געהאַט קיין דרך־ארץ פאַר די אַרבעטער־קרבנות אויפן וועג צו דער גאולה, ניין.

יוסף קירמאַן האָט געהאַט אין זיך אַן אַנדער שליחות. גאָר אַן אַנדער רוף האָט זיך פון אים געריסן : ער האָט געהאַט די גרויסע זכיה צו ווערן דער ערשטער משורר ביי יידן, וואָס זאָל זינגען אַ ליד, ווו אין דעם ליד זאָל מען דערזען, דערפילן, ממש איבערלעבן דעם פּשוטן, דעם פּראָסט און פּשוטן הונגער.

בשעת יוסף קירמאַן האָט אויפן דיל פון יוסף פּאַפּיערניקאָווס שטוב,

אין די שבת־צונאַכטסן, געלייענט זיינע לידער, האָבן מיר אַלע געגאַפּט, שטיל אין זיך אַריינגעווינט, מיטגעשווידערט, מיט די שוועסטער, די פאַרהונגערטע, יוסף קירמאַנס אייגענע שוועסטער אין זיין ליד:

היינט האָבן מיינע שוועסטערן זיך אויפגעכאַפּט משוגענע פון שלאָף —
צו שווער איז זיי מסתּם געווען דער חלום פון דער וועלט.
זיצט איינע אויפן ראַנד פון בעט פאַרבראָכן מיט די הענט,
די צווייטע גראָבט ס׳קעפּל איין אין קישן אַזוי טיף,
ווי טיף עס ליגט דער צער אין מיר,
פון וואַנען ס׳רייסן ווערטער זיך,
ווי בלאַסע, קראַנקע שוועסטערן, צעשראָקענע פון שלאָף.

צו פרי האָט היינט מיין חלום ביי דעם טויער פון דער וואָר געקלאַפּט.
האָט אויפגעמאַכט אַ טירל זיך (פון זיך אַליין זיך אויפגעמאַכט)
און ס׳זענען מיינע שוועסטערן נאַקעטע פון בעט אַרויס,
פון קראַנקן־בעט אין וועלט אַרויס.
איצט לויפן זיי משוגענע אין העלע נעכט צעשטערנטע
און יאָגן זיך פאַרצווייפלטע ביים ריזן־טויער ס׳פאַרשלאָסענע,
ס׳פאַרשלאָסענע מיט שלעסער פול — צום גרויסן העלן וואָר.

היינט האָבן מיינע שוועסטערן זיך אויפגעכאַפּט משוגענע פון שלאָף.

ד

ווי אַזוי איז יוסף קירמאַנס ליד אויפגענומען געוואָרן? האָט מען ברייט פאַר אים געעפנט די טויערן פון ליטעראַרישן גן־עדן, אָדער מען האָט אים געלאָזט מיט זיין ליד, מיט זיין וועלט, און בלויז פאַר אים געעפנט אַ שפּאַרע, עס זאָל אויף אים פאַלן אַ ביסעלע ליכט פון צדיקים? דאַרף דאָ געמאַכט ווערן אַ פּויזע, כדי איבערגיין אַ ווייל צו דער לאַנדשאַפט, ווו די אויפגעקומענע יידישע ליטעראַטור אין מדינת פּוילן, דער עיקר, דאָס ליד, איז געוואַקסן. מיר דאַרפן דערזען, דערהערן, וואָס איז באמת פאָרגעקומען,

וואָס האָט זיך אָפּגעשפּילט הינטער די פאַרהאַנגען, וואָס האָבן פאַרשטעלט די גרויסע בינע, ווו די שפּיל איז אָנגעגאַנגען.

לויטן רעש, דעם טומל און דער שפע פון אויסגאַבעס, פאַרלאַגן, ביכער; די ליטעראַרישע פּרימאַרגנס און אָוונטן; די אויפנאַמעס, וואָס יידישע שרייבער האָבן באַקומען אין די יידישע פּאַרטייען, ספּעציעל ביי די אַרבעטער־פּאַרטייען, האָט זיך געקאָנט שאַפן דער איינדרוק, אַז די יידישע שאַפער זענען באמת גרויסע מחנות און די טאַלאַנטן, וואָס רייסן זיך צום עמוד זענען זייער אַ סך — מען דאַרף זיי נאָר געבן פּלאַץ, רוים, מען דאַרף זיי אַריינעמען אין דער מחנה. אָבער בלויז נאָענטע געציילטע, נאָר די, וואָס זענען געשטאַנען ביי דער שוועל פונעם ליטעראַרישן היכל, האָבן געוווּסט, אַז עס איז ביטער, עס איז מער נישט ווי געשריי, עס איז נישט מער ווי אָנשטעל. אין דער אמתן פייפט דער דלות.

נאָך:

עס איז געוואָרן אַ מגיפה אויף שרייבעריי. די יידישע פּראָווינץ איז נישט געשלאָפן. מען האָט געהאַלטן אין איין שרייבן און שיקן קיין וואַרשע. אַז וואַרשע האָט נישט געענטפערט אַזוי גיך, האָט זיך אָנגעהויבן צעוואַקסן אַ ביטערקייט קעגן די „פּאַרכאַפּער", קעגן די „שטאַרקע", וואָס זיצן אויפן זאַטל.

נאָך:

די יידישע שטעט און שטעטלעך, די אויפגעוואַכטע. די צאַפּלדיקע יידישע יוגנט, האָט געבענקט, געחלומט צו ווערן „עפּעס". האָט מען געמוזט אַ גרינגערן וועג: נאָכמאַכן. פּשוט איבערשרייבן און אַריינשיקן אין די רעדאַקציעס. די „גרויסע" האָבן גענוג געשריבן, צו קאָנען פון זיי אַ סך איבערשרייבן.

איז געקומען, מיט יאָרן שפּעטער, מלך ראַוויטש, האָט פאַרעפנטלעכט זיין באַרימטן טראַקטאַט: „גראַפאָמאַניע, מיטלמעסיקייט און טאַלאַנט" און ער האָט מגלה סוד געווען. ער האָט אויסגעזאָגט, אַז פון די אַלע יאָרן, וואָס ער האָט געהאַט דעם שליסל צו די „ליטעראַרישע בלעטער" און אַנדערע ליטעראַרישע אויסגאַבעס, האָבן הונדערטער און הונדערטער אַריינ־

געשיקט זייערע „שאַפונגען״ און פון די אַלע יאָרן האָט ער געהאַט בלויז איין ליד, וואָס האָט געהאַט אין זיך בשורה פון טאַלאַנט. נישט מער ווי איין ליד. די אַנדערע „אַרבעטן״, זענען געווען גראַפאָמאַניע און מיטל־מעסיקייט. עס איז נישט געווען קיין נאָכוווקס, נישט געווען קיין טאַלאַנט. עס איז דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז בשעת מלך ראַוויטש איז געוואָרן דער ממונה איבער דער ליטעראַרישער זייט אין דער וואַרשעווער „פאָלקס־צייטונג״ האָט ער אין די באַרימטע תשובות זיינע, אַזוי געשריבן:

„אייערע לידער באַקומען. איין ליד הייבט זיך אָן מיט צוויי שורות, וואָס זענען דאָס אייגנטום פון אַן אַנדער דיכטער. אַז איר וועט אים אָפּשיקן די צוויי שורות, וועל איך אייך אָפּשיקן צוריק די לידער אייערע״.

ווען עס האָבן זיך געגרינדעט אין וואַרשע די „שפּראָצונגען״, אונטער דער רעדאַקציע פון משה זילבערשטיין, וועלכער איז שפּעטער פאַרוואַנדלט געוואָרן אין — משה ראָזנבערג, דער גרינדער פון דער יידישער פּרעסע אין מעקסיקע, האָט אַ דיכטער צוגעשיקט אַ ליד „אב הרחמים״, נישט דער רעדאַקטאָר און נישט דער מחבר האָבן זיך געקימערט, וואָס אַזאַ „ענלעך״ ליד איז געהאַט פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין דער „באַפרייונג״, אויף לשון קודש אין „התקופה״, און דער מחבר איז געווען — אורי צבי גרינבערג.

האָבן די נאָענטע, די מנהיגים, געוואָרט, זיך די אויגן אויסגעקוקט, עס יאָל זיך באַווייזן טאַלאַנט.

איז אַ מאָל געזעסן ביי אַ טישל אַ בינטל שרייבער. געזעסן און געשמועסט. צווישן זיי — פּרץ מאַרקיש. טוט זיך פּרץ מאַרקיש אַזאַ זאָג אַריין אינעם בינטל אַריין: היינט אויך געווען אַ פּאַסנער טאָג, קיין פּרצל איז נישט געקומען. האָט הערשל הימעלפאַרב זיך אַ שאָקל געטאָן, ווי איבער אַן אָפענעם שאַכברעט: יצחק לייבוש פּרץ, אָדער — פּרץ מאַרקיש?

די פּעטע יאָרן האָבן זיך אָנגעהויבן אויסלאָזן. וואָלט נישט זיך אָן עפן געטאָן אַמעריקע, וואָלט די יידיש־פּוילישע ליטעראַטור געווען אין אַ קלעם. אַמעריקע, רומעניע, ווילנע — האָבן ליכטיק געמאַכט, ביז דעם מבול געווען דער יסוד, די ווינקלשטיינער פאַר דער אויפהאַלטונג פון גרויסן בנין.

האָט מען דערפילט אין יוסף קירמאַן טאַלאַנט. מען האָט דערזען אַן

אַנדער ליד. אַ ליד, וואָס קומט פון לעבן גופא און איז נישט אינעם נוסח פון די לידער, וואָס די גאַנצע „כאַליאַסטרע־חברותא״ האָט געזונגען.

נאָך:

דאָס ליד איז געווען אין פולער האַרמאָניע מיטן מחבר. אָט איז דער „אויטאָ־פּאָרטרעט״, וואָס קירמאַן גופא האָט פון זיך געמאָלן:

איך קענט מיך דערקענען ביי נאַכט אויף פּאַרטונקלטע גאַסן,
מיין פּלאַשטש איז פונאַנדערגעריסן צום לויפן,
מיין הוט איז צעלעכערט (פון מילבן צעפרעסן).
אויגן — צוויי פויסטן, געשטירצט אין דער ווייטקייט,
מיין מויל איז פאַרקרימט — פאַרשוימט פונעם אימפּעט,
איך האַלט דאַן אַ שמועס מיט די אייגענע פינגער.
מיין הויך איז אַן ערך אַ מעטער מיט זעכציק
און אפשר גאָר פעלט מיר צוואַנציק צו צוויי?
איך וויים נישט גענוי —
איר קאָנט מיך דערקענען ביי נאַכט אויף פּאַרטונקלטע גאַסן.

ווער איך בין?
אַ מענטש, וואָס האָט דעם אויסוועג פאַרלוירן,
פאַריתומט געוואָרן ביים אייגענעם ווילן —
אַ שפּאָן אויפן ים ביי געטריבענע וועלן,
וואָס וואַרט ביז דער ים וועט אים וואַרפן
צום ברעג.

דאָס איז ער. אַזוי־אָ פלעג איך אים טרעפן פאַר חצות אויף לעשנע: שפּאַנען און זיך פאַרקוקן אין אַ „וויסטאַווע״. אָפּשטיין אַזוי־אָ אָן אַ ציל, אָן אַ צוועק. אַז איך פלעג אים דערמאָנען: יוסף, עס איז שפּעט, די שטעקנס וועלן אין דער פרי אויף אייך וואַרטן. האָט ער אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ שוואַרצע האָר און גענומען שפּאַנען אַהיים.

ווו עס איז געווען זיין היים — האָט קיינער נישט געוווּסט. מען האָט

זיך נישט געוואָלט קיין סך פרעגן. ווייל וואָלט ער געוואָלט מען זאָל וויסן, וואָלט ער אַליין אויסגעזאָגט. געשיינט האָט ער ביים טעלער גריץ אין אַרבעטער־היים אויף קאַרמעליצקע. דאָרט איז געווען איינער, וואָס האָט אים זייער דערנענטערט. כאָטש ער האָט זיך געשראָקן פאַר זיין למדנות, אָבער ער פלעגט גערן זיצן ביי זיין טישל. הערן, וואָס יענער דערציילט און שאָקלען מיט זיין קאָפּ. דאָס איז געווען דער יונגער יידישער וויסנ־שאַפטלער נפתלי ווייניק. פאַר מיר האָט ווייניק געהאַלטן אין איין רעדן וועגן יוספן. ער פלעגט לאַכן פון די, וואָס האָבן געהאַלטן, אַז יוסף קירמאַן וועט ווייט נישט גיין, ווייל עס פעלט אים „וויסן". ווייניק פלעגט צו מיר טענהן: ווען ער וואָלט געהאַט „וויסן" וואָלט ער נישט געשריבן אַזעלכע לידער. איך פלעג דאָס דערציילן קירמאַנען. אָבער — זיין בענקשאַפט און קנאה צו לומדים און „ווייסער" איז געווען זייער גרויס. ער האָט מקנא געווען משה קולבאַק, כאָטש ער האָט געהאַט צו אים זייער אַ סך תרעומות, ווייל ער איז געווען אַ תלמיד־חכם.

עס דערמאָנט זיך מיר: ביי אַ ביסל מילכיקס, ביים „קיִעלע", אויף רימאַרסקע, נישט ווייט פון טלאָמאַצקע דרייצן, זענען מיר געזעסן: יוסף קירמאַן, שמואל זאַראָמב און איך. עס איז געווען אין דער צייט, ווען משה קולבאַק האָט געשריבן וווּנדערלעכע לידער און פּאָעמעס. דעמאָלט האָט ער אויך געשריבן זיין גרויסע „פּראָקלאָמאַציע":

לאָמיר גיין,
לאָמיר גיין,
לאָמיר איבערלאָזן —
די שוואַכע.

שמואל זאַראָמב האָט געפרעגט קירמאַנען, צי ער האָט געלייענט די „פּראָקלאָמאַציע". ער האָט געענטפערט מיט אַ קאָפּ־שאָקל: יאָ. דאָ האָט ער אָוועקגעשטעלט דאָס טעלערל מילכיקס און אַזוי תמימותדיק אונדז אַ פרעג געטאָן:

— וואָס וועט ווערן פון די שוואַכע?

ער האָט זיך פאַרטראַכט. שוין מער נישט געגעסן. גענומען אונטער־ברומען משה קולבאַקס: שטערנדל, שטערנדל, בלויער שטאַפּעטעלע, זיי אַ שליח און פאַל אין מיין שטעטעלע.

ה

אין אַלע לידער, וואָס מיר איז אויסגעקומען צו לייענען פון יוסף קירמאַן, האָב איך אין ערגעץ נישט געטראָפן: גאָט, נישט לשבח און נישט לגנאי, ווי עס וואָלט אַזאַ וואָרט נישט געווען. האָב איך געפּרוווט מיט קירמאַנען אַ שמועס טאָן וועגן דעם. ער האָט זיך פאַרפלאָנטערט אין אַ סך רייד, אָבער עס איז נישט געווען אין זיי די מינדסטע אָנדייטונג, אַז אים טוט אָרן, אָדער עס פעלט אים אין זיינע לידער אַזאַ אויסדרוק.

אים געטראָפן נאָך אונדזער שמועס. שפּאַצירט אין אַ שטילער גאַס. שפּעט. שוין נאָך חצות. יוסף קירמאַן שטעלט זיך אָוועק ביי אַ לאַמטערן און בעט איך זאָל אים אויסהערן אַ ליד, וואָס ער האָט נישט לאַנג אָנגעשריבן. אָבער איידער ער נעמט לייענען פרעגט ער מיך, צי האָר איז גאָט. איידער איך האָב אים געענטפערט, לייענט ער שוין:

האָר!
דורך אַלע דיינע הימלען ברעכן זיך די דונערן איבער אונדזער
נאַקן צו דער ערד אַראָפּ
איבער אונדזער לייב — ווייס און צאַרט וו׳אַ לויז געוויקס —
פאַלט דער האָגל האַרט צוריק.
און ס׳איז מיין קאָפּ, וואָס האָט איין מאָל זיך אַ הויב געטאָן צו
דער ליכטיקייט אַרויף,
שטיין געבליבן פאַר די הימלען אין דער אייביקייט געווענדט:
האָר, ווי ס׳צינדט אָן דיין האַנט אַ נעסט פון שטרוי
און ציטערט־אויף די וואָרצלען פון אַן אַלטן דעמב —
שטיי איך נאַקעט פאַרן בליץ,
אין נס פון מיינע ציטערדיקע רייד —
האָר!

איך האָב געפילט, אַז יוסף קירמאַן וויל מיר „באַצאָלן" פאַר מיין שמועס מיט אים וועגן גאָט אין זיינע לידער. זיין איין און איינציק ליד מיטן וואָרט תפילה.

דערפאַר אין זיין „בינטל"־לידער „גויים" זינגט ער זייער אַ סך וועגן „זייער" גאָט, וואָס הענגט אויף אַלע ראָגעס און וועגן דער „מאַמען", וואָס זיי טראָגן זיך מיט איר אַרום אין אַלע פראָצעסיעס.

אין „גויים" האָט קירמאַן פּאָעטיש געשטאַלטיקט דעם „גוי" און זיינע התנהגות, זיין שטייגער לעבן. עס איז דאָ אין די לידער אַ שטילע סאַטירע און עס פילט זיך אין זיי אַ גרויסע איינגעהאַלטנקייט, נישט צו פאַרוואַנדלען דעם „גוי" אין אַ גראָטעסק. עס איז אויך אין דער פּאָעמע „גויים" נישטאָ קיין סימן פון קיין שנאה אָדער חוזק. נישטאָ. עס איז יאָ דאָ אין פאַרבן און קאָלירן פון דעם גוייִשקן שטייגער לעבן.

אָט איז אַ ליד, זונטיק:

גויים גייען אָנגעטאָן אין בלאָע היטעלעך און געלע שיך,
און פאָרנט אויף דער ווייסער וועסט גילדעט זיך ביי זיי אַ קייט —
די בלינדע טרייסט פאַר שווערע מי.

שיקסעלעך קליינע, וואָס שפּרינגען אין די יאָרן פון ערשטן צענדליק,
פלינק און הויך,
גייען ווייס באַהאָנגען, מיט קרענצן־בלימעלעך אַרומגעצירט
דעם קאָפּ, —
און שטיל פאַר דער דורכזיכטיקייט פון טול קוקן בלאָע די אויגן
מיט תמימותדיקער ריינקייט אין אַ תפילה צו דעם הייליקן
און לויטערן,
און קניִען צו דער ערד.

אַז ס'קלינגען־אויס די גלאָקן פון די קלויסטערס
און טראָגן־אויף דעם קלאַנג פון קופּער צו די הימלען רויט,
שטראָמען צוריק די גויים אין גייענדיקן שטראָם פון פאַרביקן געוואַנט

צו די שמאָלע געסלעך פון דער שטאָט.
און דאָ פאַר די פּאַרקנס, אויסגעקרימט, האַלב איינגעבויגן
צו דער ערד,
טייַלן זיך שוין פינף שקצים מיטן טרונק פון אַ קליינער
„סעטקע" מיט אַן אָפּגעבראָכן העלדזל —
יעדערן אַ שלונג, יעדערן אַ שלונג,
און ס'ווערן שמעלער די געסלעך פאַר די דורכגייער פון אונדז...

ביי נאַכט שלאָף איך איין אונטערן טאַקט פון טופּענדיקע פיס,
וואָס דרייען זיך אין ווירבלעניש צעשאָטן איבער מיר
דורך אַלע ווענט.
קלעזמער פירן פריילעכע מאַזורקעס אינעם טאַנץ,
און ס'ציִען זיך די טענער פון מידע קאַטערינקעס אין דער לופט,
הייזעריק, ווי רעדער מעשענע אין שווער געשפּאַן.
פון ערגעץ שרייען מיט דינע סטראָנעס,
ציטריק אָפּגעריסן פון אַ ווייטער מאַנדאָליִן,
און פאַלן זיך צונויף מיט שיקסיקע קוויטשן פון יונג און
ליידנשאַפטלעך לייב — —
ס'איז זונטיק היינט אין שטאָט, זונטיק אין דער שטאָט.

זענען יוסף קירמאַנס לידער אַריינגענומען געוואָרן אין דעם אוצר פון דער אויפקומענדיקער יידישער פּאָעזיע אין פּוילן. אויך ער איז אויפגענומען געוואָרן ווי אַן איש תם וישר. אַ ייד, אַ מענטש אָן אַ פּגם, וואָס איז ראוי לידער צו זינגען.

גאָר באַזונדער זענען זיינע לידער „צו דיר און צו די שוועסטערן דיינע", לידער פול מיט צער, פול מיט באַדויער איבער דעם גורל פון די זונות אויף די ראָגעס פון די גאַסן. עס איז אין די לידער פאַראַן אַזאַ „רעאַליזם", וואָס גיט איבער דעם ציטער און צאַפּל פון יונג לייב אונטער דעם יאָך פון האַנדל מיט זיך אַליין.

יוסף קירמאַן האָט אויך געשריבן אַ זייער רירנדיק בינטל ליבעלידער.

פול מיט גרויס בענקשאַפט נאָך אַ ליבע, וואָס ער האָט קיין מאָל נישט דערגרייכט. אין דעם בינטל אין דאָ די תשוקה צו ווערן געליבט און נישט זיין אין דער וועלט אַ בלאָנקענדיקער, איינער אַליין, מיטן אייגענעם צער, פיין און יסורים און אַליין מיט דער אייגענער פרייד.

אין אַלע לידער, וואָס יוסף קירמאַן האָט געשאַפן, איז דאָ אייגנס, אייגנס און — געשעפּט פון זיין אייגענעם קוואַל, דעם לויטערן קוואַל פון זיין אייגענעם לעבן. עס איז דאָ אין זיינע לידער אַן אינערלעכער ריטעם — יעדע שורה, יעדעס ליד איז שירה, געזאַנג.

סוף פסוק:

יוסף קירמאַן האָט אויף זיין חשבון אַ קליין ביכל לידער „איבער שטאָק און שטיין", אַרויסגעגעבן פון ווילנער פאַרלאַג פון ב. קלעצקין, אינעם יאָר ניינצן־דרייסיק. מיר איז נישט באַקאַנט, אַז קירמאַן זאָל נאָך דעם ביכל לידער האָבן געשריבן לידער און זיי ערגעץ פאַרעפנטלעכט. אַוודאי איז נישט באַקאַנט, וואָס מיט קירמאַנען איז געוואָרן אין דער גרויסער שׂרפה, ווען און ווו ער איז אומגעקומען. אין אַלע פאַרצייכענונגען פון די, וואָס האָבן דעם חורבן איבערגעלעבט, האָב איך נישט געטראָפן דעם נאָמען פון דעם פּאָעט יוסף קירמאַן. אַפילו אין דער עפּאָכע „ביאַליסטאָק", ווו דער רוב יידיש־פּוילישע שרייבער זיינען פאַרוואָגלט געוואָרן און אַ סך פון זיי האָבן זיך, אונטער דער קאָמוניסטישער ממשלה, זיך גענומען „פּראָלעטאַריזירן", גענומען פאַרגעסן אין די נעכטיקע געטער און אָנגעהויבן צו זינגען שירה צו סטאַלינען און חברותא — אויך אין די באַשרייבונגען, איז נישטאָ דער נאָמען פון יוסף קירמאַן. נישטאָ.

וויל איך, איידער איך פאַרענדיק מיין מאמר, נאָך עפּעס זאָגן:

אין דער פּאָעמע פון יוסף קירמאַן, וואָס רופט זיך „מיין שוועסטערס טויט", וואָס געפינט זיך אויך אין דעם בוך „איבער שטאָק און שטיין", פון וואַנען איך האָב גענומען אַלע געבראַכטע לידער אין מיין מאמר, איז דאָ איין ליד, וואָס קאָן נישט געלייענט ווערן מיט דער מאָס און וואָג פון אַ ליד. עס איז מער פון ליד — פול מיט אַ געוויין, וואָס רייסט זיך און בעט ענטפער:

האָט מען דעם שטאַרן גוף מיין שוועסטערס, ליימיק־שווער,
אָפּגעהויבן צו דער ערד,
צונויפגענומען די גראָבע פינגער פון די פיס מיט אַ קשר־קנופּ
פון שטרוי,
פאַרדעקט איר לייב מיט מיין טאַטנס אָפּגענוצטן מלבוש,
וואָס איז פון יאָרן זיך געהאָנגען אין אַ ווינקל ביי דער טיר —
האָבן אַלע שויבן אין די פענצטער זיך געבראָכן פון געשריי.

און אַז די דיקע ווענט פון שטוב האָבן זיך צונויפגערוקט
פון די הייזעריקע קולות און געוויין —
האָט מיין טאַטע נישט געפונען זיך קיין אָרט,
איבער אַלעמען געהויבן זיין גערונצלט פנים און געקוקט,
געשוויגן און געקוקט.
זענען די נשים זיך צעגאַנגען פון שטוב, די הענט פאַרבראָכן
צו דער ערד,
און געלאָזט מיין שוועסטער ביים קאָפּ צוויי ברענענדיקע ליכט, —
האָבן אויך די פלעמלעך זיך געוואָרפן און געריסן פון דער קנויט
אין איינעם מיט די הייזעריקע קולות אין דער גאַס.

— — — אין האַלבער נאַכט
האָט מיין טאַטע זיך אַרומגעדרייט אין דער גרויסער ליידיקייט
פון שטוב,
איינגעצויגן אין זיין לויז־געוואָרענעם כאַלאַט,
מיט אַ שטעקן אין דער האַנט, געקלאַפּט, ביי יעדן טריט געקלאַפּט,
ס'זאָלן די שטשורעס, די וואָס לויפן אום אין אונדזער הויז,
נישט שולט זיין מיין שוועסטערס לייב,
ס'ווייסע לייב פון פרישן בר־מינן,
וואָס איז געלעגן אויף דער ערד מיט די פינגער פון די פיס
אויפגעשפּיצט אַרויף
אַנטקעגן טיר —

און נישט געהערט שוין מער אינעם אָפּהילך פון די שווערע טריט,
דעם גרויסן עלנט פונעם טאַטן.

האָב איך מזכיר געווען אַ ייִדישן פּאָעט, וואָס האָט אין זיין לעבן זיך אַרומגעטראָגן מיט עמערס פּול מיט פאַרבן און געשטאַלטיקט ייִדיש־פּוילן של מטה, באַזונגען די ייִדן, וואָס האָבן געלעבט אין אַן אייביקן קלעם פון הונגער און נויט.

וואָלט געווען אַ סברא, אַז עס זאָל זיך געפינען עמעצער, וואָס האָט זכרון, און זיך באַמיִען, מען זאָל צונויפזאַמלען דעם עזבון פון יוסף קירמאַן, אָדער לפּחות איבערדרוקן דאָס בוך „איבער שטאָק און שטיין” און זאָל עס זיין אַ מצבה, מיר זאָלן אים לייענען און — געדענקען.

„צוקונפט”, אָקטאָבער 1966

ז. סעגאַלאָוויטש

וואָס איז געווען דער כוח, וואָס האָט געפירט זוסמאַן סעגאַלאָוויטש איינצונעמען מיט זיין וואָרט יידיש־פוילן? זיינע ביכער זאָלן זיין פון די מער געלייענטע און אַ סך פון זיינע ראָמאַנען זאָלן זוכה זיין צו פיר־פינף אויפלאַגעס? אין יענע טעג, ווען עס איז אויפגעקומען דאָס נייע יידישע ליד, די קינסטלערישע יידישע פּראָזע, ווען עס האָט זיך געפעסטיקט אינעם יידיש־פּוילישן לעבן די יידישע שול, עס זענען אויפגעקומען מחנות יידישע לערער, יידישע שרייבער און פון דעם שטייענדיקן וואַסער האָבן אָנגעהויבן שלאָגן לעבעדיקע קוואַלן — אין יענער צייט איז זיך געזעסן אַ פאַרמרה־שחורהטער ייד, איינזאַם און אַליין, געזעסן און געשריבן זיינע ווערק, און די הונדערטער ביבליאָטעקן אין די יידישע שטעט־און־שטעטעלעך, די אויפגעכאַפּטע יידישע יוגנט, די בחורים און מיידלעך, האָבן אָטחיהט זייערע הערצער מיט די דערציילונגען, סקיצעס, נאָוועלן און ראָמאַנען פון ז. סעגאַלאָוויטש. נישט נאָר מיט זיין פּראָזע האָבן זיי זיך געקוויקט, נייַן, אויך זיינע לידער האָבן זיי פאַרצוקערט. וואָס־זשע איז עס געווען אין סעגאַלאָוויטשעס וואָרט אַזאַ כישוף, וואָס האָט פאַרכאַפּט יידיש־פּוילן? מען האָט זיך געהאַלטן אין איין חידושן; די טאָגבלעטער „שלאָגן זיך" איבער אים, פאַרלאַגן רייסן אים אָפּ די פּאָלעס, און אַז זיינע „געזאַמלטע ווערק" פון זיבעצן בענד זענען דערשינען פון פאַרלאַג ת. בזשאָזאַ און אַנדערע פאַרלעגער־שותּפים, האָבן זיי אויך אויף זייערע טאָוולען די חתימה פון דעם זייער חשובן פאַרלאַג, וואָס איז געווען אונטער דער בונדישער פירערשאַפט — קולטור־ליגע.

זענען געווען אַזעלכע מבינים־דעה־זאָגער אויף דעם יידיש־ליטעראַרישן יאַריד, וואָס האָבן געפּרווט געבן אַ זייער שנעלן ענטפער אויף דער גרויסער הצלחה פון ז. סעגאַלאָוויטש, געוואָלט אים פאַרוויגן אין אַ סדום־וויגעלע פון שונד. זיי האָבן פאַרגעסן, אַז מיט אַזאַ באַצייכענונג האָבן זיי

מוציא־שם־רע געווען אויפן יידישן לייענער. נישט קאָנענדיק געפינען קיין באַצייכענונג פאַר דעם אייגנאַרטיקן סעגאַלאָוויש־נוסח, האָבן זיי געוואָלט יוצא זיין מיט אַ שאַבלאָנעם ענטפער. איי, עס איז אין סעגאַלאָוויטש ביכער נישטאָ קיין סימן פון קיין זנות, פון קיין נבול־פה, פון אויסגעלאַסנקייט? דאָס האָט זיי נישט געאַרט. דער בלויזער דערפאָלג אַליין האָט זיי געפירט צו דער מסקנא פון שונד, אַנדערש וואָלט דאָך יידיש־פוילן געלייענט מער אַנדערע יידישע שרייבער, וואָס זייערע ביכער שטייען אונטער דער שכינה פון קונסט.

וואָס־זשע איז פאָרט געווען דער טעם פון סעגאַלאָוויטשן, זיין כוח־המושך צו דעם יידיש־לייענער, צו וועמענס ביכער עס האָבן זיך געצויגן יונג און אַלט, קינד־און־קייט, אַלע קלאַסן לייענער, אַרבעטער, למדנים — יידיש־פוילן?

טאָ זאָלן מיר זיך באַקענען מיט סעגאַלאָוויטשן. געוויר ווערן פון וואַנען איז ער געקומען, זיין דערציִונג, וואָס פאַר אַן אַרט מענטש איז ער געווען, ווי אַזוי האָט ער געלעבט, וואָס האָט ער געזוכט אין דעם לעבן, פאַר זיך און פאַר דער וועלט.

ראשית־כל דאַרף מען זאָגן: ווען סעגאַלאָוויטש וואָלט געלעבט, וואָלט ער לעצטן א׳ אדר, תשכ״ו, אַלט געוואָרן אַכציק יאָר. ער איז געבוירן געוואָרן, א׳ אדר, אַכצן פיר און אַכציק, אין ביאַליסטאָק, געשטאָרבן — דעם 19טן פעברואַר ניינצן ניין און פערציק, אין ניו־יאָרק. געשטאַמט פון אַ גרויס־יחוסדיקער רבנישער משפחה. זיין פאָטער האָט אים געשיקט אין פריוואַטע שולעס. ער האָט אויך געאַרבעט אין אַ קאַכל־פאַבריק. אָנגעהויבן צו דרוקן זיך אין אַ ביאַליסטאָקער יידיש־רוסישער צייטונג, אַריין אין „בונד״, זיך געוואָלגערט אין תפיסות. געלעבט אין לאָדזש. אין די מלחמה־יאָרן — פאַרוואָגלט געוואָרן אין צאַרישן רוסלאַנד, געדינט אין מיליטער און נאָך דער רעוואָלוציע אָנגעהויבן צו פאַרעפנטלעכן זייער אַ סך ביכער, לידער און פּראָזע. נאָך זיין באַזעצן זיך אין פוילן — געוואָרן דער פאָלקס־שרייבער ז. סעגאַלאָוויטש. איז טאַקע געווען אַזוי, אַז פון אַלע זיינע איבער־לעבונגען, פון די קאַזאַרמעס, רעוואָלוציעס, פון אַלע גרויסע אויפברויזן אין דער צעשטורעמטער וועלט, איז צו סעגאַלאָוויטשן אַפילו קיין אָפּקלאַנג נישט

דערגאַנגען? איז טאַקע מעגלעך, אַז פון אַלע „פאָלקס־אוניווערסיטעטן״, וואָס סעגאַלאָוויטש איז דורכגעגאַנגען, זאָל אים מער נישט האָבן געבליבן, ווי די „מעשׂיות״, די אויסטערלישע געשיכטעס פון מענטשן, וואָס לעבן אין תמידיקער איינזאַמקייט, אייפערזוכט; צעבראָכענע לעבנס און צעשפּליטערטע ליבעס איבער צעשטורעמטע ימען? איז טאַקע מעגלעך געווען, אַז די ימי־פּרץ, דער גאַנצער דרך פון דער יידישער ליטעראַטור אין די יאָרן פאַרן און נאָכן ערשטן וועלטקריג, דער אויפקום פון דער יידישער ליטעראַטור און קולטור־לעבן נאָך דעם קריג זאָל נישט אָנרירן סעגאַלאָוויטשן? אָדער האָט ער בכיוון אויסגעקליבן זיין וועג און בכוונה געמאַכט זיין אופן שרייבן פאַר אַ נייעם נוסח, וואָס האָט נישט קיין שום גלייכן? האָט ער נישט אַ מאָל געוואָלט מיט זיין נוסח און אופן שרייבן ווערן דער בן־יחיד, וואָס מען זאָל אים אומעטום און שטענדיק דערקענען? האָט ער לכתחילה געוווסט, אַז די יידישע שטעט און שטעטלעך וועלן זיך איינקלאַמערן אין די „מעשׂיות״ פון די „קרימער נעכט״, וועלן מיטגעריסן ווערן מיט די כוואַליעס, וואָס קלאַפּן הינטער די פענצטער פון די פּענסיאָנאַטן און מיטוויינען אויף דעם גורל פון די עלנטע און פאַראיינזאַמטע, וואָס זענען אַהין געקומען זיך געזעגענען מיט זייער לעבן? האָט ער געוווסט, אַז די בחורים און מיידלעך אין די פאַרחושכטע יידישע שטעט־און־שטעטלעך וועלן אויך פול ווערן מיט דער שפּאַנונג, מיט די דער־וואַרטונגען פון די מענטשן אין זיינע באַוועלעס און וועלן אַליין אָנהייבן לעבן אין גרויס געשפּאַנטקייט און דערוואַרטונג? אָדער איז דאָס אַלץ געקומען צו אים בלא־יודעים, אַליין זיך נישט אָפּגעבנדיק קיין שום חשבון און נישט מאַכנדיק זיך ווויסנדיק, אַז ער לעבט אין אויסגעטראַכטע וועלטן, אויסגעחלומטע הימלען און פאַפּירענע העלדן, וואָס דרייען זיך אַרום סתם אין דער וועלט, אָן אַ ציל און אָן אַן אויסוועג?

נאָך: אויב אין זיין פּראָזע איז נאָך געווען סיפּור־המעשׂה, איז נאָך געווען פאַרעם און תוכן; אויב ער האָט אין זיינע ראָמאַנען געקאָנט צעפלאַקערן אַזוי פיל ליבעס, וואָס זאָלן פאַרשיכורן דעם לייענער; אויב ער האָט געקאָנט אַרום זיינע העלדן אויסשפּינען גרויסע נאַטור־לייוונטן, אויפלייכטן זון־אויפגאַנגען און בלוטיקע שקיעות; צערוישן וועלדער און

צעבליִען פעלדער מיט תבואה, מיט בלומען און מיט לעבן — זענען אָבער זייער מאָגער געווען זיינע לידער. אין די אַלע לידער־בענדער פון זיינע „געזאַמלטע ווערק״ איז דאָ אַ גרויסער כאָאָס, נישטאָ קיין פאָרעם, קיין תוכן און נישטאָ אין זיי קיין סימן פון קינסטלערישע יצירה. רייד. אָן לייב און אָן לעבן. זעלטן־ווען בליצט־אויף אַ בילד, אַ שורה, וואָס זאָל אונדז באַהויכן מיט אַ לעבעדיקן אָטעם.

פון דעסטוועגן:

ווען די יידישע שטעט און שטעטלעך האָבן זיך צעזונגען מיט לידער, מיט געזאַנג; ווען פון די יידישע אַרבעטער־וואַרשטאַטן האָט זיך דערהערט:

אָ, גוטער פריינד, ווען איך וועל שטאַרבן

(עדעלשטאַט)

אין ענגלאַנד איז דאָ אַ שטאָט לעסטער

(ווינטשעווסקי)

איך האָב אַ קליינעס יינגעלע, אַ יינגעלע גאָר אַ שיינס

(ראָזנפעלד)

אָ, העמערל, העמערל, קלאַפּ!

(רייזען)

די אויגן רויט, די ליפּן בלוי

(י. ל. פּרץ)

ווען פון די פּאַראַיינען האָט געשאַלט:

כל עוד בלבב פנימה

(אימבער)

שוועסטער און ברידער

(אַנסקי)

אין דער סאָכע ליגט מזל־ברכה

(צונזער)

מאי קא משמע לן דער רעגן

(רייזען)

ניין, איך ווייס נישט, איך געדענק נישט

(באָוושאָווער)

ווען אויף יידיש־היימישע מסיבות האָט מען געזונגען:

די זון פאַרגייט אין פלאַמען

(קאַצענעלסאָן)

מען זאָגט, אַז אויף דער וועלט

(ביאַליק)

זאָג, איך בין אַליין, עלנט ווי אַ שטיין

(יוסף העפטמאַן)

אָבער מיט נאָך מער פאַרבענקעניש, מיט נאָך מער פאַרטרוימטקייט, האָט זיך געריסן פון יידישע שטיבער, פון די שפּאַצירן אויף די שאָסייען, פון צווישן די קאָרענע פעלדער דאָס נאָגנדיקע געזאַנג, שטיקער פון סעגאַלאָוויטשעס פּאָעמע:

שיין איז רייזעלע דעם שוחטס,
האָט אַ יונגעס האַרץ אָן זאָרגן,
זינגט און פרייט זיך מיטן לעבן,
ווי אַ שוואַלב מיט דעם פרימאָרגן.

עס באַקרוינען איר די לאָקן,
פול מיט חן זענען די אויגן,
און אַ שטאַלצע איז זי שטענדיק,
וויל פאַר קיינעם זיך נישט בויגן.

שיין איז רייזעלע דעם שוחטס
עס באַוווּנדערן זי אַלע, —
ניט איין מאַמע ווען זיך ווינטשן,
זי זאָל זיין איר זונס אַ כלה...

דאָס פאָלק האָט געזונגען „רייזעלע״; דאָס פאָלק האָט געזונגען „נאָ שוויענטעגאָ יאַנאַ״.

די שטעט און שטעטלעך האָבן גאָרנישט אָנגעהויבן צו וויסן, אַז זיי זינגען די לידער פון דעם שרייבער, וואָס וועבט פאַר זיי אַזעלכע הייסע ליבע־לעגענדעס און שפינט פאַר זיי אַזעלכע אויסטערלישע חלומות אין „זעליקס יאָרן״, אין „דאָס אַנאַרכיסטישע מיידל״, און גאָר באַזונדער — אין זיין קרוין־ראָמאַן „דיווילדע צילקע״.

לאָמיר זיך דאָ אָפּשטעלן אויף אַ רגע.

עס איז נישט קיין שום ספק, אַז זוסמאַן סעגאַלאָוויטש האָט נישט זוכה געווען צו ווערן באַשאָנקען מיט הומאָר, וואָס אַ שרייבער דאַרף עס האָבן, ווי ער דאַרף זיין לעבן. ווי אין זיינע ביכער, אַזוי איז ער געווען אין זיין לעבן. עס איז קיין מאָל קיין שמייכל נישט געווען אויף זיין פנים. זעלטן־זעלטן האָט זיך זיין פנים געענדערט. תמיד פאַרכמורעט. שטענדיק, ווי ער וואָלט געווען פאַרטאָן אין שווערע פילאָזאָפישע שיטות. אין דער גאַנצער מורה־שחורה איז ער אָבער געווען שטענדיק אַן אויפגערוימטער, אַן אויסגעפּוצטער. זיין הלבשה האָט ער געמאַכט ביי די בעסטע וואַרשעווער שניידער. אַלץ אויף אים האָט געבלאַנקט. עס איז נישט געווען קיין באַרימען זיך, ניין, אַזוי איז ער געווען. ער איז געווען אַ גוטער, שטענדיק גרייט וועמען עס איז מיט עפּעס צו העלפן. זיין בעסטער חבר איז געווען הערשעלע, וואָס איז געווען פונקט דער היפוך פון אים. סעגאַלאָוויטש איז געווען אַ הויכער. הערשעלע האָט אים געגרייכט ביז צום גאַרטל; סעגאַלאָוויטש איז תמיד געווען אויסגעצוואָגן „אין עסיק און אין האָניק״. הערשעלע שטענדיק אַן אָפּגעזונקטער, קיין מאָל נישט אויפגערוימט, שטענדיק אָפּגעלאָזט. אויף טלאָמאַצקע דרייצן איז געווען שטיל. בין סעודה לסעודה זענען ביים קלאַוויר געזעסן סעגאַלאָוויטש און הערשעלע. פון סעגאַלאָוויטשעס לולקע האָבן געשטראָמט וואָלקנס רויך און הערשעלע האָט פאַר אים געלייענט זיינע לידער. די לידער זענען געווען נישט קיין געדרוקטע, אויסגעשריבן אין אַ קליין קעשענע־ביכעלע. הערשעלע האָט געלייענט און סעגאַלאָוויטש האָט געהאָרכט, ווי משה וואָלט פאַר אים געלייענט די עשרת הדיברות. אַז הערשעלע האָט פאַרענדיקט לייענען,

האָט סעגאַלאָוויטש זיך אָנגעהויבן דרייען אַ פּאַרטיפּטער, אַ פּאַרטראַכטער איבער דער גאַנצער לענג פון טלאָמאַצקע דרייצן.

אין אַ זומערדיקן נאָכמיטאָג, נאָך אַזאַ „סעאַנס" צווישן סעגאַלאָוויטשן און הערשעלען, האָט מיר סעגאַלאָוויטש געפרעגט צי איך האָב געלייענט די דעבאַטע צווישן מאַרקיש און זינגער איבער דער „מצבה". עס האָט דעמאָלט געקאָכט יידיש־פּוילן מיט אַ פּרשה „מצבה".

די מעשה איז געווען אַזאַ:

נאָך דעם ווי די „ווילנער" האָבן שוין אָפּגעדיבוקט. אַפילו אַלע וואַר־שעווער „סטרוזשעס" האָבן שוין געזען דעם „דיבוק", מען האָט שוין אויפ־געהערט זינגען אין אַלע „שטיבלעך", אין אַלע קיכן „מחמת־וואָס, מחמת־ווען" — האָט דער אַקטיאָר ליפּמאַן געמאַכט אַ נייעם „דיבוק" אין צענטראַל־טעאַטער אויף לעשנע, אַ טריט פון טלאָמאַצקע דרייצן.

צו דער „ערשטער נאַכט" האָט געהאַט די חזקה די „זיבעטע מלוכה". טלאָמאַצקע דרייצן איז געוואָרן ליידיק. אַלע זענען געגאַנגען מקבל־פּנים זיין דעם נייעם „דיבוק".

אַלץ האָט געקלאַפּט. עס האָט געאַרבעט.

אינעם ערשטן אַקט איז דאָך דאָ אַ קבר. איבערן קבר —אַ מצבה.

בשעת די ישיבה־בחורים האָבן געניגונט דעם נייעם:

על מה ולמה
יורדת הנשמה
מאגרא רמא
לבירא עמיקתא?
— ירידה צורך עליה היא,
ירידה צורך עליה היא.

האָט די מצבה זיך צוגעשאָקלט, זיך געשאָקלט מיט די ישיבה־בחורים.

איז אַרויס י. י. זינגער מיט אַ געוואַלט אין די „ליטעראַרישע בלעטער":

יידן, די מצבה שאָקלט זיך! האָט אים געענטפערט פּרץ מאַרקיש מיט אַ

מאמר: זינגער, ברודערקע, נישט נאָר די מצבה שאָקלט זיך ביי אונדז, נישט נאָר די מצבה!

די דעבאַטע איז זייער געפּעלן געוואָרן סעגאַלאָוויטשן. ביי דער „פּרשה" האָב איך אים געזען דאָס ערשטע מאָל שמייכלען.

סעגאַלאָוויטש האָט מיט קיינעם נישט געפירט קיין מלחמות, נישט געזאָגט קיין מיינונגען. עס האָט זיך געקאָנט אויסדאַכטן, אַז עס גייט אים נישט אָן. ניין, עס איז אים יאָ אָנגעגאַנגען. כאָטש ער האָט געוווּסט, אַז די „כּאַליאַסטרע־יידן" האַלטן זייער ווייניק פון זיינע לידער, פון זיין פּראָזע, אַ סימן: זיי האָבן אים נאָך קיין מאָל נישט פאַרבעטן ער זאָל זיך באַטייליקן אין זייערע אויסגאַבעס. אָבער ער האָט נישט געהאַט צו זיי קיין שׂנאה. פאַרקערט, ער וואָלט זיי געוואָלט העלפן. ער האָט געוווּסט, אַז זיי זענען אין אַ שטענדיקן דעפיציט און דאַרפן הילף. געווען אַ מסיבה אין דעם הויז פון אשר פערלמאַן, דעם גרינדער פון דער פאָלקס־פּאַרטיי, וועלכער האָט זיך באַזעצט אין ביראָ־בידזשאַן און געפאַלן אַ קרבן פונעם „קולט". עס איז ביי דער מסיבה אויך געווען נח פּרילוצקי, יוסף פערלמאַן — געשטאָרבן איצט אין תל־אביב — נתן שוואַלבע, נאָמבערג. ביי דער דאָזיקער מסיבה האָט מיר בפירוש סעגאַלאָוויטש געזאָגט: גייט, זאָגט „זיי", אַז איך וועל דעקן זייער גאַנצן דעפיציט. נאָמבערג האָט נישט געהייסן. דאָס איז שוין געווען נאָך דעם באַרימטן מאַרקיש־טראַקטאַט: „ניין, אייביק געמיינזאַם", ווו ער האָט אַטאַקירט סעגאַלאָוויטשן פאַר זיין „אייביק איינזאַם". סעגאַלאָוויטש האָט דעמאָלט געענטפערט זיין באַרימטע תשובה: פערד גייען שטענדיק אין מיטן גאַס געמיינזאַם; מענטשן אויף דעם טראָטואַר — איינזאַם.

אַז עס איז סעגאַלאָוויטשן שוין געוואָרן גוט אומעטיק, עס האָבן שוין נישט געהאָלפן הערשעלעס לידער, די שעהען ביי דעם קלאַוויר אויף טלאָמאַצקע דרייצן, איז ער אַוועק אויף חדשים קיין פּאַריז, קיין לאָנדאָן. זיך דאָרט אַוועקגעזעצט אין די קאַפעען און געאיינזאַמט — אין נייע ווערטן.

בשעת פּרץ הירשביין איז געפאָרן פון די „רויטע פעלדער", האָט זיך אָפּגעשטעלט אין וואַרשע פאַרצווייפלטע זיינע לידער אין פּראָזע „פאַרן מאָרגנשטערן", זענען מיר געזעסן פאַרן „אָוונט" אַרום קלאַוויר אויף טלאָ־

מאַצקיץ דרייצן. הירשביין האָט געשפּילט, הערשעלע האָט גערימיונט, סעגאַ־לאָוויטש — איבער הירשביינס אַקסלען — געניגונט אַ נאָגנדיקן ניגון.

דאָס איז געווען אין דער צייט ווען טלאָמאַצקע דרייצן איז געווען איבערגענומען מיט דער גרויסער סעגאַלאָוויטש־טראַגעדיע פון דער „מענ־דעלסאָן־פּרשה״, וואָס האָט סעגאַלאָוויטשן אויף זייער לאַנג צעבראָכן און ער איז געוואָרן נאָך אומעטיקער, נאָך טרויעריקער, נאָך מער פאַרשלאָסן אין זיך, אין זיין אייגענער וועלט.

פלעג איך זייער אָפט רעדן מיט סעגאַלאָוויטשן וועגן שרייבער, גערעדט און געהערט פון אים זייער אַ סך גוטע ווערטער, אייגנאַרטיקע מיינונגען וועגן ביכער.

איך האָב זייער אָפט אים געפרעגט וועגן זיינע ביכער, געוואָלט פון אים דערגיין צי אים אַרט טאַקע גאָרנישט, צי ער זוכט נישט דערגיין ווייטער, העכער. האָט ער געגאַפט, נישט דערגרייכט צו דער שאלה, במילא, איז נישט געקומען קיין ענטפער.

איין זאַך איז מיר קלאָר געוואָרן פון זיינע רייד:

ער האָט ליב געהאַט אהבת־נפש אַלע זיינע מענטשן, וואָס ער האָט באַשריבן. עס איז אים געווען זייער שווער צו פאַרנעמען פּראָבלעמען. צו וואָס דאַרף ער זיך מאַכן שווער, ווען אַלץ אַרום אים איז אַזוי לייכט, גרינג און שיין, פול מיט געזאַנג, מיט ליבע.

עס האָט אים געצויגן אין די יידישע שטעט און שטעטלעך. ער האָט געוווסט, אַז „דאָרט״ איז דאָ זיין לייענער, אַז דאָרט נעמט מען אים אויף מיט ליבשאַפט און ער איז נאָענט צו זיינע אויסגעחלומטע, צאַפּלדיקע העלדן פון זיינע ביכער.

אַוודאי האָט ער אין די שטעטלעך זיין „ווילדע צילקע״ נישט געטראָפן, ער האָט אויך זיך נישט אָנגעטראָפן מיט זיין „אַנאַרכיסטיש מיידל״, נישט מיט די אַנדערע העלדן פון זיינע נאָוועלעס און זיינע ראָמאַנען. אָבער אים האָט געראַטעוועט די דאַנקשאַפט פון דער יידישער יוגנט פאַר דער הנאה, וואָס ער האָט זיי געגעבן מיט זיינע „מעשיות״.

ער האָט מיר אַ מאָל דערציילט נאָך אַ יאַזדע אין אַ שטעטל, וואָס איך האָב זייער גוט געקענט, אַז נאָך זיין דרשה, האָט זיך דער גרויסער עולם

געבעטן: לידער, לידער! קיין זינגער בין איך דאָך נישט, האָט ער מיר געזאָגט, האָב איך זיי געבעטן: זינגט איר, איך וועל אייך צוהעלפן. האָט דער גאַנצער עולם זיך צעזונגען „שיין איז רייזעלע דעם שוחטס", און אַזוי זינגענדיק, אַרויס אין גאַס און זיך צעטאַנצט אַרום דעם ברונעם, וואָס אין מיטן מאַרק. שעהען האָט עס געדויערט. קיינער איז נישט מיד געוואָרן, קיינער נישט, אַלץ האָט געטאַנצט. דאָס גאַנצע שטעטל האָט זיך אויפגעכאַפּט און אַ געזאַנג איז אויפגעגאַנגען צום הימל.

נאָך דעם, ווי ער האָט מיר דאָס דערציילט, האָט ער אָנגעהויבן פאַר מיר לייענען פון זיין „אין קאַזשמיערזש":

דריי קלויסטערס אין קאַזשמיערזש און אַלע דריי זענען
מיט ביימער פאַררינגלט, מיט ביימלעך אַ סך;
און אונדזער בית־תפילה, להבדיל, שטייט איינזאַם,
פאַררוקט אין אַ ווינקל, צעבראָכן דער דאַך...

אַ ניגון אַ מידער פאַרשטאַרבט אין די ראַמען
פון אָפענעם פענצטער... איך גיי גיך פאַרביי;
דער ניגון באַגלייט מיך נישט ווייט מיט זיין טרויער,
ער ווערט באַלד צערונען אין זינגען פון מאַי...

ווי רופט מען די פייגעלעך? ווי הייסן די בלומען?
עס האָט אונדזער שפּראַך נישט קיין נעמען פאַר זיי:
באַשערט זיך צו פרייען אַזוי, ווי אַ שטומער,
אַזוי, ווי אַ שטומער, פאַרבאָרגן דער וויי...

ער האָט מיר געזאָגט: די פּאָעמע האָב איך געשריבן אין ניינצן־דרייצן און איך האָב נאָך פון איר גאָרנישט פאַרגעסן, ווי איך האָב נישט פאַרגעסן די גרויסע ליבע פון „צילקען" צו דעם זון פון די לוריעס, די גבירים־אדירים.

נישט נאָר ער, דער מחבר, האָט די ליבע פון „צילקען" נישט פאַרגעסן, אויך נישט פאַרגעסן דעם וואַלד, דאָס טייכל, דעם הימל, דעם גערויש פון די

ביימער און דאָס געזאַנג פון די פייגל אין דעם גרויסן און טיפן וואַלד.

די טויזנטער, צענער טויזנטער, אַ גאַנצער יידישער דור, סײַ אין מדינת־פוילן און סיי מחוץ די גרענעצן פון דעם ווייסל־לאַנד, האָבן נישט פאַרגעסן דעם פשוטן יידישן פאָלקס־שרייבער, וואָס האָט מיט זיינע תמימותדיקע ביכער זיי פאַרכישופט, זיי געגעבן שפּאַנונג אין זייער שטעטלדיק פאַרשלאָסן לעבן, זיי געגעבן אַנהאַלט אין גרויסע ליבעס, וואָס סעגאַלאָוויטש האָט אַנגעצונדן — געבראַכט יום־טוב אין דעם עצבות פון יידישן מענטש.

אָן פּראָבלעמען, מיט זייער וויניק קינסטלערישע דרכים, אָט־אַזוי־יאָ, פּראָסט און פשוט, האָט סעגאַלאָוויטש דערציילט „מעשׂיות" פאַר אַ דור, וואָס איז געווען פאַרוויקלט אין אַזעלכע גרויסע מרידות, אויף דעם בראַכ־שטול פון אַזוי פיל גאולות, פון אַזוי פיל בגידות אין די סאַמע יסודות פון דעם ווערט פון מענטש. דער דור האָט זיך אָפּגעשטעלט און געוואָלט די דאָזיקע צאַפּלדיקע „מעשׂיות" הערן.

טאָ ווען האָט געקאָנט איינפאַלן, ווער האָט זיך געקאָנט ריכטן, אַז דער גורל, דער וויסטער יידישער גורל, וועט אַרויפוואַרפן אויף די אַקסלען פון דעם יידישן פאָלקסזינגער דאָס מאַנטל פון דעם גרויסן פאָלקס־מקונן, וואָס זאָל ברענגען אין אונדזער לעבן דעם זאַק מיט געשריי פון אונדזער גרויסן פאָלקס־חורבן, וואָס זאָל אַריינוויינען אין אונדז די גרויסע בכיה פון אַ פאָלק, וואָס האָט געברענט אין די קאַלכאויוונס, וואָס איז אַזוי פאַרשעמט געוואָרן און דער הימל, די זון, די לבנה, די שטערן, האָבן צוגעזען און געשוויגן?

יאָ, ווען האָט עס געקאָנט איינפאַלן, ווער האָט זיך אויף דעם געקאָנט ריכטן?

איידער מיר נעמען זאָגן די נייע קינות, וואָס סעגאַלאָוויטש האָט אויס־געקלאָגט, איידער מיר עפענען דעם גרויסן „איכה", דאַרפן מיר געדענקען אַנדערע צוויי, וואָס האָבן מיט זייער וואָרט אונדז אַריינגעפירט אין דעם סאַמע פייער, אין דעם גרויסן לייבן־גרוב, ווו עס האָט געברענט און פאַרפייניקט געוואָרן דער גרויסער יידישער קיבוץ פון מדינת־פוילן און יידישע קיבוצים פון אַנדערע מדינות און לענדער. מיר דאַרפן געדענקען די „שמות", וואָס זענען געפונען געוואָרן אין מיסט פון דער לאָדזשער

יידישער געטאָ, וואָס האָבן געבראַכט מיט זיך די פּאָעמעס „לך־לך" און „פרילינג תש"ב" פון ש. שאַיעוויטש.

מיר דאַרפן געדענקען, אַז די דאָזיקע צוויי פּאָעמעס זענען געווען די ערשטע גרוסן פון דעם חורבן, און מיט גרויס חידוש האָבן מיר זיך נישט געקאָנט אָפּרייסן פון דעם אופן, ווי שאַיעוויטש דערציילט אונדז, וואָס עס איז מיט אים געשען. ווי אַזוי ער גרייט־צו זיין „בלימעלע", זיין איינציק קינד, צום לעצטן גאַנג, צום פאַרלענד.

מיר קאָנען נאָך עד־היום נישט תופס זיין די רויקייט פון דעם פאָטער, וואָס פירט זיין אייגן קינד צו דער עקידה:

און אַצינד, בלימעלע, קינד־לעב,
טו־אָן ס'מענטעלע און לאָמיר גיין —
אָט הוידלט זיך שוין די דריטע גרופּע
און צווישן זיי מוזן מיר אויך שוין זיין.

נאָר לאָמיר נישט וויינען, לאָמיר נישט
יאָמערן און להכעיס אַלע שונאים —
שמייכלען, נאָר שמייכלען, אַז וווּנדערן
זאָלן זיי זיך וואָס יידן קאָנען.

און נישט פאַרשטיין, אַז אין אונדזער בלוט
ריזלט קראַפט פון אונדזערע זיידעס,
וואָס זענען אין אַלע דורות
געגאַנגען אויף כלערליי עקידהס.

אַזוי־אַ רויק־שטיל האָט אונדז שאַיעוויטש פון דעם יידישן פאַרלענד דערציילט. דאַרף מען, בשעת מיר נעמען זאָגן סעגאַלאָוויטשעס קינות דאָס גוט געדענקען.

מיר דאַרפן זיך אויך דערמאָנען און גוט געדענקען, נאָך אַ מאָל אַריינ־נעמען אין זיך דאָס גרויסע געוואַלט, דעם געשריי, וואָס איז געקומען פון די

פלאַמען, וואָס האָט געברענט אונדזער אומה — און אַ וועלט האָט געשוויגן.

מיר דאַרפן זיך אויפרייסן איבער דעם געשריי, דאָס „ליד פון אויסגע־הרגעטן יידישן פאָלק", וואָס עס האָט אַרויסגעיאָמערט פון סאַמע פייער דער יידישער פּאָעט, וואָס נאָך יאָרן פאַרן חורבן האָט ער זיך צעזונגען מיט אַזוי פיל עלעגיעס און אונדז געוועקט מיט זיין לויטערן טרויער — יצחק קאַצענעלסאָן.

זענען דאָך די צוויי געווען די ערשטע, וואָס האָבן געשריבן מיט פאַרברענטע פענעס, מיט אייגן בלוט אַריינגעשריבן לדור־דורות די מגילות פון יידישן אומקום.

געדענקען מיר זיי, האָבן מיר זיך אין זיי דערמאָנט, ווערט פאַר אונדז קלאָר, ווערן פאַר אונדז נענטער די ימען טרערן, וואָס סעגאַלאָוויטש פאַר־גיסט אויף דעם חורבן.

בשעת מיר זאָגן מיט סעגאַלאָוויטשן זיינע קינות פירט ער אונדז איבער אונדזערע יידישע היימען, די פאַרוויסטע, און עס גייט ווידער אויף אין אונדז די גרויסע ליבע צו די יידן, וואָס האָבן דור־דורות געלעבט אויף דער פוילישער ערד; עס ווערן לעבעדיק פאַר אונדז די מיליאָנען יידישע נפשות, וואָס זענען דערשטיקט געוואָרן אין דער אַכזריותדיקער שׂרפה. ווער האָט זיך געקאָנט ריכטן, ווען מען האָט געקאָנט איינפאַלן, אַז דער יידישער פאָלקסזינגער, וואָס האָט געלעבט, געאָטעמט מיט די פוילישע יידן, זאָל אָפּגעהיט ווערן פון אומקום, זאָל אין זיין גרויסן נע־ונד זיך דערשלעפּן צו די בערג פון יהודה, דאָרט זיך נעמען בינדן זיינע ווונדן און זיך צעיאָמערן מיט אַזאַ געקלאַג, וואָס זאָל אונדז צעברעכן, זאָל אונדז צערייסן אין אייביקער קריעה, זאָל אונדז צוריקפירן צו די שוועלן פון אונדזערע יידישע היימען, זיך דאָרט אַוועקזעצן און קלאָגן, קלאָגן.

סעגאַלאָוויטשעס „דאָרטן" און „איצטער", אויך זיין מצבה אויף „טלאָ־מאַצקע דרייצן", די היים פון די יידישע שעפער, זענען עדות, אַז סעגאַ־לאָוויטש איז געווען אַריינגעוואַקסן אין דעם יידיש־פוילישן שטאַם; געווען אָן אבר, אַ לעבעדיקער טייל פון דעם גרויסן פוילישן ייד, וואָס האָט תמיד געלעבט אין פּחד פאַר דעם חלף.

„דאָרטן" און „איצטער" באַווייזט נישט נאָר די אויסדערוויילטע, די

יחסנים, די לומדים, די תלמידי־חכמים. ניין, סעגאַלאָוויטש באַקלאָגט די גרויסע יידישע עדה, וואָס האָט געלעבט אין דעם ווייסל־לאַנד און — נישטאָ".

מען זאָל מיר מוחל זיין דערפאַר,
וואָס איך באַקלאָג זיך אויפן קול...
די איז אַ צוגאָב צו מיין צער,
מיין נישט פאַרגעסענעם אַמאָל.

די איז געוועזענער גוזאַנג,
וואָס ציטערט אויף פון שעה צו שעה...
אַ ווידערקול, אַן אונטערגאַנג,
אַ שרעקלעך־שרעקלעכער נישטאָ...

הערט מען זיך גוט איין אין דעם ניגון, וואָס שלאָגט אויף אונדז פון די שורות אין די ספרים „דאָרטן" און „איצטער"; בשעת מיר לייגן צו אונדזער אויער צו דער ערד, דערהערן מיר נישט נאָר דעם געקלאָג פון חורבן. מיר הערן פון די קלאָגווערטער דעם קלאַנג, דעם ווייטן אָפּקלאַנג פון יענע לידער, וואָס סעגאַלאָוויטש האָט געשריבן, געזונגען אינעם באַגינען פון אונדזער דור. אין יענע לידער געפינען מיר דעם יסוד פון דעם „איכה", וואָס באַוויינט אונדזער גרויסן פאָלקס־חורבן.

ס'איז נאַכט, עס איז שטיל, איצטער שטורבט נישט אין ערגעץ,
די אָרעמע יידישע קרעמלעך פאַרמאַכט.
פאַרשלאָסן מיט שווערע אַלט־מאָדישע שלעסער...
געלויבט ביסטו, גאָט, וואָס מען רוט כאָטש ביי נאַכט.
פאַררינגלט מיט אַלטע און נייע בית־עולמס
שלאָפט קאַזשמיערזש און חלומט. נאָר עמעץ איז וואַך:
דער פאַסטעך, דער שטומער, באַגעגנט מיך פלוצלינג.
וואָס ווינקט ער צו מיר? כ'פאַרשטיי נישט זיין שפּראַך:
ער ווייזט מיר דעם שלאָס אָן, ער ווייזט מיר דעם טורעם,

וואָס שטייט אויפן באַרג, ווי אַ פּוסטער סקעלעט...
ווי נישטיק דער טאָג זעט מיר אויס אין דער פינצטער,
ווי עלנט די וועלט איז ביי נאַכט אַזוי שפּעט...

דאָס ליד איז נישטאָ אין „דאָרטן", נישטאָ אין „איצטער". עס איז דאָ אין דער ערשטער פּאָעמע, וואָס זוסמאַן סעגאַלאָוויטש האָט געשריבן און געדרוקט אינעם יאָר — ניינצן־דרייצן.
איצטער הערט:

דאָרט איז איצטער פרילינג, דאָרט בליִען קאַשטאַנען...
איך ווייס נאָך גענוי, ווו אַ בוים איז געשטאַנען —
ביי קאַזשמיערזשש אַריינפאָר, ביי יידישע קרעמלעך,
צעבליטע קאַשטאַנען, ווי לייכטער מיט פלעמלעך.
קאַשטאַנען, אַקאַציעס און ווערבעס און ליפּעס,
ביים ברעג קליינע שיפלעך און גרעסערע קריפּעס,
אַ וואַסער אַ ברייטער מיט זאַמדיקע פלעקן
און בלויקייט פון הימל אין אַלע פיר עקן.
פון וויטן די שפּיצן פון יאַנאָווצער שלעסער,
אויף יענער זייט ווייסל די פלאַכקייט איז גרעסער,
די פעלדער־קוואַדראַטן, די פלאַנצן, די גראָזן —
דאָס זעט אויס אין גאַנצן אויף הפקר פאַרלאָזן.

דאָס ליד איז פון „איצטער", געשריבן אין ניינצן־פינף־און פערציק, אין תל־אביב. עס איז דאָ אַ טיפע שייכות, סיי אין דער פאָרעם, סיי אינעם ניגון צווישן די־אָביידע לידער. וואָלט מען נאָך געבראַכט ראיות פון „די וואַנט" און אַנדערע לידער, וואָס סעגאַלאָוויטש האָט געשריבן לאַנג־לאַנג־צוריק, וואָלטן מיר געזען, אַז עס ציט זיך אַ רויטער פאָדעם פון סעגאַלאָ־וויטש דעם באַזינגער און סעגאַלאָוויטש דעם באַקלאָגער. עס איז דאָ אַ שייכות, אַ גאָר גרויסע שייכות.

„צוקונפט", אָקטאָבער 1966

י. י. טרונק

פאַרן מבול

מען דאַרף אָנהייבן ביים סאַמע אָנהייב. אַנדערש וועט זיין שווער תופס צו זיין דעם דרך, וואָס אויף אים איז דורכגעגאַנגען דער מחבר פון צוויי צענדליק ביכער, וועלכע האָבן געבראַכט דער יידישער ליטעראַטור אַ שפע פון נוסחאות סיי אין דער יידיש־קינסטלערישער דערציילונג און סיי אין דעם יידישן מאמר; זיין ליטעראַרישער אַנאַליז, זיינע קאָמענטאַרן איבער די שאַפערס פון אונדזער ליטעראַטור און זייערע ווערק.

יאָ, מען דאַרף וויסן פון וואַנען ער איז געקומען, זיין אָפּשטאַם, די השפעות, די קולטורן, וואָס האָבן גורם געווען, ער זאָל דורך זיי דערזען דאָס יידישע לעבן, די וועלט, און דאָס שעפּן פון זייערע קוואַלן פאַר זיין אייגן לעבן און זיינע יצירות.

איז איידער מיר נעמען, בתכלית הקיצור, דאָס אַלץ דערציילן, דאַרפן מיר אויך אָנמערקן, אַז בכדי צו דערזען און באַנעמען דעם גאַנצן וועג פון יחיאל־ישעיה טרונק, דאַרף מען אַוועקשטעלן אַ גרויסע מחיצה און גוט אונטערשטרייכן דעם דרך פון י. י. טרונק פאַרן מבול און נאָכן מבול, נאָך זיין טראַגישן נע־ונד איבער דער וועלט, ביז ער איז געקומען צו די ברעגעס, ווו עס איז במשך פון עטלעכע צענדליק יאָר אויפגעגאַנגען דער זעקס־מיליאָניקער יידישער יישוב — און די גרויס־קינסטלערישע יידישע ליטעראַטור — אַמעריקע.

לאָמיר אָנהייבן דערציילן:

געבוירן געוואָרן איז י. י. טרונק אין אָסמולסק, ביי לוויוויטש, פוילן, אינעם יאָר אַכצן זיבן און אַכציק. פון פאָטערס צד שטאַמט ער פון גאָר גרויסן יחוס, פון גאונים און רבנים, זיין עלטער־זיידע איז געווען ר' יהושעלע קוטנער, דער באַרימטער רבנישער אויטאָריטעט אין זיין צייט.

זיין פאָטער, חיים־אברהם, איז געווען אַ גרויסער למדן, אַן עילוי,

האָט צו זיבן יאָר געשריבן העברעישע שירים און געשמט מיט זיין גאונות איבער גאַנץ פּוילן.

פון דער מאַמעס צד — זיין זיידע איז געווען ברוך גזשיוואַטש, אַ פּראָסטער ייִד, געשטאַמט פון פּראָסטע יידן, אָבער געווען דער רייכסטער יידישער אַרענדאַר אין פּוילן. געהאַט זיינע אייגענע שטעט, וועלדער, טייכן, שלעסער.

איינגעטונקט אין יחוס, אין לומדות, האָט אָבער טרונק אין זיין יוגנט אָנגעהויבן זיך ברעכן, זיך אָפּרייסן פון דער גרויסער אמונה־וועלט, פון דעם רעליגיעזן שטייגער לעבן. געוואָרן פריי און דערצו — אַ יידישער שרייבער.

איידער טרונק איז געוואָרן אַ יידישער שרייבער, איז ער געווען אַ העברעישער מחבר, פאַרעפנטלעכט אינעם וואַרשעווער אָרטאָדאָקסישן „הקול״ קליינע סקיצעס און שירים. ווען ער איז געקומען צו פּרצן, צום ערשטן מאָל, מיט זיין פּעקל כתבים, איז עס געווען אין העברעיש, אַ מעשׂה על־פּי־נוסח פייערבערגס „לאָן״?״. נאָכן איבערלייענען האָט אים פּרץ געזאָגט: „יונגערמאַן, וואָס טויג אייך איבערצוזעצן אייער יידיש אויף העברעיש, שרייבט עס גלייך אָן אויף יידיש״. טרונק האָט געפאָלגט פּרצן און גענומען שרייבן יידיש. זיין ערשטע סקיצע האָט פּרץ געדרוקט אין זיין „וואָכנשריפט״ — אַ סקיצע, וואָס האָט געמאָלן אַ זונאויפגאַנג אין דער אַלפּן.

אויף די פרייע פעלדער און אין די וועלדער פון זיין רייכן זיידנס גיטער, איז אין זיין יוגנט איינגעפלאַנצט געוואָרן אין אים אַ ליבשאַפט צו דער לאַנדשאַפט, צו דער נאַטור און די אַ באַשרייבונגען זענען אויפגענומען געוואָרן, ווי אַ נייער אָנזאָג אין דער יידישער ליטעראַטור. ער האָט געמאָלן קינסטלעריש די לאַנדשאַפטן, געבראַכט דעם ריח פון די פעלדער און וועלדער, וואָס איז אים ביז איצט ניט געווען שכיח.

זיינע שאַפונגען זענען אויפגענומען געוואָרן מיט גרויס אינטערעס. נישט נאָר פּרץ האָט אים געהאַלטן אין איין לויבן, נאָר אויך שמואל ניגער האָט שוין אין יענער באַגינען־צייט געפונען אין טרונקן אַ כוח, אַ זעלבשטענדיקן קוק אויף מענטשן, און צוגעזאָגט דעם מחבר אַ סך נחת.

י. י. טרונק האָט זיך אַרויסגעלאָזט איבער דער וועלט, געמאַכט נסיעות איבער אַ סך לענדער, סיי אין אייראָפּע און סיי אין די וויטסטע לענדער פון מזרח. ערב דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט טרונק פאַר־בראַכט אַ האַלב יאָר אין ארץ־ישראל, געשריבן זייער אַ סך פון די לענדער, וואָס ער האָט באַזוכט, און בעת ער איז געקומען נאָך דער מלחמה, פון ציריך אין פּוילן, האָט ער זיך אין גאַנצן באַנייט, געוואָרן אַ שרייבער מיט אַ גרויסער יידישער קולטור, וואָס ער האָט געירשנט פון זיינע אבות, און מיט אַ ברייטער וועלטלעכער קולטור, געשעפּט פון די ליטעראַטורן פון די אומות־העולם — און זיינע אַרבעטן געשריבן מיט אַן אייגענעם נוסח, וואָס האָט געהאַט זיינע וואָרצלען אין דער טיף־יידישער טראַדיציע, דורכגעאַדערט מיט די פּראָבלעמען פון דער גרויסער וועלט.

אַרויסוואַקסנדיק פון אַזאַ גרויסער וועלט, ווו אַלץ איז געווען באַהויכט מיט אמונה, מיט התרוממות, מיט קידוש־השם, מיט געפינען אַ יש אין יעדער נקודה אינעם מענטש; אַ וועלט, וואָס האָט געפלאַמט און באַלויכטן דעם יידיש־רעליגיעזן מענטש, אַ וועלט, ווו דער „דאָ״ איז נאָר אַ פּרוזדור צו אַנדערע העכערע, שענערע און ליכטיקערע וועלטן, האָט י. י. טרונק אויך אין זיינע שאַפונגען גענומען אַריינפירן דעם אָפּשיין פון דער אַ וועלט, אַריינברענגען אין דער ליטעראַטור די גרויסע רוחניות און מבטל מאַכן דאָס גשמיותדיקע אינעם מענטש, אין לעבן.

ער האָט געהאַלטן אין איין זוכן דאָס פּינטעלע אידעאַליזם אינעם מענטש, אינעם ייד, און האָט ממש נישט געקאָנט פאַרטראָגן דעם מגושמ־דיקן מאַטעריאַליזם. געזוכט אַן אָנשפּאַר, אַ באַזע פאַר זיין דרך, און זייענדיק אַ גרויסער תלמיד פון דער געשיכטע, האָט ער סיי אין זיין לעבן און סיי אין זיינע קינסטלערישע תשוקות, געפונען אַן אָנלען אין דער ווייטער געשיכטע, באַזונדערס אין דער יידישער.

איז דאָך אָבער דאָס לעבן האַרט, אַכזריותדיק, גייט טרונק אַוועק צו דער מיסטעריע, צו דעם פאַרהוילענעם, און פון דאָרט הייבט ער אָן שפּינען זיינע מעשות. איז ער אינעם לעבן, אין דער טאָג־טעגלעכקייט געקומען צום „בונד״. געקומען צו דער באַוועגונג, וואָס האָט הינטער זיך אַזאַ העראָישע געשיכטע און האָט אַזוי פיל צוזאָגן פאַר דעם מאָרגן. געקומען

אין דער באַוועגונג צו געפינען דאָרט אַ שמץ פון יענעם גרויסן אידעאַליזם, וואָס ער האָט געזוכט אין זיין יוגנטוועלט. עס האָבן אים געצויגן און גערופן די גרויסע מחנות, וואָס זענען געווען גרייט פאַר זייער אידעע ברענגען די גרעסטע קרבנות, גיין אויף קידוש־השם, ווי עס זענען געגאַנגען זיינע יידן אין די פריערדיקע דורות אויף די עקידות פאַר זייער אמונה.

דעם דאָזיקן דרך האָט ער אויך געוואָלט אַריינפירן אין דער יידישער ליטעראַטור. האָט ער אָנגעהויבן שרייבן פילאָסאָפיש־מיסטעריעזע געשיכטעס, ווי „סימפאָזיאָן" און „אָבערגלויבן" און אַ סך אַנדערע „מוראדיקע מעשות" ווי זיין באמת יידישע, גרויסקינסטלערישע דערציילונג „יאָסעפוס פלאַוויוס פון ירושלים". אין די דאָזיקע יצירות זיינע האָט ער באַנוצט די שפּראַך און דעם אַלטן יידישן נוסח פון טייטש־חומש און תחינה. ער האָט אין זיינע יידיש־געשיכטלעכע דערציילונגען אַרויסגעוויזן זיין קרובה־שאַפט צו יענע גרויסע יידישע געשטאַלטן, געשילדערט זיי קאַלירפול, לעבעדיק און אַרויסגעבראַכט זייער גרויסע טראַגיק און זייער קלעם.

אַוודאי פאַלט טרונק אָפט מאָל אַריין אין דעם ים פון מליצה, ווען ער וויל אַרויסברענגען דעם גאַנצן מהות פון זיינע געשטאַלטן. זענען דאָס אָבער נאָך די צייטן פון יענער וועלט, ווו מליצה איז געווען אַ גרויסער טייל פון לעבן, ווו פלפול איז געווען דער עמוד־התווך פון דעם נוסח, פון לומדות און גאונות.

וואָלט מען געקאָנט ברענגען אַ סך ראיות, אַז טרונק האָט געזוכט אַריינצוברענגען אין זיינע דערציילונגען, נאָוועלן, דאָס הויכע, דאָס דער־הויבענע און נישט געהאַט אין זיינע יצירות קיין שמץ פון דעם מגושמדיקן מאַטעריאַליזם.

עס האָט אים גאַרנישט געאַרט, וואָס אין דער גרויסער וועלט, ביי די אומות העולם, איז שוין אידעאַליזם אַראָפּ פון דער אַרענע: אַז שוין לאַנג איז דער פאָטער פון נאַטוראַליזם אין דער ליטעראַטור, עמיל זאָלאַ, אַרויס־געטראָטן אין קאַמף קעגן ראָמאַנטיזם. אים האָט דאָס גאַרנישט געקימערט. פאַרקערט, ער האָט מיט גרויס עקשנות זיך פאַרפאַנצערט מיט זיין אידעאַליזם, מיט זיין גרויסן בעכטן, מיט זיין פילאָסאָפישער שיטה, זיך גע־

הויבן הויך און העכער איבער דער מאַטעריאַליסטישער וועלט, איבער דער מגושמדיקייט אין לעבן.

נאָך שאַרפער איז געוואָרן זיין קאַמף, בשעת ער האָט זיך גענומען צו זיינע ליטעראַרישע אַנאַליזן און קאָמענטאַרן איבער שרייבערס און ביכער. דאָ האָט ער אָנגעהויבן פירן זיין אייגענעם „טיש", נישט רעכענענדיק זיך מיט אַלע כללים, מיט אַלע אָנגענומענע דרכים אין דער יידישער ליטעראַטור. דאָ איז זיין מלחמה געוואָרן אַזוי שאַרף, אַז נישט איין מאָל איז ער געשטרויכלט געוואָרן און — אַפילו מורד געווען אין זיין רבין גופא, אין פרצן, שוין אָפגערעדט פון אַנדערע גרויסע פיגורן אין דער יידישער ליטעראַטור.

אין זיין טרילאָגיע: „שלום־עליכם, זיין וועזן און זיינע ווערק", „שיקזאַל און בטחון" (טביה דער מילכיקער) און „שיקזאַל און שפיל" (מנחם־מענדל), האָט י. י. טרונק געפונען דאָס ריכטיקע אָרט אויסצושפרייטן זיינע אידעאַליסטישע פליגל. דאָ האָט ער ממש באַוויזן וווּנדער און די יידיש־ליטעראַרישע וועלט האָט זיך טאַקע שטאַרק געחידושט.

אַ „קליינינקייט". ער האָט אַראָפּגענומען טביהן פון זיין מילכוועגעלע, אים אָנגעטאָן אַ טאַגע און געמאַכט אים פאַר אַ ראַבינדראַנאַט טאַגאָרע, עס פעלט אים בלויז טאַגאָרעס לידער, דערציילונגען און מאמרים. ער האָט טביהן אַרויפגעפירט אויף דער וועלט־אַרענע, אים צוזאַמענגעפּאָרט מיט די גרויסע טראַגיקערס, וואָס יעדעס וואָרט פון זייערע מיילער האָט אַ תוכן, אַ טיפן זינען און באַטייט.

עס איז טרונקן נישט אָנגעשטאַנען, אַז טביה זאָל זיך אונטערברומען אַ ניגון, אַ שמייס טאָן מיט זיין בייטשל און מיט אַ גלייכווערטל, מיט אַ פסוק אָפּקומען זיינע פאַר יאָר. ניין, עס איז אים נישט אָנגעשטאַנען. ער האָט דערזען אין טביהן, אין זיינע טעכטער, אין טביהס יידענע, אין דער גאַנצער סביבה זיינער, די גרויסע וועלטשפּיל, וואָס עס רוישן אַזוי מיט איר אַלע פילאָסאָפן, מחברים און בינע־קינסטלערס — און דעם גאַנצן כדור־הארץ מאַכן זיי ציטערן. דאָס איז טביה, זאָגט י. י. טרונק. ער געפינט אין טביהן נישט אַ קרעכצער און אַ וויצלער; נישט אַ יידל, וואָס ציטערט פאַר אַ גוי, פאַר אַ קנעפּל, ניין! ער דערזעט אין טביהן

דעם גרויסן יידישן עפּאָס פון אַלע דורות, די יידישע עקשנות, דעם יידישן קידוש־השם און דעם גרויסן יידישן בעל־בטחון. י. י. טרונק גע־פינט נישט קיין גלייכן צו טביהן אין דער גאַנצער אומות־העולמדיקער פּאַנאָראַמע; נישטאָ קיין טראַגיק, וואָס קאָן זיך פאַרגלייכן מיט דער טראַגיק פון דער אָ שטילער יידישער געשטאַלט, וואָס מיט איר איז פול דאָס גאַנצע יידישע לעבן אין אַלע דורות. י. י. טרונק געפינט אין טביהן זיין אידעאַל, זיין אידעאַליזם, וועלכן ער זוכט אַרום איבער דער גאַרער וועלט.

נאָך מער:

י. י. טרונק באַווייזט, שוואַרץ אויף ווייס, אַז אַלץ, וואָס שלום־עליכם האָט באַשאַפן, איז נישט געווען מיט דער כוונה מען זאָל האָבן פון וואָס צו לאַכן, צו האָבן אַ ביסל עולם־הזהדיקע הנאה. ניין, אין מנחם־מענדל זעט י. י. טרונק די געשטאַלט פון די גרויסע העלדן אויף דער וועלטבינע. ער איז נישט אַ פליִענדיק יידל איבער דעכער, נישט אַ שאָקלדיקער צאָן אינעם יידישן מויל. ער איז די חכמה אַליין, דער גרויסער בעל־שכל — ער זעט דעם גרויסן קלעם, אין וועלכן עס געפינט זיך דער מענטש.

טרונק וויל נישט געדענקען אין דעם נאַקעטן רעאַליזם פון שלום־עליכמס מענטשן; פאַר אים איז דאָ נאָר דאָס העכערע, דאָס גרויסע שטרעבן צו די הימלען, אַפילו, ווען זיי גייען אויף די גרויסע לייטערס אין לאַכעס, אין שמאַטעס, פאַרהונגערטע, געטריבענע פון ביטערע מגושמדיקע פיינט.

האָט זיין טרילאָגיע אַרויסגערופן גרויסן דערווידער אין דער יידיש־ליטעראַרישער וועלט. עס האָט זיך געדאַכט, אַז טרונק וויל אַרויפלייגן אַ צו גרויסע משא אויף די שוואַכע פּלייצעס פון טביהן, פון מנחם־מענדלען, פון שלום־עליכם.

איז טאַקע די מעשה געווען אַזאַ:

ווי גיך עס איז נאָר אַרויס „שלום־עליכם, זיין וועזן און זיינע ווערק״, אינעם יאָר ניינצן זיבן און דרייסיק, נאָך איידער י. י. טרונק האָט באַוויזן אָנצושרייבן די אַנדערע צוויי ביכער פון דער טרילאָגיע, האָט שמואל ניגער אין זיין מאמר געזאָגט טרונקן: לא. דאָס איז נישט טביה, דאָס איז

נישט שלום־עליכם. עס איז י. י. טרונק. ניגער האָט געזאָגט: מאַכט נישט פון טביהן און פון מנחם־מענדלען קיין הימלמענטשן, זיי זענען פּאָלקסיידן, אָן פליגן אין די נעז, נאָר אַזוי האָט זיי שלום־עליכם געזען און זיי דערלאַנגט.

עס איז אין דעם מאמר געווען אַ שאַרפע אַטאַקע אויף דעם גאַנצן מין אידעאַליזם, וואָס טרונק זוכט אַריינצופירן אין דער ליטעראַטור, בפרט אין אַזאַ רעאַליסטישן, נאַטירלעכן שרייבער ווי שלום־עליכם. טרונקס קוק האָט נישט געשטימט נישט מיט דעם דרך־המלך אין דער ליטעראַטור, נישט מיט ניגערס וועלטבאַנעם.

האָב איך אין מיינע „טינט און פעדער״־נאָטיצן אין דער ניו־יאָרקער „פרייע אַרבעטער־שטימע״ זיך איינגעשטעלט פאַר טרונקן. האָב געבעטן ניגערן, ער זאָל עפּענען אַ שפּאַרע, אַ טירעלע, און אַריינלאָזן אַ פריש ווינטל אין דער ליטעראַרישער שטוב.

מיר איז גאָר נישט איינגעפאַלן, אַז מיין קליינע נאָטיץ וועט מחיה־נפשות זיין י. י. טרונקן.

אָט איז טרונקס אַ בריוול:

מיין ליבער פריינד
גרשון פּאָמעראַנץ

היינט אין דער פרי, האָט מיין בריווטרעגער מיר געבראַכט אַ בריוו פון יוסף אָפּאַטאָשו. אין דעם פּאַקעט, אַ „פרייע אַרבעטער שטימע״ מיט אייער אָפּטיילונג „טינט און פעדער״. אָפּאַטאָשו שרייבט מיר, אַז א. סאָקאָלאָווער, דאָס זענט איר. זענען מיר דאָך גאָר אַלטע באַקאַנטע פון די וואַרשעווער יאָרן. איר, אַ בלאָנד יונג בחורל און איך, אַ „פריץ״, פלעגן שפּאַצירן איבער די וואַרשעווער גאַסן. טאָ אַ דאַנק אייך פאַר זיין מיין מליץ־יושר. בין גאָר צופרידן, וואָס עס האָט זיך געפונען אַ מענטש, וואָס זאָל זיך איינשטעלן פאַר אַ טראָפּעלע אידעאַליזם. זייער צופרידן. אגב, אַרטור זיגלבוים האָט מיר געהאַט אָפּגעגעבן פון אייך אַ גרוס, ער האָט מיר געזאָגט, אַז איר האָט אים באַהאַנדלט, ווי אַ קיסר, בשעת ער האָט

פאַרשפּרייט אין אייער שטאָט די „קולטור־ליגע״־ביכער. ער איז געשלאָפן אין אייער בעט און געגעסן ביי אייער טיש.

נאָך אַ מאָל — אַ דאַנק. אפשר וועלן מיר זיך נאָך אַ מאָל זען. —

מיט גרוס און ליבשאַפט
אייער
י. י. טרונק

כ׳האָב דאָס בריוול געוויזן ניגערן. ער האָט געזאָגט, אַז ער אַליין וועט טרונקן אָנשרייבן אַ בריוו. ניגער האָט אים טאַקע אָנגעשריבן אַ גרויסן בריוו, אויפגעקלערט זיין קוק אויפן שלום־עליכם־בוך און — עס איז געוואָרן שלום על ישראל.

קומען מיר צוריק צו אונדזער ענין:

אין זיין להוטקייט צו זוכן אומעטום דעם אידעאַליזם, האָט י. י. טרונק אָנגעשריבן זיין בוך „אידעאַליזם און נאַטוראַליזם אין דער יידישער לי־טעראַטור״ — אַ שווערד איבער זיין אייגענעם קאָפּ.

דאָס בוך האָט אַ הקדמה פון מ. ווייַנרייך (קאַווע). איז די הקדמה ווערט פאַרן קיסר צו שטעלן. אַזאַ משונהדיקן פּילפּול וואָלטן די גרעסטע היצקעפּ, די גרעסטע לומדים נישט געקאָנט אויספּילפּלען. איבער דער הקדמה וואָלט מען געדאַרפט מאַכן אַ ספּעציעלע שטודיע צו דערזען דעם מצב פון קריטיק, אין יענע טעג, אין מדינת פוילן.

לאָמיר צוגיין צום בוך גופא.

אַוודאי געפינט י. י. טרונק אַ סך אידעאַליזם אין פּרצס דרך. ער איז זייער גערעכט בשעת ער טייטשט פּרצן אַזוי לאַנג ביז ער קומט צו דער מחשבה, אַז „אין דער נייער יידישער ליטעראַטור האָט פּרץ דער ערשטער געהאַט דעם מוט אָפן אַרויסצוזאָגן: אין שול אַריין! עס איז בשום אופן נישט געווען קיין רוף צו פרומקייט, צו אָרטאָדאָקסישער אָפּגעשטאַנענקייט (וואָרעם דער רוף צו „פרומקייט״ איז פאַר אַ סך פון אונדזערע „אַנ־טוישטע ראַדיקאַלן״ נישט געווען פרעמד. פון מורא פאַר דער וועלט האָבן זיי זיך געוואָלט באַהאַלטן הינטערן שטילן יידישן פּרוכת). פּרץ האָט

גערופן צו די קוואַלן פון יידישער שעפערישקייט, צו דעם אורעלעמענט פון דעם יידישן וועלט־דאַזיין: צום אידעאַליזם".

קומט אויס, לויט טרונקן, אַז פּרץ האָט אַלע זיינע האָפענונגען גע־לייגט אויפן יחיד, נאָר אויף דעם מענטש, וואָס קאָן קלאָפּן אין טיש און זיין פאַרעקשנט, „ווי עס איז דער אַלטער ייד, ר' שלמה. גרייז־גראָ — ווי דורות, אין שטריימל און אין דער ווייס־זיידענער זשיפּעצע אַנגעבויגן איבער הייליקע פאַרשטויבטע פאָליאַנטן, האָט ער אויסגעקוקט אַ צייכן:

„שבת זאָל זיין, שבת! חרוב זאָל ווערן די וועלט! אָט קומען מיר, שבת־יום־טובדיקע, זינגעדיקע, טאַנצנדיקע.

אַ, גרויסער טאָג, שבת!"

גיט טרונק זיין פּרוש:

„דער קאָלעקטיוו וועט נישט דערגיין ביז צום לאַנד פון אייביקן שבת. די לעצטע האָפענונגען פון דער געשיכטע ליגן נישט אויפן קאָ־לעקטיוו.

וואָדען?

פּרץ שטויסט די וועלט אין די אָרעמס פונעם יחיד, דעם אויסדער־ווײלטן, די יחידים טראָגן די פאַראַנטוואָרטלעכקייט אויף זייערע אַקסלען, די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פון דורות. „די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר דעם פּיין און די ליידן פון די מענטשן. די יחידים מיט די אַדלערבליקן, וואָס זעען דעם לעצטן טאָג פון די דורות, זיי זעען דאָס ליכט".

זאָגט י. י. טרונק, אַז דאָס איז פּרץ און קומט צו דער מסקנא, אַז שלום אַש איז דער „נביא" פון קאָלעקטיוו. זיין „שטעטל" איז דאָס גע־זאַנג צום כלל, צו די גרויסע כוחות, וואָס געפינען זיך אינעם כלל.

איז עס אַ גאָר פיין שטיקל פּילפּול. מעגן מיר יאָ, אָדער נישט מסכים זיין מיט אַ זאַ קוק, סיי אויף פּרצן און סיי אויף אַשן. אָבער דער פּילפּול אַרום דעם איז נישט כפירהדיק. ער בלאָנדזשעט. נאָכן אָפּשוימען אַ סך פון די רייד, בלייבט אַ קרן, אַן עפּעס, וואָס לאָזט זיך טייטשן און פאַר־טייטשן.

קומט אָבער צו וויסנבערג, צו עוזר וואַרשאַווסקי און צו חיים־נחמן

ביאַליק, איז אַ גאַנצע מרידה. י. י. טרונק האָט זיך פאַרמאָסטן די דאָזיקע דרײַ שרײַבערס עוקר מן השורש זײַן.

אויב אין די מאמרים איבער פּרצן און אַשן נוצט טרונק זײַן הויכן סטיל פון חקירה און פּילפּול, איז אָבער בײַ די דרײַ י. י. טרונק זײַער ניכ־טער און ער צערײַסט אויף שטיקער זײערע ביכער, צעוואָרפט די בנינים מיט גרויס הנאה, אָן אַ ציטער מיט אַ ברעם.

פאַר װײַסנבערגן און װאַרשאַװסקין האָט זיך י. י. טרונק זײער דער־שראָקן. װײַסנבערג מיט זײַן „שטעטל", מיט די גאַרבערס, עם־הארצים, און װאַרשאַװסקי מיט זײַנע „שמוגלאַרס" זענען געקומען חרוב מאַכן זײַן אידיליע, װאָס האָט אים אַזױ געגלעט אין פּרצן און אין אַשן. טרונקן זענען בכלל פרעמד געװען אַזעלכע ײדן, במילא האָט ער נישט געקאָנט זײ זען, נישט געקאָנט זײ תופס זײַן.

ײדן גנבים, זונות, שיכורים — זײ זענען װאַרשאַװסקיס ײדן, נישט טרונקס.

װײַסנבערג און װאַרשאַװסקי האָבן אומגעװאָרפן די פּיראַמידע, טרונקס װעלט פול מיט אידעאַליזם. איז ער זיך אין זײ נוקם, װײל זײ בכלל נישט אָנערקענען, אַרײַננעמען אין דעם כלל־ישראל.

שרײַבט ער אין זײַן װײַסנבערג־אַנאַליז:

„װײַסנבערגס ,נאַטוראַליסטיש' שטעטל געפינט זיך גראָד װי אַ קלײנע נישטיקע אָאַזע אין דעם ים פון רעװאָלוציאָנערן מענטשלעכן אויפברויז. אין דער געזעלשאַפט און אין די סאָציאַלע קלאַסן פון גרויסע פעלקער שפּילט זיך אָפּ דער קאַמף װעגן דער װעלט, װעגן דער צוקונפט. בכלל מאַניפעסטירן זיך אין דעם דאָזיקן קאַמף די אינערלעכע פאַרלאַנגען פון די מענטשן. װײַסנבערגס „שטעטל" — די װירקלעכקײט אָן אַ שום ,פאַר־װאָס' — װערט פון די דאָזיקע שטראָמען אויפגעהויבן װי אַ קלײן שפּענדל. אויפגעהויבן, אָבער נישט דערהײבן. בלײַבט דאָס „שטעטל" אויך אין מיטן דער אַטמאָספער פון רעװאָלוציאָנערע קאַמפן אָרגאַניש פול־שטענדיק אידעענלאָז. קלײנלעך".

אַזױ האָט טרונק אָפּגעפסקנט װײַסנבערגן און זײַן „שטעטל", װאָס

האָט געגעבן אונדזער ליטעראַטור די אַנדערע זייט פון דער יידישער מטבע — די וועלט פון סאַמע אָפּגרונטס.

נאָך ביטערער איז טרונק אויף וואַרשאַווסקין:

„אין וואַרשאַווסקיס ,שמוגלאַרס' הייבט זיך טאַקע אָן די דעגענע־ראַציע פון שטעטל אָן שום פאַרשפּילן. באַלד ביי דעם ערשטן צונויפ־טריט מיט דער וועלט פאַלט אַלצדינג צוזאַמען. די פּוסטע קאָמעדיע איז שוין פון לאַנג אָן געווען פאַרענדיקט. ס'איז נאָר נישט געווען קיינער, וואָס זאָל אָנזאָגן דעם סוף. די ברוטאַלע מענטשהייט האָט עס געטאָן. וואַרשאַווסקי וויל מיט זיינע פאַרשוינען נישט מאַכן דעם אָנשטעל פון טראַגישע העלדן. זיי זענען גראָטעסק ווי די מצורעים. זייער אונטער־גאַנג איז נישט קיין טראַגעדיע, עס איז אַ גערעכטע קאָנסעקווענץ. נישט שטענדיק איז דאָס שיקזאַל אומגערעכט. קיינער פון וואַרשאַווסקיס טיפּן האָט מיט זיין אונטערגאַנג גאָרנישט פאַרלוירן".

אַזאַ פּנים האָט ביי טרונקן עוזר וואַרשאַווסקי, וואָס האָט געלאַכט מיט טרערן און מיט בלוט געמאָלט דאָס יידישע שטעטל נאָכן ערשטן וועלטקריג.

קומט טרונק צו ביאַליקן, איז הימל עפן זיך. נישטאָ קיין שום כוח, וואָס זאָל אים צוימען און דערזען און ביאַליקן דעם גרויסן בעל־שירה, דעם מבשר פון יידישער תחיה. ער דערפילט נישט אין ביאַליקן דעם מייסטער פון דער העברעישער שירה, דעם באַזינגער פון יידישער בענק־שאַפט נאָך גאולה.

ביאַליק איז אויך נישט פון יענע יידן, וואָס טרונק האָט זיי פאַרגע־דענקט פון זיינע יוגנט־יאָרן און האָט זיי אַריינגענומען אין זיין חלום פון דער אידעאַליסטישער מחנה.

מען דאַרף אויך צורעכענען צו דער „פאַר־מבול"־תקופה „וועלט־חשבון" — לידער און פּראָזע וועגן דער וועלט און „צווישן ווילן און אָנמעכטיקייט" — וועגן ה. ד. נאָמבערג.

אויב די לידער זענען ביי טרונקען געווען אַ שפּיל אַזאַ, איז זיין בוך וועגן נאָמבערגן, וואָס איז אויך געווען אַ בן־דור פון טרונקן, און

מיט אים צוזאַמען איז ער געזעסן ביי פּרצעס טיש, געווען אַ טיפער אַנאַליז איבער דער גרויסער רעטעניש אין אונדזער ליטעראַטור.

ס׳קאָן זיין, אַז זיין פילזייטיקייט, זיין צעשפּרייטקייט, האָט אים נישט געגעבן קיין מעגלעכקייט, פאַרן מבול, זיך צו פאַרנעמען מיט איין געביט און אים דערפירן צו שלימות. וואָלט ער געהאַט די מעגלעכקייט זיך צו קאָנצענטרירן און אָפּגעבן זיך מיט איין באַשטימטער פאָרעם, וואָלט ער זיך געקאָנט אויפהייבן צו הויכקייט, צו גרויסע קינסטלערישע דערגריי־כונגען. האָט ער עס פאַרן מבול נישט באַוויזן צו טאָן.

ווען זיין אויפן פּלאַץ, איידער מיר גייען איבער צו טרונקס גרויסן פאַרמעסט אויף דער אַמעריקאַנער ערד, צו ברענגען זיינס אַ ליד, וואָס באַווייזט, אַז אויך אין פּאָעזיע האָט טרונק געקאָנט זינגען מיט זיין אייגן קול.

ווען מיר, איידער מיר גייען איבער צו י. י. טרונק נאָכן מבול, ברענגען זיין ליד „חשבון":

מען וועט מיך אַריינלייגן אין קבר\
ווי אַ צעבראָכענעם שאַרבן.\
די ביימער וועלן רוישן:\
וועמען האָט מען דאָ באַגראָבן?\
דעם קלענסטן ייִד אין גושן,\
צי דעם נביא משה?\
ווער וועט דאָס לאַנד אַרבן\
ווען אַלע מוזן שטאַרבן?

געדאַנקען זענען ווי שפּילצייג\
אויף די ראַנדן פון דער אייביקייט.\
קינדער שפּילן זיך מיט מושלען\
אויף די ברעגעס פון אַטלאַנטיק.\
מיר הערן ווי אַ רוישן\
אין די ווייטענישן.\
וואַסערן ברויזן און שוימען

אין די האַריזאָנטישע רוימען.
וואָס ווייסן מיר פון תהומען?

מיר מיינען:
אַרום דעם מענטש טוישן
זיך די זיינען
ווי אַקטן פון שוישפּילערישער ראָמאַנטיק.
עס שיינען
די צייטן ווי ליכטלעך וואָס צאַנקען.
דאָס אייביקע ציטערט אין אונדז
ווי דער שאָטן פון שלאָף
אַרום אַ קראַנקן.
אַ פויגל איז פאַרבייגעפלויגן —
אויך זיין שאָטן איז אַנטלאָפן.
איך האָב געטראָפן
דאָס גליק אין דעם געשטאַלט
פון אַ קונצן־מאַכער.
ער האָט זשאָנגלירט מיט הרף־עינס
ווי מיט אין־סופן.
פון די וואָלקנס האָט אַראָפּגעקוקט די זון —
ווי אַן אויג פון אַ מת איז אָפן.

(„קוואַלן און ביימער", פאַרלאַג „אונדזער צייט", ניו־יאָרק)

נאָכן מבול

איז י. י. טרונק, נאָך לאַנגע וואָגלענישן, אָנגעקומען אין דער גרעסטער יידנשטאָט פון דער וועלט — ניו־יאָרק. געקומען איז ער און זיין ווייב חנה. זיין טאָכטער איז געבליבן ערגעץ אין דער פרעמד.

געקומען איז טרונק בעירום ובחוסר כל, ווי דער טאַטע יעקב, מיט זיין איינציק פאַרמעג, מיט זיין שטעקעלע אַריבער די גרויסע און פאַרבלו־

טיקסטע וועגן אין דער וועלט. דערציילט ער,ביים סוף פון דער שלום־עליכם־טרילאָגיע, וואָס איז שוין דערשינען אין נײַנצן פיר און פערציק אין ניו־יאָרק („ציקאָ־פאַרלאַג"):

„איצטער בין איך אין אַמעריקע. ווי אַזוי איך קום אַהער איבער אַלע ימים, איז אַ באַזונדערע מעשה־נסים און עס געהער אין באַרייך פון מײַנע זכרונות".

האָט ער זיך איינגעאָרדנט אין אַ דירה און זיך פאַרבונדן מיט אַ פרומער יידישער טאָגצײַטונג, „דער מאָרגן־זשורנאַל".

האָבנדיק די אילוזיע, אַז ער רעדט צו אַ לומדישן לייענער, איז ער ווידער אַריין אין די „אַלטע מעשות", די אויסטערלישע געשעענישן פון יידישן פאָלקסלעבן; ווידער אָנגעהויבן צו פילאָסאָפירן, אָנצופילן זײַנע מעשות מיט טיפע יידישע מחשבות — אַוועק צום יידישן פאָלקלאָר, אַוועק צו די אַלטע פּאַליצעס, וווּ עס איז דאָ אַזוי פיל פאָלקס־חכמה. צוריק צו די „כעלמער חכמים", צו „שמחה פלאַכטע" און צו די געשטאַלטן פון ווייטן יידישן עבר.

האָט אָבער דער ביטערער גורל אים אויך דערגרייכט אין זיין נייער היים, וווּ ער האָט אין מנוחה געוואָלט פונאַנדערוויקלען זיין געצעלט: זיין ווייב חנה איז געשטאָרבן אינעם חודש נאָוועמבער, נײַנצן פיר און פערציק. טרונק איז געבליבן איינער אַליין, פאַראָבלט, אין אַזאַ שגעונדיקער וועלט.

האָט ער זיך אויפגעהויבן פון שבעה־בענקל און ווידער געשפּאַנט ווייטער. געגאַנגען העכער. גענומען נאָך טיפער גראָבן, געוואָלט זיך דערגרונטעווען צו דעם סוד פון דער גרויסער יידישער מיסטעריע אין דער וועלט און עקשנותדיק גענומען ווידער שאַפן. געזוכט צו געשטאַלטיקן אַ גרויסן, שטאַרקן יידישן העלד, וואָס זאָל בלײַבן אויף אייביק אַ דענקמאָל, אַ זכר לדור־דורות.

דערמאָן איך זיך:

עס איז געווען אַ פרילינגטאָג אין דער גרויסער שטאָט ניו־יאָרק. מיר זענען אַראָפּגעגאַנגען, באַרג־אַראָפּ צום האָדסאָן. עס זענען געגאַנגען יחיאל־ישעיה טרונק, יוסף אָפּאַטאָשו און איך. מיר זענען אַלע דריי

געגאַנגען פון אָפּאַטאָשוס דירה, וואָס איז געווען נישט ווייט פון דעם טייך, וואָס ציט זיך איבער ניו־יאָרק. מיר האָבן זיך אָוועקגעזעצט אויף אַ באַנק. ניו־יאָרק האָט געלויכטן, געשיינט אין דער זון. עס האָט זיך דערטראָגן צו אונדז דער רעש, דער טומל, דער אימפּעט פון דעם כרך, איבערן טייך זענען געגאַנגען שיפן אַהין און צוריק און קיינער פון אונדז האָט נישט אויסגערעדט קיין וואָרט. אַלע דריי אין אַ טיפן שווייגן.

עס איז געווען אַ טאָג פון יענע טעג, ווען די בלוטיקע בשורות האָבן דערגרייכט צו דער נייער וועלט: פּוילן ברענט, דאָס יידישע לעבן ווערט חרוב. עס אַרבעטן די גאַזקאַמערן, יידן ווערן דערשטיקט אין די געטאָס, פאַרברענט אין די קאַלכאויוונס.

טרונק האָט גענומען בייסן די שפּיצן פון זיין באָרד. געברומט אין זיך: רחל מבכה על בניה. גענומען זיך שאָקלען. אָפּאַטאָשו האָט זיך אויפגעשטעלט, אַרויפגעלייגט זיין האַנט אויף טרונקס אַקסל און אַזוי געזאָגט:

„ר׳ יהושיעלע קוטנערס איניקל, נישט קיין עצבות, נאָר נישט קיין עצבות. איר ווייסט דאָך יאָ דעם ריכטיקן טעם פון חסידות. מיט עצבות קאָן מען גאָרנישט דערגרייכן.

הערט: עס איז נישט גוט מיט די פּוילישע יידן, זייער נישט גוט. עס איז נישט גוט מיט אַלע יידן, נישט גוט. ווייסט איר דאָך, אַז אין די גרעסטע שטורעמס אין אונדזער געשיכטע האָבן יידן געפּלאָמט מיט אמונה, מיט בטחון, מיט דעם טיפן גלויבן אין דעם יידישן נצחון.

וואָס האָבן אונדזערע חכמים געטאָן אין אַן עת־צרה, אין שעת־חורבן? זיי האָבן זיך תיכף פאַרזאַמלט אין די היילן און גענומען לערנען תורה, אויפצוהאַלטן, עס זאָל נישט פאַרלאָשן ווערן דאָס יידישע ליכט.

וואָס טו איך היינט, אין דער שעה פון אַזאַ גרויסן קלעם אין אונדזער לעבן, וואָס טו איך, וואָס?

איך גיי אין דער גרויסער יידישער געשיכטע, אין דעם טיפן יידישן פאָלקסלעבן און וויל פון דאָרט דערזען דאָס ליכט, די גבורה, וואָס האָט

אונדז געפירט דורך אַלע מדבריות, און מיר זענען געבליבן אַ גרויסע עדה אין דער וועלט.

איך האָב זיך גענומען צו ר׳ עקיבא, צו בר־כוכבא און בכל הכוחות דאַרפן מיר אויפהאַלטן דאָס פּייערל. נישט דערלאָזן דער נר־תמיד זאָל אויסגעלאָשן ווערן.

מיט עצבות וועלן מיר אין ערגעץ נישט דערגיין.

איר ווייסט עס גאַנץ גוט ר׳ יחיאל־ישעיה.

איר דאַרפט גיין צוריק קיין פּוילן. איר דאַרפט ווידער אַ מאָל קומען אַהיים, צו אייערע אָבות, אויפשטעלן צוריק דעם בית־המקדש פון דעם פּוילישן ייד. איר דאַרפט עס קאָנען טאָן. גייט אַראָפּ פון אָלימפּ, טוט זיך אַריין אין אייער עבר. איר קאָנט און דאַרפט אויפבויען אַ בנין לעד. טוט עס, איידער עס ווערט שפּעט״.

מיר זענען נאָך געזעסן אַ ביסל. טרונק האָט נאָך מער געביסן די שפּיצן פון זיין באָרד, נאָך טיפער געברומט אין זיך: רחל מבכה על בניה.

מיר זענען אַרויפגעגאַנגען אויפן באַרג, אויף דער באַרגיקער גאַס. אָפּאַטאָשו — צו זיך, צו זיין בר־כוכבא, צו זיין ר׳ עקיבא, צו דער ווייטער יידישער געשיכטע נאָך חיות. אַריין צו זיך אין זיין דירה.

טרונק איז אַוועק אין די ניו־יאָרקער טונעלן. צו זיך, אין זיין פּאַראָבלטער שטוב. צו זיין נעכטן, וואָס איז פול געווען מיט אַזאַ גרויס יידיש לעבן.

ער איז געגאַנגען קיין פּוילן.

איך האָב זיך פּאַר נאַכט געטראָפן מיט לייוויקן, מיט חיים גרינבערגן, ביי אַ גלעזל קאַווע. כ׳האָב זיי דערציילט, וואָס אָפּאַטאָשו האָט געזאָגט.

חיים גרינבערג האָט איבערגעוואָרפן דעם לאָק פון זיין שטערן און געזאָגט:

„אַוודאי, אַזוי איז שטענדיק געווען. ווען דער בית־המקדש האָט נאָך געברענט, האָבן זיך שוין פאַרזאַמלט די תנאים און געפלאַנט יבנה״.

לייוויק איז אַריינגעפאַלן אין אַ טיפן שווייגן.

און —

טרונק האָט גובר געווען זיין עצבות און אויפגעבויט, בהדרגהדיק, טריט־ביי־טריט, דאָס יידיש־פּוילישע לעבן, וואָס האָט זיך געלאָשן.

איז ווידער געוואָרן אַ גרויסער חידוש אין דער יידיש־ליטעראַרישער וועלט, ווידער איז מען געשטאַנען פאַר דער גרויסער רעטעניש, פאַר די נייע כוחות, וואָס האָבן זיך געריסן פון טרונקס פעדער.

מען האָט זיך געוווּנדערט: ווו האָט טרונק ערגעץ אַהינגעטאָן זיין פּילפּול, זיין פּאַטאָס, זיין הויכן יידישן סטיל, דעם פילאָסאָפישן נוסח, זיין אַלט־יידיש טייטש־חומש־לשון און זיצט אַזוי בנעימותדיק, מנוחהדיק, און דערציילט. טוט גאַנץ אָפּט אַ שמייכל. גיט זיינע יידן אָטעם, ערדיש לעבן, געפינט אַ נייע שפּראַך פאַר זיינע העלדן, וואָס ער טוט פאַר אונדז מאָלן?

אַזוי אַ האָט י. י. טרונק, אויף דער אַמעריקאַנער ערד, געבויט זיבן בנינים, זיבן בענד, דעם אָנהייב פון גרויסן עפּאָס פון יידיש־פּוילן.

אַדרבא, לייענט, פאַרטראַכט זיך. דערפילט דעם גרויסן „נאַטוראַליזם", וואָס קעגן אים האָט י. י. טרונק געפירט אַזאַ פאַרעקשנטע מלחמה אין זיינע פריערדיקע ווערק. סיי אין זיינע קינסטלערישע דערציילונגען און סיי אין זיינע הויך־־פילאָסאָפישע מאמרים. אין פוילן דערזעט איר אַ באַנייטן יידישן קינסטלער, וואָס אין גרויס נחת־רוח טוט ער מיט זיין דלאָט אויסקריצן, אויסטאָקן און אויסשניצן די גרויסע יידישע געשטאַלטן.

נישטאָ אין „פוילן" קיין סתם רייד, קיין שום רמז פון פּילפּול. נישטאָ. עס וויקלט זיך אַ לייוונט, מיט כּלערליי פאַרבן, מיט זון און מיט שאָטן און עס שטראָמט אַזאַ מחיהדיקער יידישער הומאָר, וואָס מאַכט זיס די ביטערסטע וואַסערן אינעם יידישן לעבן.

ס'איז דאָ אין „פוילן" דאָס יידישע פּקחות, וואָס בליט מיט גרויס יידישער חכמה פון דור־דורות.

אַדרבא, לייענט, דערפילט דעם שטילן הומאָר, וואָס שטראַלט פון יידיש־חסידישן פאָלקסשטייגער:

„צו גלייך מיט ר' יהושיעלען און מיט די אַנדערע מחותנים, איז אויך דער משמש הירשל נאָמען שווער אַראָפּגעקראָכן פון קוטשערישן באָק. הירשל נאָמען איז דאָרט געזעסן צוזאַמען מיטן באַוואַנסטן גוי און זיך פעסט אָנגעהאַלטן פאַר די אייגענע קעשענעס, מיט דעם גלויבן, אַז אַזוי אַרום

וועט ער נישט אַראָפּפאַלן פון דער קאַטש, וואָרום דער גוייִשער קוטשער האָט געטריבן די פערד אין שנעלן גאַלאָפּ. אַלע קעשענעס פון זיינע זיבן קאַפּאָטעס, וואָס הירשל נאַמן האָט געטראָגן איינע אויף דער אַנדערער, נישט געקוקט אויף דער גרויסער תמוז־היץ, זענען געווען אָנגעשטאָפּט מיט פלעשער וואַסער. די פלעשער וואַסער האָט הירשל נאַמן מיטגעפירט אַזש פון קוטנע, כדי ר׳ יהושיעלע זאָל האָבן צו וואַשן די הענט אין מיטן וועג״.

עס איז ביז „פוילן״ נישט געווען אַזאַ שטייגער לעבן, נישט געווען אַזאַ געמעל.

די חתונה אין ברוך גזשיוואַטשעס הויף, די שבע־ברכות, דער בעטלער־טאַנץ, דאָס אַרויסברענגען די אַלע גאונים, רבנים, גוטע יידן, זייער התנהגות אין אַ שעה פון שמחה, דאָס געשטאַלט פון אַלטן קאָצקער, זיין התבודדות, זיין חדר־מיוחד פול מיט מייז און פרעש, די בריחה פון איזשביצער פון קאָצק, דער גרויסער געראַנגל אין דער חסידישער וועלט, אַלע שיטות פון גרויס חסידות — טרונק מאָלט זיי מיט אַ געניטער האַנט און אינטימער היימישקייט. עס ווערן פאַר אונדז קלאָר די גדרים צווישן איין חסידישער דינאַסטיע און אַן אַנדערער.

אין „פוילן״ האָט י. י. טרונק אַרויסגעפירט דעם שורש פון חסידות און מלכות פרץ. די הויפּטאַקטן אין טרונקס עפּאָפּעע זענען אָט די צוויי קולטורן אין דער יידישער וועלט, אין אונדזער בייער יידישער געשיכטע, וואָס האָט זיך אַזוי צעוואַקסן אין די לעצטע יאָרן. י. י. טרונק האָט בפירוש זיך אַראָפּגעלאָזט אין די סאַמע טיפענישן, אין דעם סאַמע בראשית פון חסידות, און אין דער צעליכטיקטער עפּאָכע פון די ימי־פרץ. טרונק מאַכט אַליך פאַר אונדז אַזוי נאָענט, אַזוי געמיטלעך, אַז מיר אַליין הייבן אָן אָנטייל נעמען אין דער גרויסער שפיל, וואָס טוט זיך אָפּשפּילן אין די זיבן בענד פון „פוילן״.

אַוודאי וואָלט מען געקאָנט אָנווייזן: דאָ־און־דאָרט האָט טרונק זיך אַ ביסל צוגעאיילט, זיך נישט געגעבן דעם גרויסן קינסטלערישן יישוב־הדעת, איידער ער האָט די מעשים פון זיינע מענטשן געמאָלן. עס קאָן זיין, אַז עס פעלן אין „פוילן״ שטיקער פאַלקסלעבן, וואָס וואָלטן ממלא

געווען און געמאַכט גאַנצער די גרויסע פּיראַמידע, וואָס י. י. טרונק האָט אויפגעבויט.

עס דאַרף געזאָגט ווערן, אַז אַפילו פאַרן חורבן זענען אויך די גרויסע יידישע ספרים, ווו יידיש־פּויליש לעבן איז געשטאַלטיקייט געוואָרן, נישט געשאַפן געוואָרן אויף דער פּוילישער ערד, נישט ביי די ברעגעס פון דער ווייסל, נאָר אונטער אַנדערע הימלען, אין דער פרייע וועלט, ווו יידיש לעבן האָט זיך באַפרייט פון דעם גרויסן קלעם פון שנאה, פּחד און בלוט.

י. י. טרונק איז געשטאָרבן דעם זיבעטן יולי, ניינצן איין און זעכציק.

עס איז מעגלעך, אַז טרונק וואָלט ווייטער געוויקלט די מגילה פון יידיש־פּויליש לעבן און אויך דערציילט פון דעם לעבן פון פּוילישן ייד אין דער גרויסער וועלט. ער האָט מיט „פּוילן" באַקומען נייע כוחות און זיין גאַנצער אופן פון שרייבן האָט באַקומען אַ נייעם נוסח.

איז באמת אַ חוב און אַ מצווה מען זאָל מאַכן אַ כינוס פון י. י. טרונקס ספרים, זיי אויך אַריבערפירן אין העברעיש, אין מדינת־ישראל. מיר זאָלן ווידער אַ מאָל באַלויכטן ווערן מיט דער שיין, וואָס טרונק האָט געוואָרפן אין אונדזער לעבן, סיי מיט זיינע שאַפונגען פון „פאַרן מבול", און אַוודאי און אַוודאי מיט זיין קרוין־ספר אין זיבן חלקים — „פּוילן". לאָמיר אים לייענען און געדענקען.

„די גאָלדענע קייט", נר. 57 (1966)

שמעון האָראָנטשיק

א

ער איז געקומען אין דער יידישער ליטעראַטור אינעם סאַמע ברען פון דער ערשטער וועלט־מלחמה. שוין נישט געווען קיין „ייִנגעלע״, קרוב צו דרייסיק איז ער שוין אַלט געווען, ווען ער האָט זיך אין „לאָדזשער טאַגעבלאַט״ באַוויזן מיט אַ „סקיצע״, וואָס האָט „פאַרכאַפּט״ מיט אַן אַנדער אופן שילדערן די קליינשטעטלדיקע יידישע סביבה.

ער איז געקומען פון אַ „טל־ומטר״־שטעטעלע, וויעלון, קאַלישער געגנט. געבוירן אין מיטן אַכצן־ניין־און־אַכציק, אין אַן אָרעמער חסידישער משפחה. צו אַכט יאָר געוואָרן אַ יתום. זיך דערצויגן אין בית־המדרש און אין ישיבות. קיין גרויסער למדן איז ער נישט געוואָרן. ווען ער איז אַלט געווען זיבעצן יאָר איז ער שוין געזעסן אין אַ שפּיצן־פאַבריק אין קאַליש, און ביזן סוף פון דער ערשטער וועלט־מלחמה געצויגן זיין חיונה, ווי אַ שטריקער־אַרבעטער. אין צווישן איז ער אַוועק אין סאָמפּאָלניע, אַ פּיצעלע שטעטעלע, וואָס איז אַפילו אויף דער מאַפּע נישט געווען, דאָרט חתונה געהאַט און זיך מפרנס געווען פון אַ שפּייזגעוועלבל, און צוזאַמען מיט דעם באַרימטן „הערשעלע״ זיך באַזעצט אין לאָדזש.

און —

עס האָט זיך אָנגעהויבן אין דער יידיש־פּוילישער ליטעראַטור די סדרה שמעון האָראָנטשיק. אָנגעהויבן האָט ער מיט לידער, זיי געדרוקט אין זייער אַ סך יידיש־ליטעראַרישע אויסגאַבעס, וואָס זענען דערשינען אין יענע „בראשית־טעג״. די לידער האָבן נישט מרעיש־עולמות געווען, זיך נישט אָריינגעפּאַסט אין דעם ראַם פון דעם נייעם יידישן ליד, וואָס האָט זיך געריסן אינעם יידישן לעבן. עס איז אין זיי נישט געווען קיין שום חידוש.

לידער מיינע, קינדער מיינע,
ווײנט און יאָמערט הויך,
פון די אַלע שיינע טרוימען
איז געוואָרן רויך.

ס'האָט דאָס לעבן זיי צעריבן
און געמאַכט זיי וויסט,
הייסע טרערן פון מיין האַרצן,
הייסעס בלוט נאָר פליסט.

ערגעץ דאָרטן גליט אַ פונק נאָך,
ס'וועט באַלד בלייבן קויט —
ס'איז מיין לעצטער שטילער חלום
נאָר דער קאַלטער טויט.

אין יאָר ניינצן־איין־און־צוואַנציק האָט יצחק מאיר וויסנבערג צונויפ־גענומען אַלע זיינע לידער, זיי אַרויסגעגעבן אין אַ קליין ביכעלע „פעלד־בלימען" און — דערמיט האָט זיך געענדיקט אין דער יידישער ליטעראַטור שמעון האָראָנטשיק דער פּאָעט. ער האָט בחוש דערפילט, אַז זיין דרך איז נישט אין דער וועלט פון ליד. ער האָט געהאָט גענוג כוחות אין זיך צו דערהערן דאָס גרויסע יידישע געזאַנג, וואָס איז אָנגעקומען, און ער איז אָפּגעטרעטן פון פראָנט.

האָט ער אין זיין גאַנצער תמימות גערעדט וועגן זיין פּאָעזיע מיט אַ שמייכל, ווי ער וואָלט געוואָלט די פרשה אויסמיידן, איבערהיפּערן.

גאָר אַנדערש איז געווען זיין פּראָזע, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן דרוקן אין די בעסטע יידיש־ליטעראַרישע אויסגאַבעס. עס האָט זיך אָנגעהויבן הערן אין דער יידיש־פּוילישער ליטעראַטור זיין באַזונדערער טראָט, אַן אייגן קול האָט זיך געהערט פון זיינע מענטשן, וואָס ער האָט באַשאַפן, און כאָטש עס האָט נישט געפעלט אין דער דעמאָלטדיקער יידישער פּראָזע קיין נאַטוראַליסטישע, קיין רעאַליסטישע שילדערונגען פון יידיש־שטעטלדיקן

לעבן, איז אָבער זיין אופן דערציילן געווען אַן אַנדערער, זיין אַריינקוק אינעם יידישן לעבן אַ טיפערער. אויף זיינע לייוונטן, וואָס ער האָט פאַנאַנדערגעוויקלט, זענען געווען גאָר אַנדערע פאַרבן, אַנדערע קאָלירן — אַן אַנדער יידיש לעבן.

וואָס זשע האָט שמעון האָראָנטשיק מחדש געווען אין דער יידישער פּראָזע פון יענע טעג? מיט וואָס האָט ער אַרויסגערופן דעם גרויסן אינטערעס צו זיינע ווערק סיי פון יידישע שרייבער און סיי פון די יידישע לייענער? וואָס האָט גורם געווען, אַז די דעמאָלטדיקע יידישע קריטיק, אויך מחוץ פון די פּוילישע גרענעצן, זאָל אים אויפנעמען מיט אַזאַ פרייד און מיט אַזאַ דערוואַרטונג אויף זיינע גרעסערע פּאַרמעסטן?

דאַרף מען שוין דאָ אַ ביסעלע מאריך זיין און אָנהייבן דערציילן, וואָס פאַר אַ ייד עס איז דער מחבר פון אַזוי פיל דערציילונגען, ראָמאַנען, וואָס איז ער געווען? וואָס האָט אים געאַרט און וואָס האָט ער געוואָלט פון דער וועלט, פון לעבן? וועלכע סאָרטן יידן האָט ער געהאַט אַ נטיה צו באַשרייבן, זיי אַריינפירן אין זיינע ביכער? ווי האָט ער אויפגענומען די ביכער, די שילדערונגען פון די אַנדערע יידישע פּראָזע־שרייבער, וואָס האָבן שוין געשמט מיט זייערע ווערק? וואָס האָט ער ביי זיי געלערנט?

ב

די, וואָס האָבן אים געקענט, האָבן זייער גוט געוווסט, אַז ער איז נישט פון די „איבערגעשפּיצטע" יידן. זיי האָבן געזוכט די סיבות פאַר זיין תמידיקער „צעטראָגנקייט", געוואָלט דערגיין פון וואַנען עס קומט צו אים אַזאַ שאַרפער אומרו, אַזאַ קוועקזילבערדיקער גאַנג, אַזאַ מורא פאַר יעדע מינדסטער שטרויכלונג, וואָס קומט אים אין וועג.

האָט מען אים געטראָפן אין אַ „גוטער מינוט", אַ רויִקער שעה, האָט ער פאַמעלעך דערציילט. יאָ, ער האָט געהאַט צו דערציילן, מען זאָל אָנהייבן פון זיינע רייד צו דערזען זיין געשטאַלט.

ער האָט אָנגעהויבן מיט אַ סדר, ווי ער אַליין וואָלט זיך געוואָלט דערמאָנען אין זיין אייגן לעבן. ער האָט דערציילט פון דעם גרויסן גרויל, וואָס ער האָט איבערגעלעבט, אינעם חודש אויגוסט, ניינצן־פערצן, בשעת

ער איז געווען דער נײַנטער פון אַ גרופּע, פון וועלכער די דײַטשן האָבן יעדן צענטן דערשאָסן.

ער האָט דערציילט פון זײַנע יונגע יאָרן, פון זײַן יתומשאַפט, פון דער עבודת־פּרך, וואָס ער האָט אַלץ געדאַרפט טאָן צו ברענגען אַ פּיצל ברויט פאַר זיך און זײַן מאַמען אין דער הונגעריקער שטוב; ער האָט דערציילט פון דעם פּיצעלע שטעטעלע, וואָס האָט דערדריקט, צעפּרעסן דעם ייד און אייביק אים געהאַלטן אין אַ פּחד, אין אַ שרעק פאַרן פּיצל לעבן.

אַזוי פלעגט ער זיצן שעהען, לאַנגע שעהען, און איבערגיין די געשיכטע פון זײַן לעבן.

האָט מען געפילט אין זײַנע רייד די טיפע שניט, וואָס דאָס לעבן האָט אין אים געמאַכט, געזען דעם געראַנגל, וואָס איז אין אים אַנגעגאַנגען, בשעת ער האָט געטראַכט וועגן זײַן לעבן. האָט אָנגעהויבן קלאָר ווערן דער נוסח, וואָס ער האָט אַרײַנגעפירט אין זײַן פּראָזע. מען האָט דערזען די שאַרפע „ליניע", וואָס ער האָט געצייכנט צווישן גוטס און שלעכטס אינעם לעבן. מען האָט דערזען אין זײַנע שילדערונגען דעם טיפן געראַנגל צווישן די־אָ ביידע שיטות. מען האָט אויך דערהערט די ליבשאַפט, וואָס עס רעדט פון אים צו די מענטשן, וואָס דאַרפן אין זייער לעבן אַזאַ ביסעלע ליבשאַפט האָבן.

איז אים באַשערט געווען קומען מיט זײַן ערשטן בוך „פאַרפלאָנטערטע וועגן", אָדער, ווי מען האָט עס אַנדערש גערופן „צווישן די חורבות פון יידישן לעבן", און די יידישע וועלט זאָל נישט דערזען דאָס נײַקייט, „די דעמאָראַליזאַציע פון יידישן לעבן אין פּוילן, בשעת דער דײַטשער אָקופּאַציע", נישט דערפילן דעם גרויסן שרײַבערישן טאַלאַנט, וואָס דאָס בוך האָט אָנגעזאָגט. איז ער גאָר אַרײַן אין אַ מרידה, וואָס האָט שיִר־נישט חרוב געמאַכט, אומגעבראַכט אים אַליין. האָט זיך געוואונדערט מיט דער „פּרשה זעקס־און־פערציק" אין דעם דאָזיקן בוך.

דאַרף מען די פּרשה איבערדערציילן:

„פאַרפלאָנטערטע וועגן" איז אַרויס מיט אַ הקדמה פון יצחק מאיר ווייסנבערג. אין שוין די הקדמה אַליין געבוג געווען אויפצוּוועקן די „ליטעראַרישע געגנדז". איז נאָך צוגעקומען — קאַפּיטל „זעקס־און־פערציק", וואָס

האָט געמאַכט אַ תל־עולם פון „טלאָמאַצקע דרייצן" און אַלע ליטעראַרישע מנהיגים. איז געקומען זייער אַ פיינער ייד און האָט געדרייט די אויערן דעם מחבר פאַר „פרשה זעקס־און־פערציק", במילא פאַרגעסן אין די מעלות פון „פאַרפלאָנטערטע וועגן". שמעון האָראָנטשיק האָט דעם גאַנצן ענין געגומען, ווי ער איז געווען. עס איז ביי אים אויסגעקומען, אַז די וועלט איז אַרויס קעגן אים אין אַ בונט און מען וועל אים עוקר מן השורש זיין. ער האָט דערפילט ווידער אויף זיך די בייטשן, וואָס האָבן אים געשמיסן אין זיין יתומשאַפט, אין זיין הונגער, אין זיין בויט אויף זיין מאַמעס הענט, זיין פאַרלוירנקייט אין אַזאַ צעבונטעוועטער וועלט.

ער איז אַוועק אין די „ליטעראַרישע בלעטער", ווו זיין „טויטאורטייל", איז געווען שוואַרץ אויף ווייס אָפּגעדרוקט, זיך אַוועקגעזעצט ביים ליטע־ראַרישן שרייבטיש און אַרייגעזופט אין זיך אַ גאַנץ פלעשל יאָד.

ער האָט זיך נישט געוואָלט לאָזן ראַטעווען. נישט געלאָזט באַין־אופן אויספּאָמפּען דעם סם, געוואָלט אַוועק פון אַזאַ וועלט. ער קאָן אויף אַזאַ חתונה נישט טאַנצן, עס איז נישט זיין שמחה, ער וועט שוין דאָ קיין גרויס נחת נישט דערלעבן.

אין דער גאַנצער מרידה האָבן סיי דער מחבר, סיי די שרייבער אַרום אים, סיי די ליטעראַטור־מבינים, גאָרנישט קיין טראַכט געגעבן, אַז דאָ צאַפּלט זיך דער ערשטער „פּראָלעטאַרישער נביא" אין דער יידישער פּראָזע, אַז דער גרויסער געוואַלט, וואָס איז געקומען אין דער יידיש־ליטעראַרישער וועלט: „סאָציאַלע מאָטיוון", די פייערדיקע רופן נאָך „פּראָלעטאַרישע ליטעראַטור", די יסודות, דעם ענטפער, האָט געגעבן שמעון האָראָנטשיק נאָך איידער עס איז ווען אַפילו נאָך איינגעפאַלן, אַז עס פעלן אין דער יידישער ליטעראַטור די דאָזיקע „מאָטיוון".

אַדרבא, עפּנט „פאַרפלאָנטערטע וועגן", שוין אָפּגערעדט פון די שפּע־טערדיקע ביכער, וואָס שמעון האָראָנטשיק האָט געבראַכט אין אונדזער ליטעראַטור. דערזעט, ווי שאַרף דער מחבר מאָלט די קלאַסן־קאָנפליקטן, דערפילט די גרויסע צעטיילונג צווישן רייך און אָרעם און איר וועט דערזען די וועלט, אַרום וועלכער עס זענען אין די שפּעטערדיקע יאָרן פאַרגעקומען אַזעלכע ביטערע מלחמות אין אונדזער ליטעראַרישער סביבה.

נאך:

דאס אַלץ האָט שמעון האראָנטשיק נישט באַשאַפן אויף „באַפעל", קיינער האָט עס ביי אים נישט „באַשטעלט". עס איז געקומען אַזוי נאַטירלעך, ווי עס איז געקומען זיין אייגן לעבן. דאָס איז געווען זיין ענטפער אויף די גרויסע שאלות, וואָס מאַטערן אַזוי אונדזער וועלט, אונדזער לעבן. קאָן זיין, אַז די „ליניע" איז ביי אים געווען אַ צו־שאַרפע, קאָן זיין, אַז עס האָט געפעלט אין זיינע מענטשן אַ ביסעלע בייגעוודיקייט, ווייכקייט, קאָן זיין, אַז ער וואָלט געדאַרפט אַריינבלאָזן אין די מענטשן, וואָס ער מאָלט, אַזאַ רוח החיים, וואָס זאָל אַריבערפירן די „ליניע", דערנענטערן מענטש מיט מענטש, אַפילו ווען די „קלאַסן־צעטיילונג" איז אַזוי שאַרף און בולט. אַוודאי וואָלט שמעון האראָנטשיק געדאַרפט אַ ביסעלע אָפּטעמפּן די ברענענדיקע נקמה פון „אברהם־ישׂראלס" אלמנה, אין „גאָטס משפּט", צו מאיר ראַפּאַלאָוויטש, דעם שטאָט־גביר, דעם פּראָצענטניק, וואָס האָט פֿאַרטאַכלעוועט די הלוואה, וואָס איר מאַן האָט אים געגעבן צו באַהאַלטן. חוץ די־אָ בלוטיקע נקמה, איז „גאָטס משפּט" אַ שילדערונג מיט גרויס קינסטלערישן כּוח, וואָס האָט נישט צו זיך קיין גלייכן אין דער יידישער פּראָזע פון יענע גאָלדענער עפּאָכע אין דער יידיש־פּוילישער ליטעראַטור.

ג

ווען די מרידה איבער דער „פּרשה זעקס־און־פּערציק" האָט זיך איינ־געשטילט. האָט שמעון האראָנטשיק זייער גוט געוווּסט, אַז נישט אַלע אויף „טלאָמאַצקע דרייצן" האָבן גערעדט וועגן זיין זעלבסטמאָרד־פּרווו מיט חוזק, מיט קיבעץ און וויץ.

עס איז געווען איינער אין דער שרייבערישער מחנה, וואָס האָט דעם גאַנצן ענין אויפגענומען גאָר אַנדערש. ער האָט אָפּגעדרוקט אַ ליד, וואָס האָט צערודערט, אויפגערודערט און נישט איינער האָט אַראָפּגעלאָזט זיין קאָפּ אין פאַרשעמונג.

אונטערן קאָפּ. „אין יענעם טאָג איז אַ מענטש באַגאַנגען זעלבסט־מאָרד" האָט ישׂראל שטערן אָפּגעדרוקט זיין ליד „געווידמעט ש. הא".

קומט ער פון װעלטס אומגערעכטקייט,
װו דער מענטש האָט דעם װינט ערשט דערהערט,
גלייך נישט אַלט איז די ערד
און דער בוים איז גאָטס קינד װי פאַרצייטן.
...אלא װאָס, מען זעט נישט קיין צװייגן?
נישט פעלדער מיט גריקע פאַרזייטע?
נאָר מענטשן װי שטריק אויסגעשפּרייטע,
הענגען זיך איינע די צװייטע?
...אלא װאָס, מען זעט נישט קיין צװייגן?
האָט ער הענט װי געבעטן, װאָס שװייגן,
...און אַ האַרץ, װאָס גלאַנצט אויף געװיין,
װי אַ בלימל, װאָס דרימלט אויף ליים...
און אַזוי װיל ער בליִען און שװייגן.

— — — — — — — — —

און אויב װעלט האָט שטאָלענע קאַרבן,
קלעמט דער צאָן אין איר אייגענעם שאַרבן, —
װעט ער די ערד מיט זײַן בלוט טיף באַפאַרבן,
די זיסקייט זאָל העכער אויפשטייגן...
ניין, ער װיל רויק נישט שטאַרבן.

בשעת מיר האָבן זיך געטראָפן, שפּעטער, שפּעטער, װען שמעון האָראָנטשיק האָט שוין געהאַט אויף זײַן חשבון זייער גרויסע, װאָגיקע װערק, פול מיט זאַפט פון דער פּוילישער ערד, פול מיט ליבע צום מענטש — האָט ער זייער אָפט אַרײַנגערעדט אין זיך די װערטער פון ישׂראל שטערנס ליד, פול מיט דאַנקשאַפט פאַר די װערטער, װאָס שטערן האָט זיי אָנגעפילט מיט אַזוי פיל פאַרשטענדעניש פאַר זײַן לעבן. ישׂראל שטערן, װידער, פלעגט נישט אויפהערן רעדן װעגן דער גרויסער גבורה, װאָס עס האָט געהאַט אין זיך שמעון האָראָנטשיק צו פּראָטעסטירן קעגן אַ ליטעראַרישע עװלה מיט זײַן אייגן לעבן.

עס דאַרף דערמאָנט װערן, אַז איידער שמעון האָראָנטשיק האָט זיך

דערשלאָגן צו אַ מעמד צו קאָנען ציִען זיין חיונה פון דער פען, האָט גענומען זייער לאַנג, זייער לאַנג. ערשט נאָענט צום חורבן איז ער געוואָרן אַ „האַנט" אין אַ טעגלעכער צייטונג אין וואַרשע.

ביז דעמאָלט? פרעגט נישט, פרעגט נישט.

מען האָט אים נישט געזען אין ערגעץ. נישט אין קיין שום ערטער, וווּ עס זענען זיך צוזאַמענגעקומען יידישע שרייבער. נישט אין קיין רעס־טאָראַנען, נישט ביי ליטעראַרישע טאַנצאָוונטן, נישט אויף „טלאָמאַצקע 13" און נישט ביי קליינזינגערן אויף פשעיאַזד 5, נישט ווייט פון בונדישן „אַרבעטער־ווינקל".

מען האָט געשמועסט, אַז ערגעץ ווו איז ער אַ טרעגער, טראָגט אויף זיין פלייצע שווערע משאות גאַנצע טעג, און אין די נעכט, ביי זיין שרייב־טישל, געקלאַמערט אין זיין פען, צוגעשמידט צו די מענטשן, וואָס ער בויט זיי אויף, אַריינגעטאָן אין די גרויסע לאַנדשאַפטן פון דער פוילישער ערד, וואָס רינגלען דאָס יידישע לעבן.

האָבן מיר זיך געטראָפן, האָבן מיר ווענן די אַלע זאַכן נישט גערעדט, קיין מאָל נישט. איך בין מסופק, צי ער פלעגט זייער אַ סך לייענען, וואָס אַנדערע האָבן געשריבן, כאָטש ער האָט זייער גוט געוווּסט, וואָס עס טוט זיך אין דער יידישער ליטעראַטור, אויך מחוץ מדינת פוילן. ער פלעגט רעדן פון טייל יידישע שרייבער מיט גרויס התלהבות און גוט געקענט זייערע ביכער.

ער האָט זיך כמעט מיט קיינעם פון די שרייבער זיך נישט נאָענט פאַרחברט. געהאַט בלויז געציילטע, וואָס ער פלעגט זיך מיט זיי אַ מאָל טרעפן. זענען אַרומגעגאַנגען פאַרשיידענע „מעשיות". מען האָט געזאָגט, אַז ער האָט זיך דערווייטערט פון עולם, ווייל ער געפעלט זיך נישט און ער וויל מיט אַזאַ פנים זיך נישט ווייזן „צווישן מענטשן".

האָט זיך צעטראָגן אין דער שרייבער־מחנה אַ „מעשה" מיט אַ קאַפעליוש. ער וויל אַראָפוואַרפן זיין קאַשקעטל, וואָס מאַכט אים אויסזען משונהדיק. גייט ער אַריין אין אַ געשעפט זיך קויפן אַ קאַפעליוש. מעסט ער, קלייבט אויס, איז פאַרלוירן, שפּיגלט זיך. דער פאַרקויפער ווערט אומגעדולדיק, אויפגערעגט:

— רב ייד, דער־אָ קאַפּעליוש דאַרף אייך קליידן, גראַנאַט איז נישט פּאַר אייך, איר זענט דאָך אַ קצב, יאָ?

שמעון האַראַנטשיק האָט געכאַפּט זיין קאַשקעטל. אַרויס פון געשעפט. געלאָפן איבער די וואַרשעווער גאַסן און געהאַלטן צו זיך אין איין רעדן:

— אַ שרייבער בין איך? אַ קצב, אַ קצב, אַ קצב!

וועל איך זיך מודה זיין, אַז בשעת איך האָב אים געזען אין אַ קאַפּעליוש, איז ער אין מיינע אויגן געוואָרן אַן אַנדער מענטש: אין קאַשקעטל האָט ער אויסגעזען, ווי אַ „מגושמדיקער ייד״, אין קאַפּעליוש — אַ „גראָבער גוי״.

ער האָט זיך געקווענקלט, געוואָלט עפּעס זאָגן, געוואָלט אויפקלערן. אָבער ער האָט פון זיך געריסן שטיקער, פאַר וואָס ער האָט נישט קיין „איידעלן אויסזען״.

איך האָב אים אַ מאָל געזאָגט, אין אַ רגע פון גוטן געמיט:

— ר׳ שמעון, איך האָב פאַר אייך אַ תרופה: לאָזט זיך וואַקסן אַ באָרד, וועט איר ראַטעווען אייער פנים.

ער האָט געטראַכט, געטראַכט און אַזוי געזאָגט:

— זאָלן שוין די יידן אין מיינע ביכער טראָגן שיינע, זיידענע יידישע בערד. איך וועל זיך שוין קיין באָרד נישט צוקלעפּן, קיין מאָל נישט.

ער האָט געלעבט אין אָפּגעזונדערטקייט, ווי אַ פּרוש, געלעבט מיט זיינע אויסגעחלומטע וועלטן, מיט די מענטשן, וואָס ער האָט באַשאַפן, און ער האָט אָנגעהויבן פאַרנעמען אַן אָרט, אַלע מאָל נענטער, נענטער צו דער ליטעראַרישער מזרח־וואַנט.

ד

זיין גרעסטער זיג איז געקומען מיט זיין גרויסן ראָמאַן אין צוויי טיילן „אין געררויש פון מאַשינען״. נישט ער און נישט קיינער אין דער ליטעראַרישער סביבה האָט זיך אויף אַזאַ נצחון נישט געריכט. אין דעם ראָמאַן איז פאַראַן גרויסער פאַרמעסט. דאָ ווערן אָפּגעשפּילט זיינע יוגנט־יאָרן אין דער „שפּיצן־פאַבריק״, דער רויש פון די „טריקאָטאַזש־מאַשינען״

און דער אויפקום פון דער יידישער קליין־אינדוסטריע אין מדינת־פוילן.

„אין גערויש פון מאַשינען״ איז שוין שמעון האָראָנטשיק געקומען מיט קינסטלערישן רעצעפּט פאַר דער גרויסער מחלה: סאָציאַליזם. זיין רעאַליזם באַקומט זין, תכלית און וויזיע צו גאולה. אַ נייעס אין דער דעמאָלטיקער יידישער פּראָזע.

האָט זיך מיט דעם „גערויש״ אַ רודער געטאָן אין דער ליטעראַרישער וועלט. איז געקומען די סמיכה פון אים אַליין, פון שלום אַש.

וואַרשע איז צערודערט געוואָרן. יידישע ליטעראַטור־מבינים הייבן אָן מיט טענות צו שמעון האָראָנטשיק, נישט, וואָס עס פעלט אין דעם גרויס־פאָרמאָטיגען ראָמאַן, נאָר עס איז דאָ צו פיל שפע, צו פיל אַקציע, צו פיל באַוועגונג, צו פיל עשירות.

שוין לאַנג האָט מען אין יידיש־פוילן נישט געהערט אַזעלכע טענות. וואַרשע איז חשובער געוואָרן. באַקומען צוריק לשון, פאַרמעסט אויף דער גרויסער יידישער ליטעראַרישער וועלט־בימה. לאָמיר טאַקע ברענגען די סמיכה פון שלום אַש.

ווו איז שלום אַשס בריוו געדרוקט געוואָרן?
אין „ביכער־וועלט״ פון ערשטן פעברואַר, 1929.
פריער די הקדמה פון דער רעדאַקציע:
„שלום אַש וועגן ש. האָראָנטשיקס „אין גערויש פון מאַשינען״.

„פאַרלאַג 'קולטור ליגע' האָט דערהאַלטן פון שלום אַשן דעם וויי־טער־דיקן בריוו צו ש. האָראָנטשיק. דער בריוו איז דעם קינסטלערס אוממיטל־באַרע רעאַקציע — נאָכן איבערלייענען האָראָנטשיקס בוך. „איך האָב אַדורכגעלייענט זיין בוך און בין אַנטציקט״ — שרייבט ש. אַש אין זיין בריוו צו אונדז.

מיר דרוקן איבער דעם בריוו, אַזוי ווי ער איז. עס איז אַן עכט־אַשישער דאָקומענט, און מיר פילן זיך נישט באַרופן אים צו קאָרעגירן, הגם נישט מיט אַלע אָפּשאַצונגען פון אונדזער קינסטלער זענען מיר מסכים.

אדרבא, זאָלן אַשס ווערטער דינען ווי אַ שטויס צו אַ דיסקוסיע וועגן די קינסטלער און ריכטונגען, וואָס אַש רירט אָן. און זאָל דאָס פאַרעפנט־

לעכן דעם בריוו באַוועגן פריִער פאַר אַלץ אַש אַליין — צו באַגרינדן זיין שטעלונג צו האָראָנטשיקן און צו די ראַטן־פאַרבאַנדישע דיכטער.

די רעדאַקציע״.

איצטער לאָמיר לייענען דעם בריוו:

„ליבער חבר און פריינד האָראָנטשיק.

איך ווייס נישט אייער אַדרעס, דורך דעם שיק איך אייך איין דעם בריוו דורך דער קולטור־ליגע.

איך האָב נאָר וואָס אַדורכגעלייענט אייער פּרעכטיק בוך „אין גערויש פון מאַשינען״ (צו אַ רוישיקער נאָמען) און קען זיך נישט אָפּהאַלטן אייך נישט אויסצודריקן מיין האַרציקסטן דאַנק און אָנערקענונג. עס איז אַ גוט מענטשלעך אויפריכטיק בוך. אָן קונצן, אָן שטיקלעך, אָן חנוודיקע דריידלעך, האַרציק מענטשלעך און וואַרעם יידישלעך. איך בין שטאָלץ דערויף, וואָס דווקא ביי אונדז אין פּוילן האָט אַ יידישער שרייבער אָנגעשריבן אַ „פּראָלעטאַריש״ בוך פון יידישן פאַבריק־לעבן, וואָס דערוועקט צו מוטיקע פּרוכטבאַרע געפילן און טאַטן. בנימין שטייט פאַר מיר אַ לעבעדיקער. איר האָט אים נישט געחנפעט, איר האָט אים נישט געהוזשעט, איר האָט אים געגעבן אַזוי ווי ער איז — מענטשלעך און שיין, און זינדיק און איידל. די מוטער איז אַ הערלעכער יידישער טיפּ, פול מיט פאָלקס־שיינקייט און האַרציקייט. ווען איך זאָל פאַרגלייכן אייער אַרבעט צו דעם, וואָס טוט זיך אין רוסלאַנד, מוז איך אָנווייזן, אַז נאָך אַלע געוואַלדעווען און ליאַרמען וואָס מ׳הערט פון רוסלאַנד, נאָך אַלע סטיפּענדיעס און רעגירונגס־שטיצע און „פּראָלעטאַרישע״ שליפעס, וואָס מ׳וויל צונייען דער ליטעראַטור, האָבן זיי דאָך נישט באַוויזן אָנצושרייבן אַזאַ ווערק ווי אייערס. נישט נאָר פון פּראָלעטאַרישן שטאַנדפּונקט, נאָר אי פון פּראָפּאַגאַנדישן און טאַקע אויך פון דעם ריין־קינסטלערישן ווערט גיב איך מיט אַ גרינג האַרץ אַוועק אַלצדינג, וואָס איז געוואָרן געשאַפן אין רוסלאַנד ביז איצט אויף דעם געביט, נישט נאָר פאַר אייער גאַנץ בוך, נאָר אַפילו פאַר אַ טייל פון אים. דאָס וועט אויך מוזן צוגעבן יעדער אַפילו פאַרטייִשער ליבהאָבער פון יידישן וואָרט.

איך דריק אייער האַנט און בין שטאָלץ אויף אייך,

אייער, שלום אַש״.

שלום אַש האָט נישט יוצא געווען מיט דעם בריוו אַליין. ער איז באַלד געקומען אין „ביכער־וועלט" פון 1טן מערץ, ניינצן־ניין־און־צוואַנציק, מיט אַ גרעסערן מאמר איבער „אין גערויש פון מאַשינען". ער חזרט איבער אין דעם מאמר, וואָס ער זאָגט אין בריוו, אָבער אַ ביסל מער, אַ ביסל ברייטער. ער רירט שוין אָן אויך „די יידישע ליטעראַטור". ער זאָגט:

„די יידישע ליטעראַטור, ווי איבערהויפּט די יידישע קונסט, האָט נאָך נישט באַוויזן צו באַשאַפן אַן אייגענע מעטאָדע אויסצובילדן אייגענע יידישע שאַפונגס־פאָרמען. אָבער זי האָט שוין באַשאַפן אַן איינהייטלעכע טענדענץ. יעדעס יידישע ווערק, ווען עס איז עכט און גרויס, רופט אַרויס גלויבן, שטאַרקט די הענט, וועקט אויף צו איידעלע טאַטן, רופט אַרויס דאָס בעסטע אין מענטשן. סקעפּטיציזם, ספקות און פוילענצער־גריבלען זענען כאַראַקטעריסטיש פאַר דער יידישער אָפּגעפאַלנקייט, אָבער נישט פאַר דער יידישער צוגעהעריקייט. יידישע „ליטעראַטן" אין פרעמדע שפּראַכן באַלאַנגען שטענדיק צו די „קלוגע" צעשטערער. יידיש שאַפן — אָריגינאַל — איז שטענדיק גלויביק און פּרוכטבאַר. דאָס ציט זיך פון דער ביבל אָן און גייט אַדורך ווי אַ גאָלדענע קייט דורך דעם גאַנצן יידישן שאַפונגס־זשעני ביז צו אונדזערע קלאַסיקער. „טביה דער מילכיקער" איז אַ געראַנגל מיטן גורל, פון וועלכן נישט נאָר טביה, נאָר דער גלויבן קומט אַרויס דער זיגער. אַזוי איז אויך ביי פּרץ, מענדעלע, ביאַליק, — ווי ביטער און בלוטיק דער גורל ראַנגלט זיך נישט מיט זייערע העלדן, קומט דער גלויבן און שלעפּט זיי אַרויס פון די צרות. אין דעם גייסט — נישט נאָר בלויז אין שטאָף — טראָגט האָראָנטשיקס בוך דעם גרויסן שטריך פון די יידישע קלאַסיקער — זיין בוך זייעט גלויבן און בטחון".

עד כאן מיט דער סמיכה.

טאָ ווי אַזוי האָט שמעון האָראָנטשיק דאָס אַלץ אויפגענומען? ווי אַזוי האָט ער געענטפערט אויף די דאָזיקע נצחונות? האָט דאָס עפּעס משנה געווען זיינע דרכים?

ניין, עס האָט אים גאָרנישט גערירט. קאָן מען דאָך נישט זאָגן, אַז ער איז נישט געווען פול מיט שמחה. ער איז געווען.

ה

בשעת איך האָב אים געטראָפן, נאָך אַלעמען, זיך שטויסן אין דעם געיעג איבער „גזשיבאָוו", האָב איך אים אָפּגעשטעלט, געכאַפּט מיט אים אַ שמועס, און דערפילט די זעלבע דערשלאָגנקייט, דעם זעלבן אומרו און די זעלבע פאַרפאַלנקייט אין זיין רעדן. ווען איך האָב אים אַ זאָג געטאָן: עס גייט אייך, פון אַלע זייטן, מען האָט זיך וועגן אייך אַזוי גרויס צעשריבן. האָט ער זיך אָפּגעשטעלט און אַ מורמל געטאָן: האָב שוין פאַרטיק נאָך ביכער, אַ סך נייע ביכער, דאַרף זיי נאָר צוזאַמענלייגן. און עס וועט נאָך זיין אַ סך צו שרייבן.

מיר זענען אַזוי־אַ געשטאַנען, ראָג טוואַרדע־גזשיבאָוו, געשטאַנען, גערעדט, און מיט אַ מאָל ווערט ער מרה־שחורהדיק, טוט אַ ווייז אויף דער גרויסער „טומאה": זאָלן זיי נאָר לאָזן!

נאָכן גרויסן „יעמוד", וואָס שמעון האָראָנטשיק האָט באַקומען נישט נאָר פון די ליטעראַטור־מבינים אין יידיש־פּוילן, נאָר אויך אין אַנדערע יידיש־לענדער, איז ער געוואָרן נאָך אַרבעטזאַמער, אימפּעטיקער. עס זענען געקומען פון אים די ראָמאַנען: „מאַסן" און „זומפּ", „דאָס הויז אויפן באַרג" און „צוויי וועלטן". גאָר וואַרעם איז אויפגענומען געוואָרן זיין ראָמאַן „ביים שוועל". ער פאַרעפנטלעכט זייער אַ סך גרעסערע דערציילונגען, וואָס רופן אַרויס גרויס אויפמערקזאַמקייט מיט דעם „עולם", וואָס ווערט דאָרט קינסטלעריש אויפגעשטעלט.

די יידישע לאַגע אין פּוילן וואַרפט אים אַריין אין אַ מורא און ער לעבט אין פּאַריז און אין בעלגיע עטלעכע יאָר. עס ווערט אים דאָרט נאָך אומעטיקער, ער איז פול מיט אַ טיפער בענקשאַפט צו דעם געדיכטן יידישן לעבן אין מדינת פּוילן.

געזעלשאַפטלעך איז ער קיין מאָל נישט אַריינגעטאָן אין די פּאָלי־טישע מלחמות, וואָס עס פירן די כלערליי פּאַרטייען און קרייזן אינעם יידישן לעבן. ער איז פון דער ווייטנס פון די געפעכטן. אינעם חודש מאַי, ניינצן־ניין־און־דרייסיק, קומט ער צוריק קיין פּוילן. ווערט אַן אינער־וויניקסטער מיטאַרבעטער אינעם וואַרשעווער „מאָמענט", נעמט דאָרט דרוקן אַ נייעם ראָמאַן: „אַ יונג ווייב", ווערט זייער נאָענט מיט משה

גראַסמאַן, אין וועמען ער געפינט אַן אָנשפּאַר אין זיינע נויטן, איז זיך תמיד מיט אים מיישב און הערט זיך צו צו זיינע עצות.

די שרעק פאַר דעם אָנקומענדיקן קריג האָט אים אין גאַנצן צעטומלט. ער איז תמיד געווען אין אַ קלעם. נישט האָבנדיק קיין פאַמיליע, קיין היים, לעבנדיק אין אַ תמידיקן נע־ונד, האָט דאָס אים אַרויסגעפירט פון גלייכגעוויכט און ער האָט געזוכט ביי די נאָענטע מענטשן מנוחה, רו.

ו

איז כדאַי צו ברענגען עטלעכע פסוקים פון אַ מאמר, וואָס עס האָט געשריבן דער יידישער פיקח, דער פאָלקסרעדנער און ליטעראַטור־קענער, שלמה מענדעלסאָן. דער מאמר געפינט זיך אין דעם שלמה מענדעלסאָן־בוך, וואָס איז דערשינען אינעם יאָר ניינצן־ניין־און־פערציק, נאָך זיין טויט, אינעם פאַרלאַג „אונדזער צייט".

„די מענער פון מאַזאָוויע האָבן געהאַט אַ ספּעציעלן אויסזען. עס איז זיי לייכט געווען צו דערקענען — קיילעכדיקע פּנימער, גוטמוטיקע אויגן, געזונטע טיפּן. די סביבה און געאָגראַפישע באַדינגונגען האָבן אויך געווירקט אויף זייער כאַראַקטער. ווייכע מענטשן, האַרציקע, אַ ביסל ראָמאַנטיש־פאַרחלומטע. זייער שפּראַך — אויך אַ ווייכע, צעצויגענע, אַ ביסל זינגעוודיקע.

ש. האָראָנטשיק איז אויסערלעך געווען ענלעך צו זיינע שטאָט־חברים. אַ קיילעכדיק, דיקלעך פּנים, אויגן טיף איינגעראַמטע, שוואַרצע, מיט אַ מאָדנעם הייסן בליאַסק אין זיי.

זיין גוף — אַ שווערער, נישט סימעטרישער. שווער באַוועגלעך. אַלץ — עפּעס נישט פּראָפּאָרציאָנעל. ער איז געווען אַ כבד־פּה. נישט ווייל ער האָט געשטאַמלט, נאָר נאָך אַ פּאָר ווערטער אויסריידן, האָט ער זיך עפּעס אינערלעך פאַרהאַקט. געבליבן שטיין, ער האָט נישט געקאָנט פירן קיין לאַנגע געשפּרעכן".

אַזוי־אַ שטעלט שלמה מענדעלסאָן פאַר אונדז פאָר שמעון האָראָנטשיקן. קומט אָבער שלמה מענדעלסאָן צו די ווערק פון שמעון האָראָנטשיק,

הערן מיר פון אים גאָר אַן אַנדער לשון. דאָרט איז ער שוין גאָרנישט קיין כבד־פה. פאַרקערט:

„נישט אין קינסטלערישער קנאַפּקייט ליגט די סיבה, נאָר אין זיין נישט־געצווימטער שפע. האָראָנטשיק איז זייער אומגעדולדיק, ס׳שפּאַרט פון אַלע זייטן, ס׳רוקן זיך אָן געשטאַלטן, בילדער, סיטואַציעס — און ס׳פעלט אים כוח זיי צו באַהערשן, פון אַ סך זיך אָפּצוזאָגן. ער ווערט אָפּט (חוץ אין „פאַרפלאָנטערטע וועגן”) מיטגעריסן, מיטגעטראָגן מיט דער מאַטעריאַלן־כוואַליע.

אַ באַקאַנטער טעאַטער־קריטיקער האָט אַ מאָל געזאָגט, אַז אַ גרויסער אַרטיסט דאַרף אויף דער בינע דאַווענען בלויז מנחה; ווען אַן אַקטיאָר זאָגט אָפּ שחרית, מוסף, נעילה, מנחה און מעריב, איז אַ סימן, אַז ער מוז אַ סך אַרבעטן איבער זיך. האָראָנטשיקן פעלט דער כוח אַרויסצולאָזן אַ תפילה. ער איז אַזוי אוממיטלבאַר, אַזוי אויפריכטיק און ערלעך, אַז ער קאָן ביי זיך נישט פועלן עפּעס אַרויסצולאָזן. עפּעס דאַכט זיך אים, אַז ער וואָלט מיט זיך נישט געווען אין אָרדענונג”.

האָט אַ געהיימער כוח אים געטריבן גאָרנישט דורכצולאָזן, און שמעון האָראָנטשיק האָט פון די־אָ קליינע „דעטאַלן” באַשאַפן פּערל, וואָס זענען אויפגעצויגן געוואָרן אויף די זיידענע טאַשמעס, און זיי געטראָגן ווי גרויסע אוצרות.

אַזוי־אָ איז געשטאַנען שמעון האָראָנטשיק ביי זיין קינסטלערישן וואַרשטאַט, געשניצט און געטאָקט זיינע געשטאַלטן ביז עס האָט איבער פּוילן אָנגעיאָגט דעם חורבן, די גרויסע שריפה.

ז

וואָס האָט שמעון האָראָנטשיק געטאָן אין דער דאָזיקער שעה פון שוועבל און פייער איבער די יידיש־פּוילישע הימלען?

דערציילט משה גראָסמאַן:

„עס איז זעקס פאַר נאַכט, איך האָב זיך נאָך נישט באַשלאָסן און לייג פאַר צו וואַרטן מיטן לויפן ביז צען ביי נאַכט.

האָראָנטשיק זעצט זיך שווער אַוועק אויפן בענקל. ער וויל שוין לויפן, נאָר צוזאַמען מיט אונדז. ער וועט שוין דאָ צוזיצן ביז צען ביי נאַכט.

די פרוי זאָגט אים עפּעס אין אויער אַריין, ער שאָקלט מיטן קאָפּ אויף ניין. זי שטייט צו אים ווייטער צו, רופט אים אַוועק אין אַ זייט, סודעט זיך, ער ציט כסדר אויף צוריק, דרייט אויס דעם קאָפּ צו אונדז, ער הענגט ביי אים אַראָפּ ווי ביי אַ בעל־חי פאַר דער שחיטה, די אויגן קוקן אויסגעשטאַרצט, און פּחד! דער גרויסער מאוימדיקער פּחד, וואָס איז משנה דורך איין רגע די גאַנצע צורה. — און ער איז שווער אַוועק צו דעם ווייטן, אומבאַקאַנטן וועג. לויפן, ראַטעווען זיך, אַנטלויפן פונעם טויט.

און אין עטלעכע טעג אַרום, אין דעם קליינעם שטעטעלע קאַלושין, אין אַ שטאַל — ליגט האָראָנטשיק, קורטשעט זיך איין און טוליעט זיך אין שטרוי. די דייטשן זענען שוין דאָ און טרייבן די יידן אין דער דאָרטיקער קירך אַריין, שיסערייען פון אַלע זייטן.

אויף איין מינוט מוז מען זיך רוזיק פאַרטראַכטן:

ער איז די טעג אַלט געוואָרן פופציק יאָר. אַ יובל, אַ יום־טוב. מיט פינף־און־צוואַנציק־יאָר צוריק אין דער צייט, אין דער ערשטער וועלט־מלחמה, האָבן די דייטשן אין זיין געבורט־שטעטעלע, וויעלון, געשאָסן צו אים — און ער איז אַנטרונען פון דער קויל, ניצול געוואָרן. ער איז דעמאָלט געווען אַ קליינשטעטלדיקער סוחר און געשריבן לידער. דערנאָך איז ער געוואָרן אַ שרייבער, אַן אָנגעזעענער ראָמאַניסט, פון די געלע־זנסטע מחברים — מ׳וואָלט אים אין די טעג אַוודאי געפּראַוועט אַ יובליי.

פון גאַס דערטראָגן זיך געשרייען, ס׳פאַרשטאַרקט זיך די שיסעריי. אַ לויפעריי צו דער שטאַל, צו זיין באַהעלטעניש. ער כאַפּט אַרויס פון ערגעץ אַ קליין ראַזיר־מעסערל, און שנעל, מיט דעם גאַנצן אימפּעט, שניידט ער איין דעם האַלדז, גיך און פעסט — עס זאָל שוין מער קיין באַליידיקונג נישט זיין, עס זאָל שוין מער קיין פּחד נישט זיין.

און שמעון האָראָנטשיק האָט אויסגעהויכט זיין נשמה״.

ח

אַ יידישער פּאָעט האָט שמעון האָראָנטשיקן מקבר געווען אויפן קאַלושינער בית־עלמין. עס איז קיינער נישט געווען ביי דער לוויה. שמואל וואָלמאַן, וועלכער איז אַליין דערנאָך אומגעקומען אין רוסלאַנד, האָט געוווסט, אַז נישט ווייט פון דעם יידישן בית־עולם איז מראַזי, ווו דער יידישער משורר יחיאל לערער איז געבוירן געוואָרן.

עס ווייסט נישט קיינער צי דער געביין פון שמעון האָראָנטשיק איז טאַקע געבליבן אויף דעם אָרט פון דער קבורה, צי עס שטייט נאָך דאָרט דאָס ברעטל, וואָס די ציטערדיקע הענט פון דעם יידישן פּאָעט האָבן איבער שמעון האָראָנטשיק אָוועקגעשטעלט.

אין דער יידישער ליטעראַטור וועט פּאַר אַלע דורות לייכטן דאָס לעבן און די ווערק, וואָס האָבן צעליכטיקט דאָס יידישע פּוילישע לעבן, דעם נאָמען פון מחבר — שמעון האָראָנטשיק.

ט

מיש איך איצט ווידער דאָס קליינע ביכעלע לידער „פּעלדבלימען״ און וויל אָפּשליסן מיט אַ ליד פון דעם־אָ קליינעם לידער־ביכעלע:

איך וועל מער נישט וויינען,
מיין מזל באַקלאָגן,
און זאָלן די נאַרן
נישט לעבן צופרידן,
באַדויערן מיין לעבן,
מיין ביטערע יוגנט:
ער האָט דאָך קיין ברויט נישט,
קיין קלייד און קיין היים נישט,
ער האָט נעבעך גאָרנישט
פון וואָס צו גענים,
די ביטערע שטונדן
מיט וואָס צו פאַרזיסן,

די פּוסטקייט פון לעבן
מיט וואָס צו דערפילן;
קיין פרוי און קיין קינד נישט
מיט וואָס זיך צו שפּילן,
ער האָט נעבעך גאָרנישט,
ער האָט נעבעך גאָרנישט.

יהי זכרו ברוך!

„צוקונפט“, פעברואַר 1967

שלמה גילבערט

א

ווי גיך שלמה גילבערט האָט זיך נאָר באַוויזן פון אַ קליין יידיש שטעטעלע הינטער וואַרשע, פון ראַדזימין, איז ער געווען אַן אַנדערער פון די, וואָס זענען שוין געקומען פאַר אים אין דער יידישער ליטעראַטור און זיך צוגעזעצט צום גרויסן טיש, וואָס עס האָט אים געפירט יצחק לייבוש פרץ.

ווען ער האָט זיך צום ערשטן מאָל באַוויזן אין דער שטוב, ווו עס איז געשטאַנען דאָס וויגעלע פון אַ דור יידיש־שרייבער, האָט ער זיך באַלד קעגנגעשטעלט דער מיינונג פון יצחק לייבוש פרץ און ער האָט דערווידערט, וואָס פרץ האָט אים געזאָגט. ער האָט זיך נישט דערשראָקן, וואָס זיינע זאַכן, וואָס ער האָט געבראַכט פאַר פרץ־מבינות, האָבן נישט אויסגענומען ביים רבין; ער האָט געזאָגט פרצן, אַז ער איז נישט קיין אָרעמאַן, וואָס האָט נישט מער, ווי די איינציקע גראָשנס. אויב די גראָשנס האָבן נישט דעם אמתן קלאַנג, האָט ער נאָך אָבער ביי זיך אַ גרויסע אפּותיקא, וואָס וועט אַ קלינג טאָן און ברענגען גאָר אַנדערע טענער אין דער ליטעראַטור, וואָס האָט אין יענע טעג זיך אַזוי שטאַרק צעבליט און צעוואָקסן.

עס האָט באַלד גערעדט פון אים אַזאַ שטאָלצקייט, אַזאַ אַצילות, אַזאַ יחידישער אויפגאַנג, וואָס האָט געבראַכט אַ גרויסן חידוש אין דער שרייבערישער משפחה.

דעמאָלט האָט נאָך קיינער נישט געוווּסט זיין אָפּשטאַם; מען האָט נאָך נישט געלייענט זיין יחוס־כתב, נישט געוווּסט, אַז ער קומט פון אַ היים, וואָס איז פול געווען מיט די קלאַנגען און קולות פון פידלען, אַז זיין זיידע, זיין פאָטער, האָבן אָנגעפירט מיט די כלי־זמרים־קאַפּעליעס. מען האָט אויך נישט געוווּסט, אַז זיין זיידע איז געווען אַ „ניקאָלאַיעווסקער

סאָלדאַט״ און האָט נאָך צוועלף יאָר דינען, געבראַכט מיט זיך גרויס קענטעניש אין רוסישן לשון צו ווערן אַ „פּראָשעניע״־שרייבער און — גרויס געפיל אין מוזיק. געבראַכט מיט זיך אויך אַ שטאָלץ, וואָס מען האָט געדאַרפט אין זיך פאַרמאָגן בייצושטיין די בושה אין דער גרויסער פרעמד פון דער רוסישער סאָלדאַטשינע.

ווען ער איז געקומען אין דער גרויסער שטאָט, אין דער דעמאָלטדי־קער סביבה פון יידישע שרייבער, האָט אים קיינער נישט געפרעגט און ער האָט קיינעם נישט דערציילט, אַז ער איז מלא וגדוש אין נגלה און אין נסתר, אַז ער איז פול מיט יידיש־טראַדיציאָנעלער קולטור און אַז ער האָט שוין אַריבערגעקוקט אויך פון דער „אַנדערער זייט״, געווען אַריינ־געטאָן אין קבלה און זוהר איז פאַר אים געווען דער קוואַל פאַר זיינע גרויסע דורשטן.

מען האָט אויך דעמאָלט נישט געוווסט, אַז שלמה גילבערט האָט זיך נאָך נישט איינגעבראָכן, האָט נאָך נישט איבערגעריסן מיטן אַלטן יידישן דרך און איז נאָך פאַרבונדן מיט טויזנטער פעדעם אין דער יידישער אמונה.

אָבער, ווען עס האָט זיך באַוויזן זיין ערשטע דערציילונג „צו דער זון״, און נאָך דעם — אַנדערע גרעסערע און קלענערע דערציילונגען און „נאָוועלן״, האָט די ליטעראַרישע סביבה זיך אַ רודער געטאָן. ערשט דעמאָלט האָבן די טישזיצערס פון בית־פּרץ דערזען דעם „שפּיציקן יונגנמאַן אינעם סאַמע טונקלען ווינקל־צימער, וואָס איז געזעסן און מיט שאַרפע בליקן געקוקט אין פּרצן״. די זעלביקע בליקן, די זעלביקע דינקייט, וואָס איז געווען אין יענעם געשטאַלט, דאָס זעלביקע שווייגן, האָט זיך געהערט פון די ערשטע „מעשות״, וואָס שלמה גילבערט איז מיט זיי געקומען און האָט תיכף פאַרנומען אַן אָרט אין דער יידישער פּראָזע.

עס איז נישט געווען קיין שום קלער, אַז עס איז געקומען אַ נייער ייד מיט אַן אייגענעם קוק אויף דער וועלט, אויף לעבן. מען האָט נאָר געוואַרט אויף מער אַרבעטן, מער יצירות, וואָס זאָלן ווייזן דאָס גאַנצע פּנים פון דעם נייעם שרייבער, זאָלן דערציילן פון די מעגלעכקייטן, וואָס זענען אין אים דאָ.

איינס איז געווען זיכער, און אַלע האָבן דערצו מודה געווען, אַז די זאַכן, וואָס שלמה גילבערט ברענגט, זענען אייגענע און מען קאָן גאַנץ גוט פון זיי זיך דערוויסן, ווער עס איז זייער מחבר, וואָס אים „קוועטשט", וואָס אים אַרט און וואָס ער וויל פון זיך דערציילן, וואָס פאַר אַ מוסר־השכל ער וויל מען זאָל פון זיי לערנען.

נאָך:

פון די „מעשות", וואָס שלמה גילבערט האָט דערציילט, האָט מען זיך אויך דערוווּסט, אַז כאָטש ער איז נישט מער אַלט ווי עטלעכע און צוואַנציק יאָר (ער איז געבוירן געוואָרן אין אַכצן־פינף־און־אַכציק און זיין ערשטע דערציילונג האָט ער געדרוקט אין יאָר ניינצן־זיבן), טראָגט ער שוין אויף זיך אַ גאַנץ פיין פעקל מיט נאָגענישן, וואָס ווערן אַזוי איידל געשטאַלטיקט און אַזוי דין געמאָלן. מען האָט דערזען, אַז הינטער די אַלע מענטשן, געשעענישן, וואָס קומען אָן און שפּילן זייער שפּיל אין די „מעשות", איז דאָ שלמה גילבערט, זיין אייגן לעבן, זיינע אייגענע דורכלעבונגען, זיין אייגן געזאַנג.

איך זאָג געזאַנג, ווייל כאָטש ער האָט געשריבן פּראָזע, דערציילט זיינע געשיכטעס אין לאַנגע שורות, וואָלט ער זייער לייכט געקאָנט די „מעשות" אויסשטעלן אין קורצע שורות און זיי וואָלטן זיך זייער גוט געלייענט, ווי לידער, פול מיט ריטעם, מיט בילד און מיט תנועות פון די דינסטע סטרונעס פון אַ פידל.

יאָ, פון זיינע „מעשות", וואָס זענען נישט געקומען זייער אָפט (פאַרקערט, עס האָט זיך אָפט מאָל אויסגעדאַכט, אַז שלמה גילבערט איז ערגעץ־ווו פאַרלוירן געוואָרן, שרייבט שוין נישט מער, און מען האָט זיך שוין אָנגעהויבן חידושן: ווו איז ער?). פון די זאַכן, וואָס ער האָט געדרוקט אין די דעמאָלטיקע יידיש־ליטעראַרישע אויסגאַבעס, האָט מען זיך דערוווּסט, אַז דער מחבר פון די „מעשות" האָט אַ סירחא אויף זיינע לונגען, איז קראַנק און זיין לעבן איז פאַרפלעקט מיט דער שווינדזוכט, וואָס מאַטערט אים, און דער חידוש איז געוואָרן נאָך גרעסער, וואָס אין זיינע נאָוועלן איז דאָ אַזוי פיל ליבע, גוטקייט און גרויסער באַגער צו לעבן און דאָס לעבן צו באַזינגען.

מען האָט זיך אויך זייער שטאַרק געחידושט אויף דער שאַרפּער דראַמאַטישקייט, וואָס איז זייער בולט אַפילו אין דער קלענסטער דערציי־לונג און אַ סך פון דעמאָלטיקע ליטעראַטור־מבינים האָבן געעצהט, אַז שלמה גילבערט זאָל זיך נעמען צו דער דראַמע, שאַפן פאַר דער בינע, וואָס האָט דעמאָלט געוואָרט אויף מחברים.

ב

וואָס זשע האָבן מיר געלערנט פון די „נאָוועלן", דאָס ערשטע בוך, וואָס שלמה גילבערט האָט צונויפגעזאַמלט, זינט ער איז געקומען אין דער ליטעראַטור, אינעם יאָר ניינצן־זיבן, און עס איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אין ניינצן־צוויי־און־צוואַנציק פון דעם ליטעראַטור־פאָנד „טלאָמאַצקע דרייצן"? וואָס האָבן מיר אין די דאָזיקע „נאָוועלן" דערזען, דערהערט?

דאַרף גלייך געזאָגט ווערן, אַז שלמה גילבערט האָט זיך אין די דאָזיקע יאָרן נישט צעשריבן. געווען זייער אָפּגעשלאָסן אין זיך, און ווען מען וואָלט געוואָלט אויסמעסטן, אויסוועגן די דערציילונגען אויף דער וואָג פון צייט, איז אויסגעקומען, אַז עס האָט ביי אים גענומען אַ מעשה אָנצושרייבן מער ווי אַ יאָר. מען האָט זיך אויך דערוווסט פון זיין בוך „נאָוועלן", אַז יצחק לייבוש פרץ האָט זיך גאָרנישט געגעבן מיט זיין קוק אויף שלמה גילבערט און האָט באַלד אין אָנהייב תופס געווען דעם „שותק", וואָס האָט זיך צוגעזעצט צו זיין טיש.

וואָס זשע האָט יצחק לייבוש פרץ אין אים דערזען און וואָס האָט ער אים צוגעזאָגט, וואָס די סימנים האָבן מיר דערזען אין זיין ערשטן „נאָוועלן"־בוך?

דאַרפן מיר הערן, וואָס עס האָט וועגן דעם צו זאָגן אַן אייגענער אין בית־פרץ, וואָס איז געווען אַ לעבעדיקער עדות, בשעת שלמה גילבערט איז געקומען צו פרצן און האָט בפירוש געהערט, געזען, זיך גוט צוגעקוקט צו דעם, וואָס איז דעמאָלט פאָרגעקומען. מיר דאַרפן אויך וויסן אַז דער־אָ אייגענער איז אויך דעמאָלט געקומען נהנה צו זיין מזיו השכינה, וואָס האָט אין יענע טעג אַרומגערינגלט פרצן און איז אויסגעוואַקסן ווי אַן אָריגינעלער שאַפער פון דער קליינער דערציילונג, וואָס האָט אין סאַמע

תוך געהאַט אין זיך אַ"לע אַנדערשקייטן פון דעם לעבן, וואָס עס האָט געמאָ"לן שלמה גילבערט אין זיינע „נאָוועלן".

לאָמיר הערן, וואָס עס דערציילט אפרים קאַגאַנאָווסקי אין אַלמאַ־אַטאַ, ערגעץ ווייט, ערגעץ ווייט אין די רוסישע סטעפּעס, און האָט די רייד געדרוקט אין דער מאָסקווער „אייניקייט", אין יאָר ניינצן־דריי־און־פערציק.

אין זיין קינסטלערישן פּאָרטרעט „שלמה גילבערט" דערציילט אפרים קאַגאַנאָווסקי:

„אין פּרצעס שטוב האָב איך אין אַ זומער־נאָכמיטאָג, אין דעם יאָר טויזנט־ניין־הונדערט־ניין, באַגעגנט די דעמאָלטדיקע יינגסטע פּלעיאַדע יידישע שרייבער.

אַ זומער־אָוונט אין פּרצעס שטוב. צום ערשטן מאָל באַגעגן איך אַ בלייכן, קנאָכיקן, כמעט שפּיציקן יונגנמאַן אינעם סאַמע טונקעלן ווינקל צימער, מיט שאַרפע בליקן, פּאַרקוקטע אין פּרצן. ער איז געזעסן נישט באַקוועם, ווי אַ מענטש, וואָס איז נישט געוווינט צו קיין גוטע באַקוועמע מעבל און פריייער האַלטונג. זיינע לאַנגע, דאַרע בלייכע הענט האָבן זיך פיבערהאַפט געקלאַמערט אין זיינע דאַרע, שפּיציקע קני,ען, דערביי האָט זיך אין זיינע ברוינע אויגן געוויגט עפּעס אַ שניידנדיקער טרוקענער גלאַנץ. אויף זיין ברייט, לעבהאַפט מויל האָט אַרומגעבלאָנדזשעט אַ קינדעריש־אַנגעווייטיקט שמייכעלע, וואָס מען זעט עס ביי מענטשן נישט דרייסטע אין אַ פרעמדן קרייז, ווו זיי קאָנען ביי זיך נישט פועלן צו זאָגן דאָס, וואָס זיי וואָלטן געקאָנט זאָגן. פון פּרצעס רייד און פון אַלעם, וואָס כ'האָב געקאָנט פאַרשטיין, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דער יונגערמאַן האָט דאָ געלעזן עפּעס פון זיינע ליטעראַרישע שאַפונגען און פּרץ האָט זיך נאָך אַלץ אַרויסגעזאָגט וועגן דעם.

אין צימער האָט אָנגעהויבן טונקל ווערן. ביי אַ צענדליק שרייבער, וואָס זענען געזעסן אַרום, האָבן זיך איבערגעוואָרפן מיט ווערטער, שטיל, נישט וועלנדיק איבעררייסן פּרצעס האַרטע צודרינגלעכע שטים. און מיט אַ מאָל האָט זיך דער יונגערמאַן ראַשיק אויפגעהויבן. זיינע ליפּן האָבן זיך קרענק־לעך אַ דריי געטאָן. ערשט איצט האָב איך באַמערקט, ווי הויך און דאַר ער איז. זיין פּלייצע איז געווען אַ ביסל קיילעכיק, און דאָס האָט אים

צוגעגעבן אַ געוויסע אומהיימלעכקייט. ער האָט זיך געזעגנט. פּרץ האָט אים פריינדלעך באַגלייט, איבערחזרנדיק זיינע באַמערקונגען. מיר האָט זיך געדאַכט, אַז אַלע אַרום האָבן דעם פאַרלאַנג, אַז די סצענע זאָל זיך גיכער ענדיקן. צו פיל ווייטיק איז געווען אין דעם מויל און אין די אויגן ביי דעם יונגנמאַן. אָבער אומגעריכט האָט זיך דער יונגערמאַן אַ בייג געטאָן און זיך צעלאַכט מיט אַ מאָדנע הייזעריקן, ווי זינדיקן געלעכטער. ער האָט געלאַכט מיט אַ ברייט אָפן מויל, דערביי האָט זיין דאַר, לאַנג פּנים באַקומען דעם אויסזען פון אַ סקעלעט. געלאַכט האָט ער שטיל און גיפטיק, ווי אַ שד. אָבער זיין געלעכטער האָט אַנגעשטעקט, און דאָ האָב איך צום ערשטן מאָל דערהערט זיין שטימע מיט זיין ברייטן, וואַרשעווער פאָלקסטימלעכן יידיש:

— פּרץ... נעמט אייך נישט אַזוי צום האַרצן, עס קאָן אייך חלילה שאַטן... איך בין נישט אַזאַ קבצן, אַז ווען עמעצער זאָגט מיר, אַז מיין גראַשן איז צופעליק אַ פאַלשער... זאָל איך נישט האָבן קיין צווייטן... אָט די אַלע קלייניקייטן, וואָס איך ברענג אייך ווייזן, זענען גראַשנס... די אמתע אפּותיקאַ... באַהאַלט איך ביי מיר...

און מיט דעם זעלביקן זינדיקן געלעכטער האָט דער יונגערמאַן פאַרלאָזן דאָס צימער.

פּרצן איז געפעלן די אַלעגאָריע מיט די גראַשנס, און ווען ער האָט זיך אומגעקערט פון קאָרידאָר, האָט ער מיט זיין קנאַקנדיקער שטימע אַ זאָג געטאָן: „דאָס איז שלמה גילבערט... אַ פידל אונטער אַ סורדינקע... ס'באַדאַרף זיין גאָר שטיל מען זאָל אים דערהערן... נישט פאַר אונדזער צייט, ווען אַ שרייבער דאַרף וועקן, רופן"...

אַזוי האָט אים אפרים קאַגאַנאָווסקי געזען אינעם יאָר ניינצן־ניין, ווי גיך ער האָט זיך באַוויזן אויף פּרצעס שוועל. ער האָט זיך זייער ווייניק געענדערט סיי אין זיין אויסזען, סיי אין זיין געמיט. ווען איך דערמאָן זיך אים פון די שפּעטערדיקע יאָרן, בשעת מיר פלעגן זיך זייער אָפט טרעפן, סיי אין וואַרשע, סיי אויף דער „דאַטשע־ליניע", ערגעץ ביי די טויערן פון „גן־עדן התחתון", ווי ב. יאושזאָן (איטשעלע) האָט גערופן אָטוואָצק, שווידער, יוזעפאָוו און פאַלעניץ — איז ער תמיד גרייט געווען „אָנ־

געשפּיצט״, ווי עפּעס וואָלט אויף אים כסדר געלויערט און תמיד גרייט גע־ווען זיך אויפצושטעלן און זיך געזעגענען מיט אַ קלאַפּ אין דער טיר. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן פון די ווייטערדיקע אַרבעטן, וואָס שלמה גילבערט האָט געבראַכט, אַז פּרץ האָט דערזען, דערהערט, אַפילו אין די זאַכן, וואָס זענען אים לכתחילה נישט געפעלן געוואָרן, די טענער פון אַ פידעלע, וואָס עס דאַרף זיין גאָר שטיל מען זאָל זיי דערהערן. שטיל איז טאַקע נישט געווען. אין דעם אויפקום פון דעם נייעם יידישן ליד און פון דער יידישער פּראָזע אין יענע בראשית־טעג איז טאַקע געווען זייער אַ גרויסער רעש, אַ טומל. פון דעסטוועגן האָט זיך דערהערט דאָס דינע קול פון שלמה גילבערט. כמעט אין אַלע זיינע „נאָוועלן״ פון זיין ערשטן בוך שפּילט מען, פּירט שלמה גילבערט אָן מיט קאַפּעליעס און אין די הימלען רייסט זיך אַ געשפּיל פון „כלים״, וואָס דערציילן אין זייער אַ סך תנועות און טענער, וואָס עס טוט זיך אָפּטאָן אויף דער וועלט. דערציילט שלמה גילבערט אין זיין נאָוועלע „נפתליכעל אויער״:

„נפתליכעל קוקט איבערן וואַלד און עס פאַלט אים איין אַ געדאַנק:

— אַזוי פיל ביימער שטייען, און אַז איך וועל שפּילן וועלן זיי דאָך הערן! מענטשן, מענטשן רעדן און זיי הערן גוט!

ער שטעלט זיך אויף און נעמט אַראָפּ די פידל.

צום ערשטן הערן זיך בלאָנדזשענדיקע טענער: — וואָס זאָל איך שפּילן פאַר דעם גרויסן וואַלד?

ער ציט לאַנגע טיפע טענער, ער שפּילט פון אַ גרויסן ליכטיקן הימל, פון אַ ליכטיקער שטילקייט, פון אַן אייביקן וואַלד.

די זון איז שוין נידעריק אַראָפּ. די לופט האָט שוין אָנגעהויבן אָטעמען, און דאָ, דאָרט, הערט זיך אַ פּישטש פון אַ פויגל״.

אין אַלע דערציילונגען פון זיין ערשטן בוך „נאָוועלן״ דערפילן מיר אַ גרויסע נאָענטקייט פון דעם מחבר צו די מענטשן, וואָס ער שטעלט זיי פאַר אונדז פאַר. אַלע פון זיי טראָגן אין זיך אַ געוואַלדיקע בענקשאַפט צום דרויסן און לעבן־אויף בשעת זיי זענען אין דער „שויס פון דער נאַטור״. צי עס איז „קאַנאַריק״, אָדער „פּיעטריק״, אַפילו ווען שלמה גילבערט מאָלט פאַר אונדז דאָס געשטאַלט פון „פייגעלען״ אין „יששכר

און זבולון״ געפינט ער אין די מענטשן אַזאַ דינקייט, וואָס רעדט אַריבער די נאַגעניש און מאַטערנישן פון דער גרויער טאָג־טעגלעכקייט. אין יעדן מינדעסטן באַשעפעניש אין זיינע „נאָוועלן״ איז דאָ אַ תשוקה צו העכער־קייט, צו אַנדערע, ווייטערע וועלטן, ווייט פון די, אין וועלכע זיי לעבן.

קאָן גאַנץ מעגלעך זיין, ווען שלמה גילבערט וואָלט נישט אַוועק אויף גאָר אַנדערע, זייטיקע דרכים, וואָס האָבן בכלל נישט געהאַט צו טאָן מיט זיין שאַפערישער וועלט, וואָלט ער זייער אַ סך געשריבן און וואָלט במילא געקומען צו אַ טאָלק אין זיינע שטימונגען. ער וואָלט זיך פאַרמאָסטן אויף גרויסע לייוונטן, וואָס ער וואָלט זיי בלי־ספק געקאָנט אָנפילן מיט פאַרבן, מיט ליכט און שאָטן, מיט לעבן.

האָט ער אַוועקגעבטלט זיין צייט אין זוכענישן אין נישט קיין „היגע וועלטן״, זיך אָפּגעגעבן זייער אַ סך מיט געפינען אַ תוכן אין גייסטער, געוואָלט אַרויסציִען פון די נסתרות ליכט, זין און אָנלען פאַר זיין אייגן לעבן.

ער האָט, ווי יענער גרויסער „כישופמאַכער״ פון „ווייִמאַר״, געוואָלט אַריבערגיין די גרענעץ, וואָס פירט אין אַנדערע וועלטן. יענער האָט זיך „געשפּילט״ מיט אַ תורה פון פאַרבן און קאָלירן און געזאַמלט אין זיינע קאַמערן שטיינער, גלאָז, און האָט דווקא געוואָלט מזכה זיין אונדזער וועלט מיט זיין באַרימטער „פאַרבנלערע״. זיינע דראַמעס, טראַגעדיעס, לידער און פּאָעמעס זענען פאַר אים נישט געווען צו שטילן זיינע בענקשאַפטן. ער האָט געהאַלטן אין אַ כסדרדיק זוכן די דינע גרענעץ, די ליניע, וואָס זאָל אים אַריבערפירן פון פינצטערניש צו ליכט, און זיינע לעצטע ווערטער, איידער ער האָט פאַרלאָזט אונדזער ערד, זענען געווען: „עפנט אויף די לאָדנס״... און זיין פריינד אַקערמאַן האָט עס אויסגעטייטשט, אַז דער לייב האָט זיך צעשריגן: „מער ליכט!״

אַזוי איז פאַר שלמה גילבערט געווען צו ענג אונדזער וועלטל און ער איז אַוועק אין די נסתרות צו געפינען תשובות אויף זיינע שאלות. האָט ער זיך אַריינגעלאָזט אין אַ וועלט פון פאַרהוילענעם מיסטיציזם און געזוכט זין אין די לעגענדעס פון שדים און רוחות.

ג

צי איז שלמה גילבערט, נאָך זיין זוכעניש אין די „אַנדערע וועלטן", זיין פאַרטיפן זיך אין די קבלה־סודות און די פאַרבינדונגען מיט די גרעסטע וועלט־מומחים אין דער תורה פון אָקולטיזם און ספּיריטואַליזם, צי איז ער אין משך פון די אַלע יאָרן, אין זיין גאַנצער אַרבעט, אַריין אין „פרדס" — וועלן מיר נאָך וועגן דעם שמועסן. דערווייל איז כדאַי צו זאָגן אַז שלמה גילבערט האָט אין זיין עזבון, אין זיינע סקיצעס, נאָוועלעס און דערציי־לונגען קיין גאָר גרויסן שרייבערישן כוח נישט אַרויסגעוויזן. ער האָט טאָקע געהאַט אַ שטילקייט, וואָס האָט געקאָנט אַריבעררעדן, אַרויסרעדן פון די גרעסטע שטורעמס אינעם מענטש. אָבער עס דאַרף געזאָגט ווערן, אַז דעם גרויסן קינסטלערישן כוח האָט שלמה גילבערט אַרויסגעוויזן אין זיינע דראַמאַטישע שאַפונגען, אין די דריי זאַכן, וווּ ער האָט אין אַ דראַמאַטישער פאָרעם געבראַכט גרויסע געשטאַלטן, וואָס האָבן זייער אַ סך דערציילט פון זייער לעבן און זייער צייט.

די ערשטע פון די דריי דראַמאַטישע אַרבעטן „שבתי מוח", האָט ער געדרוקט אין ניינצן־צוויי־און־צוואַנציק אין זיין בוך „נאָוועלן", די אַנדערע איז געווען „משיחס טריט", דראַמע אין דריי אַקטן, וואָס איז לכתחילה געדרוקט געוואָרן, איבערגעזעצט פון א. ל. יאַקאָבאָוויטש אין העברעיש, אונטערן נאָמען „גלות", אין „התקופה" (ניסן־סיון, תר"פ, וואַרשע), שפּעטער אַרויס אין בוך־פאָרעם (קולטור־ליגע, וואַרשע, ניינצן־פיר־און־צוואַנציק) און אַ שפּיל אין דריי אַקטן „דער קעלער", געדרוקט אין „וואַרשעווער אַלמאַנאַך" אינעם יאָר ניינצן־דריי־און־צוואַנציק. דער גאַנצער עזבון, סיי די קנאַפּע פּערציק דערציילונגען, וואָס שלמה גילבערט האָט ביז זיין פאַרלענד אין די פלאַמען פון טרעבלינקע געשאַפן, סיי די דריי דראַמאַטישע שאַפונגען, זענען איבערגעדרוקט געוואָרן אין דער זאַמלונג „שלמה גילבערט, דערציילונגען און דראַמעס", אַרויסגעגעבן פון מלך גראַפשטיין, לאָנדאָן, קאַנאַדע און פנחס גילבערט, דעטרויט, מישיגען, מיט אַן אַריינפיר פון שמואל ניגער און שלוס־ווערטער: זכרונות פון פנחס גילבערט, אַ ברודער, און מלך גראַפשטיין, אַ יונגט־חבר פון שלמה גילבערט.

די דריי דראַמאַטישע שאַפונגען זענען פול מיט אַקציע, שאַרפן דיאַלאָג, לעבעדיקע געשטאַלטן און אַן אייגנאַרטיקן פאָלקסטימלעכן יידיש.

אַוודאי איז אין יעדער פון די דריי שפּילן דאָ שלמה גילבערט, אין יעדע — אין אַן אַנדער געשטאַלט. ער איז תמיד דער שווייגנדיקער מאַנער, דער בעל־הטענה פאַר די געקריוודעטע. ספּעציעל איז שלמה גילבערט זייער קענטיק אין דער געשטאַלט פון „שבתי מוח", וואָס טרעט אויף ווי אַ מוכיח, שליידערט אמתן אין מענטשלעכע פּנימער. אָבער שטענדיק אין גוטן געמיט און תמיד נוטה צו דעם גערודפטן, דעם באַיאָכטן מיט די כלערליי עולן. אין דעם גאַנצן מוסר־זאָגעריי פון „שבתי מוח", וואָס לעבט־אויף בשעת ער געפינט ווען אַריינצוזאָגן, איז תמיד דאָ טאַקט, פאַרשטענדעניש און שאַרפזין אין זיינע שאלות און תשובות.

נישט איין מאָל האָב איך אויף מיינע לאַנגע שפּאַצירן מיט שלמה גילבערט איבער די געדיכטע יידישע גאַסן אין וואַרשע, אָדער איבער די שטילע וועגן פון די דאַטשע־שטעטלעך אַרום וואַרשע, צוהערנדיק זיך צו די צעצונדענע רייד זיינע, רעדנדיק פון זיינע פּערזענלעכע נאָגענישן און אויך וועגן ענינים, וואָס האָבן אָנגערירט אַנדערע פון דער יידיש־שרייבע־רישער סביבה, פלעג איך אים אַזוי שטילערהייט אונטערזאָגן: „ר' שלמה, עס וואָלט אייך זייער געפּאַסט שטיין אויף די ראַגעס און פייערן אין דער וועלט די אמתן פון שבתי מוח". שלמה גילבערט האָט אַזוי תמימותדיק געענטפערט: כ'וואָלט אויך געהאַט דער וועלט עפּעס־וואָס צו פרעגן. איך ווייס נישט, צי איך וואָלט געקאָנט געבן אַ תשובה, אָבער שאלות האָב איך זייער אַ סך. אַזוי גייענדיק פלעגט ער פאַר מיר פונאַנדערוויקלען זיינע זוכענישן. ער איז געווען זייער נישט צופרידן מיט געוויסע דערשיינונגען אין אונדזער ליטעראַרישער סביבה. ער האָט זייער גוט געוווסט, אַז ער זוכט צו קאָנען קינסטלעריש קומען מיט אַ גרויסער אַרבעט, וואָס זאָל אים אַוועקשטעלן ביי דער סאַמע מזרח־וואַנט פון אונדזער ליטעראַטור. איז אים געווען זייער ניחא זיין „קעלער". ער האָט טאַקע געהאַט גרויס נאָענט־קייט צו „שבתי מוח", אָבער געקלאַמערט האָט ער זיך אין „קעלער", ווו ער האָט אַריינגעפּרעסט זייער אַ סך יידישע געשטאַלטן, ווו יעדער פון זיי שפּילט אין שלימות זיין ראָל אויף דער בינע פון דעם סאַמע דנאָ פון

לעבן. ער האָט געזען אין די „קעלער״־פאַרשוינען די גרויסע פּאַנאָראַמע פון דער יידישער אָרעמשאַפט, וואָס האָט אין דער גרויסער נויט און דחקות געטראָגן אין זיך די חלומות און בענקשאַפטן צו אויסלייזונג, צו גאולה.

ער פלעגט זייער אָפט רעדן וועגן „משיחס טריט״, כאָטש ער האָט אין תוך געגלייבט, אַז ער האָט דאָרט „עפּעס״ פאַרפעלט. ער האָט נישט אַלץ דערזען, וואָס ער האָט געוואָלט אַרויסברענגען אין דער דראַמאַטישער שאַפונג.

ער האָט מיט זייער אַ סך פּאַטאָס און עקשנות זיך פאַרטיידיקט קעגן די מיינונגען, אַז אין „קעלער״, זענען דאָ די השפעות פון די רוסישע גרויסמייסטער, ספּעציעל פון גאָרקין, און אין „משיחס צייטן״ — די השפעה פון יצחק לייבוש פּרץ, זיין „ביינאַכט אויפן אַלטן מאַרק״. ער האָט צו מיר געטענהט, אַז השפעה איז אין סאַמע תוך געזונט פאַר אַ שרייבער, מען דאַרף נאָר קאָנען פאַרדייען, איבערקאָכן אינעם אייגענעם קעסל, אַריינגעבן אייגענעם פייער.

ד

גאָר גרויסע הנאה האָט ער געהאַט בשעת ער פלעגט פאַר מיר איבער־דערציילן דעם „אָונט״, וואָס ער האָט געהאַט אין מיין „שטעטל״. מיר האָבן זיך ביידע דערמאָנט וואָס עס האָט זיך יענעם „אָונט״ געטאָן אין אונדזער „שטעטל״. ער האָט גוט געדענקט דעם פאַראיין, ווו דער „אָוונט״ איז פאָרגעקומען און דעם וויכוח, וואָס ער האָט געהאַט אין אונדזער שטוב מיט מיינעם אַ פעטער „אַ געכאַפּטן אין דער מעשה״. פון זיין דערציילן האָט מיר אָנגעכאַפּט אַ שוידער איבער מיין רוקן. לאָמיר בקיצור איבער־דערציילן:

דער „פאַראיין״ איז געווען כמעט הינטער דער שטאָט. עס איז געווען אַ חושכדיקער האַרבסט־אויפדערנאַכט. קומען צו יענעם „פאַראיין״ אין יענער נאַכט איז געווען צו גיין אויף קידוש השם. דאָס „שטעטל״ איז געווען איינגעטונקען אין אַ דיקער פינצטערניש, וואָס מען האָט געקאָנט שניידן מיט מעסערס. עס האָט געטריפט אַ רעגנדל, וואָס רייסט די ביינער. עס איז זיך צוזאַמענגעקומען אַן עולם. שלמה גילבערט האָט געדרשנט.

וועגן וואָס האָט ער גערעדט? וועגן זיינע זוכענישן, זיין אַריינקוקן אין די „אַנדערע וועלטן", אַריבער דער גרענעץ. ער האָט געבראַכט ראיות פון ספרים און ביכער, אַז עס איז דאָ אַ לעבן נאָכן לעבן, און צווישן לעבן און טויט שטייט נאָר אַ זייער דין „שפּאַניש ווענטל". דער עולם איז געזעסן. עס האָט אים אַרומגענומען אַ גרויסער פחד. ווען עס האָט זיך געענדיקט, האָט מען פּשוט מורא געהאַט זיך צו רירן פון די ערטער. שלמה גילבערט האָט דערפילט, אַז דער עולם איז אין אַ „טראַנס", אין אַ „היפּנאָז", פון זיינע מעשות, וואָס ער האָט דערציילט. האָט פאַרגעשלאָגן אַהיימצופירן יעדן איינעם, וואָס האָט נאָר חשק מען זאָל אים פירן. מיר האָבן זיך דערמאָנט, אַז ער האָט יענעם אויפדערנאַכט פאַרבראַכט אין אַ וויכוח אין אונדזער שטוב און מיינער אַ פעטער האָט אים שיִער אַוועקגעלייגט אויף די „לאָפּאַטקעס" מיט זיינע רוחות און שדים צוזאַמען.

עס זענען געווען צייטן, וואָכן, חדשים, יאָרן — שלמה גילבערט האָט זיך נישט געוויזן אין די ערטער, ווו ער איז געווען האָט מען אים נישט געטראָפן. זענען געווען אין דער שרייבערישער סביבה אַזעלכע, וואָס פלעגן זיך פרעגן, פּרובירן אויסגעפינען ווו ער איז און וואָס מיט אים טוט זיך טאָן. האָט ער זיך באַוויזן, איז ער געווען נאָך שווייגנדיקער, נאָך איינגעשלאָסענער. עס איז געווען אַ חשד, אַז ער טוט ערגעץ כל עבודת פרך צו פאַרדינען אויף חיונה. אַלע האָבן דאָך געוווסט פון זיינע טראַגע־דיעס, פון זיין פּיין, פון זיין דחקות און ווי ער וויל דאָס אַלץ פאַרשטעלן פאַר די אויגן פון די היימישע, פון די נענטערע אַרום אים.

פלעגט ער אָפּזיצן טעג, אָוונטן, נעכט, גאַנצע מעת־לעתן אויף טלאַ־מאַצקע דרייצן. זיצן תמיד אַרומגערינגלט מיט אַ חברה און רייסן פּאַסן פון דער וועלט, פון די רשעים, וואָס פאַרמיסטיקן דאָס לעבן. גראָד די „פרייע", די עסקנים אין די אַרבעטער־פּאַרטייען, פלעגן אויסהערן זיינע „עקספּעדיציעס" אין די נסתרות און זיך איבערנעמען פון די אויסטער־לישע מעשות, וואָס ער פלעגט זיי דערציילן. ער האָט אַ מאָל אין אַזאַ מסיבה אַ זאָג געטאָן צו ד״ר אייסעראָוויטש, וואָס האָט געמאַכט זייער אַ סך „שפּאַצירן" איבער אונדזער גלאָבוסל און ער האָט אין דער מסיבה דערציילט וועגן זיין רייזע איבער אינדיע, די אותות ומופתים וואָס ער

האָט זיך דאָרטן אָנגעזען — האָט שלמה גילבערט אים אַ שליידער געטאָן אין פּנים, ווי „שבתי מוח״, אַן אויפגעכאַפּטער פון אַ דרימל: דאָקטאָר, דאָקטאָר, ווען וועט איר שוין טאַקע אויף אַן אמת צופּאָרן אין די אַלע לענדער, וואָס איר דערציילט פון זיי, ווען?

איך פלעג אים זען זייער אָפט פאַרבייגיין מיין דירה, בשעת ער האָט געשפּאַנט מיט זיין גאָר נאָענטן חבר אין דער „ליטעראַרישער שטוב״ אויף שליסקע זעכציק, צו די צייטלינס. בשעת ער פלעגט פאַרבייגיין מיט יצחק גערשטענמאַן (אַליין אַ גאָר־טשיקאַווער מענטש, וואָס וואָרט מען זאָל אַ מאָל וועגן אים דערציילן) איז ער מיט זיין חבר צו מיר אַרויפגעקומען און מיינע אייגענע האָבן זיי זייער וואַרעם אויפגענומען. נישט איין מאָל פלעגן מיר אַזוי אָפּזיצן שעהען און הערן די אייגנאַרטיקע מיינונגען, וואָס שלמה גילבערט האָט געהאַט וועגן גרויסע יידן, וואָס האָבן געמאַכט געשיכטע, אין דער ליטעראַטור, חסידות, קבלה־געשטאַלטן און וועלט־מנהיגים.

אין סאַמע תוך האָט ער זייער ליב געהאַט און געהאַט גרויס אָפּשיי פאַר אַקטיווע מענטשן, צי אין דער יידישער אָדער אין דער אַלגעמיינער וועלט. ער האָט געהאַט גרויסע ליבע צו די, וואָס האָבן זיך געריסן איבערצואַנדערשן דאָס לעבן. געווען אַ שונא די „ווייכע מירלס״, וואָס נעמען אַן אַליץ פאַר ליב. אין דער חסידישער וועלט האָט ער זיך פאַרנייגט פאַר די געשטאַלטן, וואָס האָבן נישט יוצא געווען מיט די אַלטע דרכים און האָבן געבראַכט נייע שיטות פון עבודת הבורא. עס איז קיין מאָל נישט אויסגעקומען מיט אים צו רעדן וועגן זיין אייגענער פרומקייט. נישט מען האָט אים געפרעגט און נישט ער האָט דערציילט. אָבער אין די טעג, ווען מען האָט אים נישט געזען, האָט מען אים צום ערשטן געזוכט אין אַ בית־המדרשל, אַ חסידים־שטיבל, ווו מען פלעגט אים זייער אָפט טרעפן זיך וויגן איבער אַ ספר אַ פאַרטיפטער אין זיך און פלעגט אַפילו נישט הערן, ווי מען פלעגט זיך צו אים דערנענטערן.

ער איז תמיד געווען פאַרטראַגן, תמיד זיך דורכגעוויגט דורך די גאַסן און אייביק זיך געשאָקלט ווי אַ לולב אין אַ שטורעם. ליב געהאַט צו זיין צווישן מענטשן, מיט וועמען ער האָט געקאָנט זיצן שעהען און שווייגן. חוץ אויף טלאָמאַצקע דרייצן און אין אַ חסידים־שטיבל האָט מען אים

זייער אָפּט געטראָפן אויפן העכסטן שטאָק פון דער וואַרשעווער אָפּערע, אָדער אונטערן סאַמע דאַך פון דער וואַרשעווער פילהאַרמאָניע. שטענדיק נאָענט צו קאַפּל דוא, דעם גרויסן ידען און מחבר פון ביכער איבער מוזיק, ספּעציעל איבער בעטהאָווען. איידער וואָס־ווען, ווי גיך דאָס שטעקעלע האָט זיך אויפגעהויבן, האָבן שוין שלמה און קאַפּל געקלאַפּט מיט זייערע „קאַמערטאָנען" און האָבן כסדר געציטערט איבער אַ פאַלשן טאָן אין שאָפּענס נאָקטורן, אָדער אין האָפמאַנס „מעשהלעך". נאָך אַזעלכע צוזאַמענ־קומען פלעגן מיר זיך פאַרקלייבן אין אַ קאַוויאַרניע ביי אַ טעפּעלע קאַווע מיט שמאַנט און דאָרט אָפּזיצן ביז „כלחוך השור", פאַרטיפט אין אַ שמועס אין ענינים, וואָס זענען העכער, ווייטער, טיפער פון דער זינדיקער ערד. אין אַזעלכע שמועסן פלעגט שלמה גילבערט זיך צעשפּילן אויף טויזנטער פידלען און אַריינזאָגן אין בינטל זיין גרויס וויסן און טיפן געפיל אין דער וועלט פון תנועה און קלאַנג. עס איז גאַנץ מעגלעך געווען, אַז נאָך אַזעלכע נעכט פלעגט ער גלייך גיין איבער וואַרשע, זיך פאַרקויפן צו אַן אַרבעט, וואָס זאָל אים געבן דאָס פּיצל ברויט צו דערהאַלטן זיין קראַנקן גוף אויף דער ערד.

עס דערמאָנט זיך מיר:

אין די אויפגערוימטע, אויסגעפּוצטע שטיבער פון י. י. טרונק ערגעץ אויף באַגאַטעלאַ גאַס, זענען מיר געזעסן: י. י. טרונק, הערש דוד נאָמבערג, שלמה מענדעלסאָן, שלמה גילבערט און איך. דער וויכוח האָט געברענט. שלמה מענדעלסאָן האָט געאַרט שלמה גילבערטס שווייגן. ער האָט געהאַלטן אין איין פרעגן: אויף ווען וואַרט איר, שלמה? טרונק האָט געגעבן כיבוד, נאָמבערג האָט געמורמלט אַ ניגון און שלמה גילבערט איז אַוועק קיין צפת, דערציילט ווי הייליק איז אַזאַ שטאָט, ווו אַזעלכע גרויסע זאַכן האָבן זיך דאָרט געטאָן אָפּטאָן. ווען עס איז געוואָרן שפּעטלעך, מען האָט זיך אָנגעהויבן קלייבן צו גיין, האָט שלמה מענדעלסאָן אַרויפגעלייגט זיין האַנט איבער שלמה גילבערטס אַקסל און זיך געבעטן ביי אים: וואָס טוט איר, פון וואַנען לעבט איר, ווו וווינט איר, וואָס מאַכן אייערע לונגען?

שלמה גילבערט האָט אונדז משונהדיק אָנגעקוקט און מיט אַ קרומען שמייכל איבער זיין פּנים געזאָגט אין דער שטוב אַריין:

— ווען איך וואָלט אייך געקאָנט די אַלע שאלות פאַרענטפערן, וואָלט דאָך געקומען משיח.

ביים געזעגענען זיך האָט יעדער איינער פון אונדז געוואָלט נעמען שלמה גילבערט צו זיך איבערצושלאָפן די נאַכט. ער האָט זיך נישט געלאָזט פאַרקנסן, באין־אופן נישט. אויף דער גאַס האָט ער אונדז איבער־געלאָזט און אַריין אין דער שטילקייט פון דער דרימלדיקער קרוינשטאָט פון יידיש־פוילן — וואַרשע.

ה

שלמה גילבערט איז געווען אַ שם־דבר נישט נאָר אין דער שרייבע־רישער סביבה, נאָר איבער גאַנץ פוילן, ווו ער פלעגט אַרומפאָרן צו האַלטן זיינע דרשות. ער איז נישט געפאָרן זייער אָפט, ווי אַנדערע שרייבער אין יענער צייט. פשוט: זיין קראַנקשאַפט האָט נישט געלאָזט אים זיך וואַלגערן אין דער פרעמד. ער האָט געוואָלט זיין נענטער צו זיין סביבה, צו דער שרייבערישער משפחה.

ער פלעגט זייער אָפט רעדן מיט מיר וועגן יידישע שרייבער, וואָס זענען געקומען אין דער ליטעראַטור מחוץ מדינת פוילן. ער האָט נישט געהאַט געגנוג קיין ווערטער פון שבח, פון הלל, פאַר דער יידישער ליטע־ראַטור, וואָס איז אויפגעגאַנגען ביים האָדסאָן.

ער האָט ליב געהאַט אהבת־נפש די גאַנצע מחנה יידישע שרייבער, וואָס איז אויפגעקומען נאָך דעם ערשטן וועלטקריג אין דער יידישער וועלט. אַוודאי האָט ער געהאַט אַ גרויסע תשוקה צו טייל יידישע פאָעטן, וואָס האָבן געערעדט צו זיין געמיט. עס איז אים געווען זייער צום האַרצן די פורצי־גדר, וואָס האָבן ווידערשפעניקט מיט זייער ליד.

ער איז נישט געווען קיין פאַרטייער, אָבער ער האָט נישט מורא געהאַט צו זאָגן, אַז ער איז נוטה צו די פאַרטייען, וואָס זענען גרייט צו גיין אויף קידוש השם פאַר זייערע אידעען און אידעאַלן. נישט איין מאָל זענען מיר געשטאַנען אויפן באַלקאָן בשעת עס פלעגן דורכמאַרשירן די מאַי־דעמאָנסטראַציעס פאַר טלאָמאַצקע דרייצן, און שלמה גילבערט פלעגט

מיטזינגען די לידער, וואָס האָבן זיך צעטראָגן אין די הימלען פון די מחנות מאַרשירנדיקע.

ער האָט ליב געהאַט פּוילן, אָבער ער האָט מורא געהאַט פאַר די פּאָליאַקן, נישט געהאַט קיין גלויבן אין זייערע פירער. אויף אונדזערע שפּאַצירן פלעגט ער תמיד אויסמיידן פּאַרוואָרפענע גאַסן, ווייטע פון די גאַסן, ווו יידן האָבן געוווינט.

ער פלעגט זיך זייער אָפט פאַר מיר קלאָגן, אַז ער וואָלט געוואָלט אַוועק פון פּוילן. ער קאָן. ער האָט אַ ברודער אין אַמעריקע, ער קאָן פאָרן קיין ארץ־ישראל. אָבער ער האָט נישט געוואָלט איבערלאָזן זיין מאַמען אויף הפקר, איינע אַליין. ער האָט ליבער געהאַט זיין מאַמען, ווי זיין אייגן לעבן.

עס איז נישט געווען קיין „אָנשטעל" אין זיין שאַפן און נישט אין זיין טאָג־טעגלעכן לעבן. פּשוט, ערלעך און שטענדיק גרייט צו טאָן עפּעס פאַר אַנדערע. בשעת מיר פלעגן ביידע בלאָנדזשען אַרום אייזערנעם טויער, זיך צוקוקן צו די „איבערגעפּאַרענע פון לעבן", די צעטראָטענע, וואָס האָבן אַרומגערינגלט די האַליעס, האָט עס שלמה גילבערט נישט געקאָנט איבער־טראָגן. כאָטש נעם יעדן פון זיי און טראָג אים אויף די הענט צו רפואה און צו זעט.

ער האָט געקענט פאַלן כורעים פאַר אַ קראַנקן, אַ הונגעריקן, אַ בעל־יסורים. געווען גרייט אַוועקצוגעבן דאָס העמד פון זיין לייב און דאָס לעצטע פּיצל ברויט פון זיין האַנט. מיר זענען אַ מאָל געגאַנגען איבער די וואַרשעווער הייף, אין אַ שבת־בייטאָג, זיך צוגעקוקט צו די „גוט־שבת־יידן", מיט די קוישן איבער זייערע אַקסלען, וואָס האָבן גערופן נאָך חלה, ברויט, הילף פאַר די נויטבאַדערפטיקטע, האָט זיי שלמה גילבערט געבענטשט. נישט איין מאָל האָט שלמה גילבערט אַליין געכאַפּט אַ קויש איבער זיינע אַקסלען און זיך אַוועקגעשטעלט אין מיטן אַ וואַרשעווער הויף און זיך צעזונגען: גוט־שבת־יידן, גוט־שבת!

שלמה גילבערט — נישטאָ. פאַרברענט געוואָרן אין דער גרויסער שריפה, דערשטיקט געוואָרן אין די פייערן פון טרעבלינקע. האָב איך דערמאָנט דאָס גרויסע יידישע געשטאַלט. געוואָלט אים געדענקען, ווי

ער איז געווען סיי אין זיין לעבן און סיי אין זיין שאַפערישער וועלט.

ווייל איך דעם שלמה גילבערט־מאמר פאַרענדיקן מיט די ווערטער פון אַ גרויסן פריינד און פאַרערער פון שלמה גילבערט, וואָס האָט אים געמאַכט גרינגער זיינע עולן, וואָס ער האָט מיט אַזוי פיל שטאָלץ אויף זיך געטראָגן און זענען זיךביידע געווען זייער ליב און נאָענט — שלמה מענדעלסאָן.

צווישן די „געשטאַלטן", וואָס ער האָט מזכיר געווען איידער ער איז געשטאָרבן, לייענען מיר אין דעם „שלמה מענדעלסאָן־בוך", אַרויסגעגעבן פון „אונדזער צייט", ניו־יאָרק, ניינצן־ניין־און־פערציק:

„שלמה גילבערט — יידישער נאָוועליסט. אָבער איך וועל איצט נישט כאַראַקטעריזירן גילבערטס אָריגינעלע נאָוועלן. גיכער וועל איך אַרויס־ברענגען דעם אייגנאַרטיקן מענטשן — גילבערט.

אַ שפּיציק פּנים, מיט גליִענדיקע, שטעכיקע אויגן. אַ טיפּ פון אַ מיסיאָנער, וועלכער פּריידיקט די אמתן, צו וועלכע ער איז דערגאַנגען. זיין שרייבן האָט ער אויך באַטראַכט ווי אַ טייל פון זיין מיסיע.

די אידעען? — גאַנץ פּרימיטיווע, אָבער אמתדיקע.

קודם כל — ברענענדיקע שנאה צו דער פאַלשקייט פון דער וועלט. עס שפּאַצירן אַרום איבער דער וועלט אָנגענומענע פאָרמען, וועלכע פאַר־דעקן די אייגענע פאַרדאָרבנקייט. איידלקייט, אונטער וועלכער עס באַהאַלט זיך אַכזריות; טובה־טוערייִ, אונטער וועלכער עס באַהאַלט זיך רשעות; שטילע ווייכע טריט, מיט וועלכע עס באַנוצן זיך וועלף; אויסערלעכע קולטור, וועלכע לעגאַליזירט אינערלעכע פאַרפוילטקייט.

זענען טאַקע אַלע נאָוועלן געווען אַ לויבגעזאַנג צו פּשוטע אָרעמע מענטשן, וועלכע האַלטן אין כסדרדיקן אויפדעקן די אַרומיקע שמוץ. רייכקייט איז אויך אַ פּרימיטיוון אופן ביי גילבערטן געווען אַ סימבאָל פון גייסטיקן ליגן. ער האָט אָנגעשריבן איין דראַמע (געדרוקט אין „צוקונפט") — דאָס איז אַ שיר־השירים צו די איינוווינער פון קעלער, ווו עס לעבן בעטלערס. זיי קומען ביי נאַכט אַהיים פון דער פאַרשטעלטער וועלט און הייבן ערשט דאַן אָן דאָס אמתדיקע לעבן אָן ליגן.

אַזוי האָט ער געשריבן, אַזוי האָט ער געלעבט. ער איז געווען אָפן,

אויפּריכטיק מיט מענטשן, און דעריבער האַרט און שאַרף. ער האָט מיט פאַראַכטונג זיך באַצויגן צו אַלע איינגעשטעלטע פאָרמען.

ער האָט געלעבט אין דחקות, אָבער אים האָט געצויגן צום פּשוטן פאָלק, וואָס איז נישט פאַרדאָרבן. דער שרייבער גילבערט ווערט דעריבער אַ טרעגער. שטייט אין גאַס, טראָגט אָפּ פּעקלעך און קאַסטנס. דאָס פּנים שטראַלט ביי אים, הגם די קראַנקע לונגען דאַקוטשען.

אין אַ געוויסן פּעריאָד פון זיין לעבן אַנטלויפט ער פון דער רווישיקער, ליגנערישער וועלט. ער הייבט זיך אָן צו פאַרנעמען מיט ספּיריטיזם. זיצט גאַנצע נעכט אין איינזאַמע ערטער און איבט זיין געדולד. ער זוכט אַ וועג צו דער וועלט פון גייסטער.

גילבערט איז, פאַרשטייט זיך, געבליבן אין פּוילן. מיר ווייסן נישט, ווו און ביי וועלכע באַדינגונגען די נאַציס האָבן אים אומגעבראַכט. עס קאָן זיין, אַז אין גאַס גאָר, ווען ער האָט צוזאַמען מיט זיינע חברים טרעגערס געשלאָגן זיך מיט אַ נאַצי־הענקער. אָדער אפשר איז ער אומגעקומען מיט אַן איראָנישן שמייכל אויפן פּנים".

„צוקונפט", מאַרץ 1967

עוזר וואַרשאַווסקי

א

איידער איך וועל נעמען רעדן וועגן דעם מחבר, איידער כ'וועל עפענען די „שמוגלאַרס", וואָס די ערשטע אויפלאַגע האָט אַרויסגעגעבן יצחק מאיר ווייסנבערג, אין יאָר ביינצן־צוואַנציק, און אין ניינצן־זעקס־און צוואַנציק האָט שוין דער ווילנער פאַרלאַג פון ב. קלעצקין געהאַלטן ביי דער פערטער אויפלאַגע און — דער „ראָמאַן אין דריי טיילן" איז אַוועק איבער דער יידישער וועלט אין די טויזנטער, צענער טויזנטער, און דער מחבר איז געוואָרן אַ שם־דבר פאַרן אַוועקשטעלן אין דער יידי־שער ליטעראַטור אַ ניי, גאָר אַן אַנדער יידיש „שטעטל", וואָס האָט צו זיך נישט געהאַט קיין גלייכן — דאַרף מען פריִער נעמען און פונאַנדער־וויקלען די יידישע מאַפּע, אַ קוק טאָן, ווו האָבן מיר געהאַלטן אין דער וועלט, וואָס האָט זיך אָפּגעטאָן אין דער יידישער ליטעראַטור, בפרט אין דער פּראָזע, ביז די „שמוגלאַרס".

אַוודאי וועלן מיר דאַרפן גוט די דאָזיקע מאַפּע בודק זיין, נישט פאַרקוקן, נישט פאַרזען, זיך דערגרונטעווען צו די עיקרים, די דרכים, די גענג פון די הויפּט־יידישע שאַפער, וואָס האָבן שוין ביז דעמאָלט פאַנאַנ־דערגעוויקלט זייערע געצעלטן אינעם יידישן לעבן, און איבער די געצעלטן — די פענער, די צעפלאַטערטע, וואָס האָבן דערציילט פון די בשורות, וואָס יעדער איינער פון זיי האָט געבראַכט אין די יידישע גבולין.

וועלן מיר אויך דאַרפן גוט געדענקען, אַז אַלע אַקציעס וואָס די דאָזיקע שאַפער האָבן דורכגעפירט, אַלע שפילן, וואָס זיי האָבן אויפגעשטעלט, איז אַלץ אָנגעגאַנגען אין יידישן „שטעטל", — דאָ איז געווען דאָס גרויסע שלאַכטפעלד, ווו אַלע מלחמות זענען אויסגעפאָכטן געוואָרן. אין די קליינינקע שייבעלעך פון די קרומע יידישע שטיבער האָבן אַלע גרויסע יידישע זעער געזוכט די אויגן, וואָס זאָלן זיי אויפנעמען, די

הערצער, וואָס זאָלן זיי דערפילן, און די הענט, וואָס זאָלן זיי האַלדזן און וואַרעמען.

דער אַלטער, גרויסער יידישער האַר און באַשיצער, דער דור־דורות־דיקער שומר איבער זיין פאַנאַנדערגעשפּרייט פאָלק אין דער וועלט, איז געווען שטאַרק און זיכער אינעם יידישן „שטעטל". איבער אַלע בתי־כנסת, איבער אַלע בתי־תפילה, איבער אַלע טירן, האָבן געלויכטן די צוויי יידישע לוחות; די פייערדיקע עשרת הדיברות זענען גלייך פון באַרג סיני געקומען אין די „שטעטלעך" פון רוסלאַנד, פּוילן און ליטע — גאָטס הערשאַפט איבער דעם יידישלאַנד אין דער וועלט. אַזוי איז געווען דורות, דור־דורות.

שפּעטער, נאָענט, נענטער, איז דאָס יידישע „שטעטל" פול געוואָרן מיט תשוקות, מיט גרויסע בענקשאַפטן, מיט אידעאַלן און אידעען, מיט פּראָטעסט, מיט ווידערשטאַנד קעגן די עולן אויף יידישע אַקסלען; גענומען זוכן תשובות אויף די גרויסע שאלות, געוואָלט ליכט צו באַשיינען די גרויסע דורותדיקע פינצטערניש; געוואָלט נישט נאָר חומשדיקן טל־השמים, נאָר אַראָפּוואַרפן די קייטן, וואָס פּענטען, זיך געריסן פון גושן, געוואָלט זיך איינגלידערן אין דער גרויסער וועלט. דאַרף מען דאָך דורכגיין ימען, מדבריות, דאַרף מען דאָך פירן בלוטיקע מלחמות מיט די פּרעהס, מיט די נוגשים, דאַרף מען דאָך גיין אין ימען בלוט און טייכן טרערן, מיטן אייגענעם לעבן דורכברעכן געפּאַנצערטע ווענט — גייט מען. דאָס אויפ־געכאַפּטע יידישע „שטעטל" גייט צו דער גאולה, צו אויסלייזונג.

ב

האָט זיך דאָך אין משך פון די דורות „עפּעס" אָפּגעטאָן אין די יידישע שטעט און שטעטלעך. האָט זיך דאָך „עפּעס" אָפּגעשפּילט אין דעם דאָזיקן גרויסן יידישן „שטעטל"־לאַנד, האָבן דאָך מיליאָנען יידישע נפשות געלעבט, געליטן, זיך געראַנגלט, געוויינט, געלאַכט, האָבן דאָך יידן אין די אַלע גושנס דורכגעמאַכט אַזוי פיל נסיונות. איז דאָך „דאָרט" אָנגעגאַנגען אַ לעבן, און מ׳האָט געפירט אייגענע מלוכות, וואָס זאָלן האַלטן אָרדענונג

און באַשיצן דאָס יידישע לעבן, געבויט מעכטיקע פעסטונגען קעגן אַלצדינג, וואָס האָט אויף דעם יידישן לעבן געלויערט.

דאַרף מען, כאָטש בתכלית הקיצור שבקיצורים, רעדן וועגן דעם גרעסטן חידוש אין די לעצטע דורות — דעם נס פון אַן אויפגעגאַנגענער יידישער ליטעראַטור. און אַז מען רעדט וועגן דעם דאָזיקן גרויסן נס, דאַרף מען אויך האָבן די אמונה אין דער שיטה, אַז ליטעראַטור איז לעבן, און קאָן פאַר אונדז אַנטפּלעקן דעם תוכן פון מענטש, דעם גאַנצן „אַפּאַראַט", וואָס באַוועגט דאָס מענטשלעכע לעבן.

קומען מיר צו דער יידישער ליטעראַטור, דאַרפן מיר אָנהייבן גיין פּאַמעלעך, זיך גוט, זייער גוט אַריינטראַכטן אין אַלץ, וואָס די יידישע ליטעראַטור האָט אָנגעבויט.

דאָ קומען מיר אויפן סאַמע שאַרף פונעם חלף. באַלד ווערט פאַר אונדז אַלץ מבולבל, עס לאָזט זיך אַראָפּ איבער אונדזערע אויגן אַ נעפּל, און מיר הייבן אָן מורא צו האָבן דעם „חושך מצרים".

אַוודאי הייבן מיר אָן, ווו מיר דאַרפן, ביי אונדזער זיידן, ר' מענדעלע. דער זייער גוטער זיידע אונדזערער הייבט פאַר אונדז אויף אַ פּאָרהאַנגל און ער באַווייזט אונדז אַ וועלט מיט „קליינע מענטשעלעך", איינגעבויגענע יידעלעך. דער הונגער, די נויט, דאָס גרויסע דחקות פּייניקט זיי אַ גאַנצע וואָך און זיי האָבן קיין מאָל נישט אויף שבת. די דאָזיקע אביונישע וועלט ווערט געפירט, דיריגירט פון אייגננוציקע, גייציקע גבאים פון כלערליי סאָרטן, און די גרעסטע מלחמות, די ביטערסטע שלאַכטן ווערן געפירט צווישן די נוגשים און באַצוווּנגענע אַרום די בימעס אין די יידישע שולן, בתי־מדרשים, חסידים־שטיבלעך, אַפילו אין עזרת־נשים, — איבער די „עליות", איבער „שטעט", איבער הקפות, איבער צעבראָכענע „בענקלעך" אין די קהלישע חדרים.

אונדזער זיידעניו מאָלט זיי טאַקע זייער גוט. ער קען זייער גוט די קונסט פון צוזאַמענשטעלן די פאַרבן, אויפלעבן די קאָלירן. אַלע זיינע יידעלעך רעדן מיט אַ מחיהדיקן יידיש, פירן זייער לעבן אימפּעטיק, הייס, וואַרעם, האַלטן אין איין פאַרמאַכן די לאָדנס איבער זייערע פענצטער, ציטערן פאַר אַ ביסעלע דרויסנדיקע לופט, פאַר אַ ליכט. אין פינצטערניש

זענען זיי נישט זייער „קליינקייט“, זענען קיין מאָל נישט זיך. זיינע יידן זענען געבוירן געוואָרן אין אַ דור־דורותדיקן „קאַבצאַנסק“, הילפלאָזע, פאַסיווע, אָן די מינדסטע השגות, קאָנען אַפילו נישט טועם־טעם זיין פון אַ פיצעלע חלום, אַ שטיקעלע וויזיע, וואָס זאָל גרייכן ווייטער פון זייער אייגענער שוועל, פון זייערע דלותדיקע דלד־אמות.

אַזוי האָט זיי אונדזער מענדעלע געזען און אַזוי האָט ער זיי אונדז דערלאַנגט. ער האָט גאָרנישט פון זיי אַראָפּגענומען און גאָרנישט צו זיי צוגעלייגט.

דאָס איז דאָס קעניגרייך, די יידישע מלוכה, דאָס יידישע לעבן — „קאַבצאַנסק“, דאָס יידישע „שטעטל“.

ג

מיט „קאַבצאַנסק“ הייבט זיך דאָך נישט אָן און ענדיקט זיך נישט אונדזער יידישע וועלט. עס זענען דאָ, ב"ה נאָך יידישע שטעט און שטעטלעך, נאָך אַ גרויס יידיש לאַנד.

איז געקומען אַ „רייכער פעטער“, אַ ייד אַ חכם, אַ „קופּיעץ“ און האָט אין דעם אַלטן יידישן „קאַבצאַנסק“, געפונען אַ גרויסן יידישן אוצר — יידן לאַכן. עס האָט זיך צעטראָגן איבער דער גרויסער וועלט, איבער אַלע מויערן און דעכער, אַריינגעדרונגען אין אַלע ווינקעלעך דאָס גרויסע יידישע געלעכטער.

נאָך „עפּעס“ האָט דער קלוגער פעטער אויסגעפונען אין דעם יידיש־לאַנד: באַוועגונג. יידן זענען נישט פּאַסיוו. עס איז טאַקע דאָס זעלביקע שטייענדיקע וואַסער, ווי אין קאַבצאַנסק — „שטעטל“ — דער עיקר פון אַלע עיקרים זענען טאַקע די שלאַכטן איבער אַ „קהילה־בענקל“, אָבער יידן זענען שוין אויף דער „בירזשע“, האַנדלען שוין מיט „וועלט־אַקציעס“ און — זיי באַוועגן זיך. יידן האָבן שוין „פאַנטאַזיעס“, חלומות, האָבן שוין „וויזיע“.

דאָס לאַכן איז אַליין אַ גאָר גרויס עובדא. מען שלאָגט יידן, מען מאַכט אויף זיי פּאָגראָמען, מען טרייבט זיי אין תחום־המושב, זיי טאָרן כמעט אין ערגעץ נישט אַריינשטעלן קיין פוס, אָבער עס גייט זיי אָן ווי דער

נעכטיקער שניי. פון אַלע געברענטע צרות לאַכן זיי זיך אויס, זיי פאַרדעקן מיט אַ האַלבן עם־הארצישן פסוק די גרעסטע ווונדן זייערע. יידן זענען זיך קיין מאָל נישט מיאש; אַ יידענע איבערן פייערטאָפּ פאַרקויפט בטחון.

דעם גרעסטן בעל־בטחון אין דער גאָרער וועלט האָט אויף אַ גילדענעם טעלער געטאָן אַ שטעל אַוועק אונדזער קלוגער „פעטער" — שלום־עליכם.

נישטאָ און עס קאָן גאָרנישט זיין קיין פאַרגלייך צו אים. ער פליט, ער גייט, ער לויפט, ווו עס איז דאָ אַ כמאַרע, צעבלאָזט ער זי. דערצו איז ער אַ קינסטלער אַ בעל־חלומות. בשעת ער חלומט, איז ער דער באַלעבאָס פון דעם גאַנצן כדור־הארץ. נישטאָ פאַר אים קיין פאַרבאָרגנקייט, וואָס זיין חלום זאָל נישט קאָנען אַנטפלעקן. אלא, עס לאָזט זיך פון אַלע חלומות אויס אַן אויסגעבלאָזן איי? אָבער דער חלום אַליין איז אַ גרויסער ענין, אַ יש.

אין סאַמע תוך איז עס אויך אַזאַ מין פּאַסיווקייט, אַ שטייענדיק וואַסער, ווי אין „קאַבצאַנסק"־שטעטל, אָבער עס רודערט זיך, די געשעפטן גייען. קיין פּרנסה איז טאַקע נישטאָ, אָבער מען האַלט די האַנט אין זעקל קאָרן אויפן יאַריד, מען קוקט אין די ציין פון די פערד, מען איז אַ מעקלער, אַ ראָד אויף דעם גרויסן וועלטוואָגן.

דער עיקר אין דער וועלט, בפרט אין דעם יידישן „שטעטל"־לאַנד, איז נישט דאָס לעבן גופא, נישט די תשוקות צו אַן אַנדער לעבן, נישט דער חשק און פאַרלאַנג פאַר אַנדערשקייט, פאַר וויזיע, פאַר חלום צו דערזען זיך אין אַ לעבעדיקער, אַקטיווער גרויסער וועלט, נאָר אַבי מען לאַכט. ווערט טאַקע זייער אָפּט פון דעם גרויסן יידישן געלעכטער דאָס באַרימטע „יאַשטשערקע־געלעכטער".

אָבער מען מאַכט זיך נישט וויסנדיק, אַז עס איז חוזק איבער זיך אַליין. ווער קאָן דען דערזען און דערקענען דעם חוזק, ווען עס צעטראָגט זיך דאָס גרויסע צערעשטע געלעכטער פון אַ פאָלק, וואָס איז תמיד איינגעוויקלט אין כמאַרעס, אין אַ חושך, און טאַפּשעט זיך אין די זומפּן פון אַ ביי „שטעטל" אין יידיש־לאַנד — קאַסרילעווקע הייסט עס. אין סאַמע תוך איז עס דאָס אַלטע „קאַבצאַנסק", די זעלביקע „קליינע מענטשעלעך". אָבער — זיי זענען נישט פאַרמרהשחורהט, חס־ושלום, זיי לאַכן. דאָ, אין

קאַסרילעווקע, איז אויך נישטאָ קיין פּלעשער י״ש, אָבער דאָ איז שוין דאָ די פרייד פון ריוח, דאָ איז שוין דאָ חלום, וויזיע, דאָ האָט זיך שוין געעפנט אַ שפּאַרע און עס גייט שוין אַריין אַ ביסל פרישע לופט.

ד

האָט זיך אַזוי־אָ, נישט מיר־ נישט דיר, אַ באַוויייז געטאָן אויפן יידישן הימל אַ באַזונדער, גאָר אַנדערש לעבעדיק יידיש „שטעטל". טאַקע אַזוי האָט עס געהייסן, אַזוי איז עס געקומען, און יידיש־לאַנד איז געוואָרן זייער פאַרחידושט. עס איז געשען דער וווּנדער, יידן האָבן זיך נישט אָנגעהויבן צו דערקענען.

נישט אָט־די ביידע „שטעטלעך" אינעם יידיש־לאַנד האָבן אפילו געהאַט וואָס עס איז פאַר אַ פאַרגלייך מיט דעם־אָ „שטעטל", וואָס איז אַזוי ראַפּטעם אַ קום געטאָן, ווו עס האָט געלעבט און געאָטעמט אַ יידיש לעבן, וואָס האָט שוין געהאַט אַרום זיך פעלדער, גערטנער, ביימער און גראָזן, וואַסערן און פעלדער, דערהויפּט: לעבעדיקע יידן. זיי וויסן טאַקע אויך פון אַ מלחמהלע אַרום אַ מפטיר, אַ שישי, אַ פעטע הקפה, אָבער די יידן לעבן. זיי האַנדלען, פירן מסחרים. מען זעט שוין אין דעם „שטעטל" יידישן שטאַט, יידישן יחוס און יידיש גבירשאַפט.

נאָך:

אין דעם „שטעטל" זעט מען שוין נשים. נישט ביי די פייערטעפּ, נישט די טיקערנס אין די מקוואות, נישט די גאַבעטעס, די זאָגערינס, די קלאָגערינס און די כשר־פאַדעם־מעסטער. מען זעט שוין אין דעם „שטעטל" יידישע פרויען, וואָס פוצן זיך געפעלן צו ווערן, בענקען שוין נאָך ליבע.

די גרויע וואָך פון „קאַבצאַנסק" און „קאַסרילעווקע" איז דאָ אין „שטעטל" אויך דאָ, אָבער אין די הינטערגעסלעך, אין מלך־אביונס גיטער. מען דאַרף איר אָפּשטאָטן אַ וויזיט, זי איז נישט גלייך אויף דער האַנט, נישט בריש־גלי.

ווי אַזוי האָט מען דאָס „שטעטל" אויפגענומען? אדרבא, לאָמיר הערן. פּונקט ווי יידן האָבן זיך דערשראָקן פאַרן „קאַבצאַנסקער" דלות, פאַר די „קליינע יידעלעך", זייער אייביקן יאוש, פּונקט ווי יידן איז שווער געווען

צו פאַרנעמען אַ כסדרדיק לאַכן, ווי דאָס וואָלט טאַקע פאַרענטפערט אַלע שאלות, אַזוי האָבן יידן באַקומען פחד פאַר דעם אייביקן יום־טוב, וואָס האָט זיך געטראָגן פון ביידעם „שטעטל״. פונקט ווי דער מעמד אין די פריערדיקע צוויי „שטעטעלעך״ איז געווען שלא כדרך הטבע, אַזוי איז דער גרויסער יום־טוב פון דעם ביידעם „שטעטל״ געווען צו יום־טובדיק. די געגרייטע טישן אין די באַלעבאַטישע הייזער, די אַרויסלייכטנדיקע שבת־ליכט פון די גבירישע פענצטער, די ציכטיק־אויסגעפוצטע שטיבער, די אויסגעצירטע מאַמעס און טעכטער, די גרויסע יידישע סוחרים, וואָס האָבן אַ גאַנצע וואָך געפירט זייערע מסחרים אין דער וועלט און זיך אַריינגעפאַרן אין זייערע קאַטשן אויף שבת. עס איז געווען צו פיל יום־טוב. אין סאַמע תוך איז דאָך עס געווען דאָס זעלבע „שטעטל״, וואָס האָט ערשט־נעכטן זיך געבאָדן אין אַן אייביקער וואָכעדיקייט, וואָס האָט פאַראומערט און פאַרחושכט דאָס יידישע לעבן.

שלום אַש — ער האָט אָבער נישט געשוויגן. ער האָט געדאַרפט איינ־נעמען די יידישע וועלט. איז ער באַלד געקומען מיט „שלמה נגיד״, טאַקע דאָס זעלבע „שטעטל״ נאָר נאָך פאַרריסענער, נאָך מער יום־טובדיק, נאָך מער קדושה, נאָך מער עלית־נשמה, נאָך מער גרויסער יידישער ניגון אין דער וועלט. עס איז געווען אין שלום אַשס „שטעטל״ נשמה־יתירה, וואָס יידן האָבן צו דעם זיך געצויגן אין אַ שטומער בענקשאַפט דורך דור־דורות.

ה

דער גרויסער יום־טוב אין שלום אַשס „שטעטל״ איז אָבער פאַרשטערט געוואָרן. עס איז געקומען אינעם יידישן לעבן דאָס רעאַליסטיש־וואָכעדיקע „שטעטל״ פון יצחק ווייסנבערג. עס האָט אַ שלאָג געטאָן אַ גרויסע היץ פון די צעברויזטע יידישע אַרבעטער אינעם „שטעטל״. אויב אין שלום אַשס „שטעטל״ האָבן זיך אַפילו די זאַנגען אויף די פעלדער געבויגן פאַר ר׳ יחזקאל גאַמבינער — אין ווייסנבערגס „שטעטל״ בייגן זיך נישט אַפילו די אַרבעטער־קעפ קעגן די תקיפות פון די באַלעבאַטים. נישטאָ שוין אין ווייסנבערגס „שטעטל״ די פאַרחלומטע ראָמאַנטיק, וואָס מאַכט קדושימדיקער די מענטשן אין שלום אַשס „שטעטל״. עס איז יאָ דאָ די גרויע וואָך פון

יידישן אַרבעטער־לעבן: עס איז דאָ שוין אין דעם „שטעטל" די „קלאַסן־מלחמה, דער גערעַנגל פאַר „אַ בכבודיק לעבן, פאַר ברויט און מענטשלע־כער באַהאַנדלונג".

אין ווייסנבערגס „שטעטל" זענען שוין דאָ לעבעדיקע אַקטיווע מענטשן, יידן, וואָס זענען אין קיין שום פּרט נישט גלייך צו די „קאַבצאַנסקער" און „קאַסרילעווקער". אין ווייסנבערגס ביי יידיש „שטעטל" שפּילן זיך נאָך אויך זייער אַ סך שפּילן אָפּ אין די בתי־מדרשים, אין די שולן, אויף די בית־עלמינס. אָבער דאָ פּירט מען שוין נישט קיין מלחמות אַרום אַ „שלישי", אַרום אַן „עוזר דלים". ניין, דאָ האַלט מען שוין אָפּ געהיימע פאַרזאַמלונגען, ווו מען אָרגאַניזירט בונטן נישט נאָר קעגן דעם „יידישן קלער", נאָר אויך דעם „פינצטערן קלער" פון די „צאַרישע משרתים". אויב אין „קאַבצאַנסק", אין „קאַסרילעווקע" ציטערן יידן פאַר אַ „קנעפּל", גייען שוין יידן אין ווייסנבערגס „שטעטל" „מיט געהויבענע קעפּ" קיין סיביר, אויף פאַרשיקונג, אין די תפיסות. דאָ זעט מען שוין יידישע גבורה און גרייטקייט צו גיין אויף קידוש־השם פאַר דער באַפרייונג פונעם „ייד און מענטש".

איז דאָך ווייסנבערגס „שטעטל", אין תוך אויך געווען דאָס זעלביקע ווי מענדעלעס, שלום־עליכמס און שלום אַשס. יאָ, דאָס זעלביקע, אָבער אַן אַנדער איז געווען דער ייד — אַ באַלמעלאָכע, אַ האַלצהעקער, אַ וואַסער־טרעגער, דער שוסטער, דער שניידער, דער שמיד.

די יידן זענען אויך געווען אין יענע „שטעטלעך", אָבער — נישט אונדזער זיידע ר' מענדעלע, נישט אונדזער „רייכער פעטער", דער „קור־פיעץ", שלום־עליכם, און אַוודאי און אַוודאי נישט דער שמן־זיתדיקער שלום אַש האָט זיך אויף זיי אומגעקוקט. אַלע דריי האָבן דאָך געזוכט אינעם יידישן לעבן דאָס נישט־נאַטירלעכע, נישט דאָזיקע, האָבן זיי זיי נישט געקאָנט דערזען. דער געזונטער, דער ערדישער יצחק מאיר ווייסנבערג האָט זיי יאָ דערזען און אַריינגעפירט אין אונדזער גרויס יידיש־לאַנד.

ו

מ'דאַרף דערמאָנען, אַז די אַלע „שטעטלעך" זענען שוין געקומען אינעם

יידישן לעבן, נאָך די גרויסע דורכפאַלן פון אַלע גרויסע אויפשטאַנדן קעגן דער צאַרישער ממשלה. עס האָט זיך געפּילט אַ גרויסע אַפּהעטיקייט. אַ גרויסער יאוש איבער אַלע חלומות און האָפענונגען צו גאולה.

די אומות־העולמדיקע וועלט האָט זיך געקוויקט מיט „סאַנינען" און פאַרזשלאָקעט איר דורכפאַל מיט דעם „ביטערן טראָפּן". יידן האָבן זיך געוויגט איבער „אַפּגאַנג" און „נאָך אַלעמען" — דוד בערגעלסאָנס ניי־חריפותדיק יידיש „שטעטל". אַ גאַר אַנדערע מגילה האָט זיך פונאַנדער־געוויקלט אין בערגעלסאָנס „שטעטל". דאָרט זענען זיך צוזאַמענגעקומען אַלע צעשלאָגענע פון די גרויסע שלאַכטן פאַר באַפרייונג, געקומען מיט זייערע אָפענע ווונדן פון „ראַקיטנע" — אין די „שטעטלעך", ווו נישט מען לעבט, נישט מען שטאַרבט, נאָר מען גוססט.

דאָ זענען שוין מער נישטאָ די „קליינע מענטשעלעך" פון מענדעלעס „קאַבצאַנסק"; נישטאָ דאָ שוין מער די צעחושטע און פאַרטראָגענע מנחם מענדלס, וואָס האַלטן אין איין בויען שלעסער אין דער לופט; דאָ פירן שוין מער נישט קיין שטאָט די שלמה נגידס, די יחזקאל גאָמבינערס; מען זעט דאָ אַפילו נישט די גבורה און די געזונטע פאָלקס־כוחות פון ווייסנ־בערגס „שטעטל".

דאָ איז שוין דער הויפּט־העלד מלך, וואָס פאַרקלייבט זיך אין זיין אַפּטייקל, הינטער די ווייסע פאָרהאַנגלעך איבער די קליינע פענצטערלעך, די פאָרהאַנגלעך, וואָס זענען געציכטיקט פון די מירל־הענט. דאָ לייזט ער זיך אויס פון אַלע ספקות, פון אַלע שאלות, מאַכט אַליין פאַר זיך זיין סם, נעמט צו ביסלעך, בכדי צו דערפּילן דעם טויט אין זיין „שלימות" און פאַר־לאָזט די וועלט פון מרידות, אויפשטאַנדן, דורכפאַלן, קאָן אַפילו דעם יאוש נישט איבערטראָגן — עס איז כלו כל הקיצין.

קומט חיים משה זיך דערוויסן „פאַר וואָס"? און דערגייט אין דעם שרייבער־שטיבל, אין וואַלד; גייט אַרויף אויפן דאַך, זעצט זיך צו לעבן דעם צעשויבערטן ייד, וואָס קוקט דורכן שפּאַקטיוו צו די שטערן, וויל מיט אים רעדן, זיך נאָכפרעגן, זיך דערוויסן וועגן מלכס מעמד קודם המעשה; זיצט אָפּ מיטן „שרייבער" אַ גאַנצע נאַכט. קומט דער פרימאָרגן, זאָגט ער

אים: וויל מיט אייך עפּעס שמועסן. ענטפערט אים אָפּ דער ייד אויפן דאָך: נישטאָ, נישטאָ וואָס צו שמועסן, שוין אַלץ אָפּגעשמועסט.

ז

איז געקומען דער וועלטקריג. דייטשישע חיילות האָבן פאַרנומען אַ האַלבע וועלט, אָקופּירט פּוילן, אויסגעליידיקט די שייערן פון די תבואות, פון דעם האָב און גוטס. ווילהעלמס זשאַנדאַרן האָבן געריסן די קופּערנע האַנטפאַסן (כיורס) פון יידישע בתי־תפילות, אַראָפּגענומען די הענגלייכ־טער, די בענטשלייכטער פון די יידישע שבת־טישן; געטריבן די יידישע שטעט און שטעטלעך זיך צו „אַנטלויזן". אין דעם יידישן תחום האָבן גע־בושעוועט הונגער און מגיפות. יידן האָבן געאָכצט אונטערן יאָך. געשטאַנען פאַר אַ תהום, פאַר אונטערגאַנג, פאַר אומקום.

נאָך:

מלכות־פּרץ איז געווען איינגעבראָכן, דער יידישער שרייבער — פאַר־אָבלט, יידישע מנהיגים — מאַכטלאָז. דאָס „פאָלק" איז געבליבן כצאן בלי רועה.

האָט זיך פון די סאַמע טיפענישן פון יידישן פאָלקסלעבן דערהערט אַ רוף: לא אמות כי אחיה! נישט אונטערגיין, נישט אומקומען פיזיש זיך דערהאַלטן. טאָן אַלצדינג אין דער וועלט, זיך אַרויסצורייסן פון דעם ווילדן הונגערקלעם, זיך באַפרייען פון דער פרעסנדיקער נויט.

און עס האָט זיך אָנגעהויבן דער גרעסטער געראַנגל אין דער געשיכטע פונעם יידישן „שטעטל" אין מדינת פּוילן. דאָס „פאָלק" האָט אָנגעהויבן צעברעכן די לוחות, אַראָפּרייסן די פּרוכתן און — אַריינגעשטעלט אין די יידישע בתי־מקדשים דעם אַלטן עגל. עס האָט זיך אָנגעהויבן דער גרויסער געיעג נאָך זעט, נאָך אַלע תענוגי עולם הזה, נאָך — לעבן.

דאָס יידישע „שטעטל" איז אַריבער אין די הענט פון דעם יידישן „אָפּ־גרונט". אַלץ האָט געקניט, געפאַלן כורעים פאַר די אויפגעריטענע אויף דעם הפקר־לעבן.

ח

אין די דאָזיקע יאָרן איז געזעסן אַ מענטש אין אַ יידיש שטעטל, אַ שטעטל, וואָס האָט געשמט אין דער יידישער וועלט מיט גאונות, תורה און אצילות, און אויסגעקריצט די געשעענישן, זיי זאָלן בלייבן די עדות פון דער גרויסער טראַגעדיע, וואָס האָט זיך אָפּגעשפּיגלט אין די יידישע שטעט און שטעטלעך: עס זאָל בלייבן אַ פּנקס און אַ התראה לדור־דורות, לעולם ועד.

איז זיך געזעסן אין דער שטאָט פון „אברהמעלע סאָכאַטשאָווער" אַ שטילער ייד, אַ יונגער, אַ זיידענער, אַליין געשטאַמט פון יחוס, געווען אַליין אַ למדן צו קאָנען ווערן אַ לערער, אַ מדריך פון אַנדערע. און אויף אים איז געפאַלן דער גורל אָוועקצושטעלן אינעם יידישן דור־דורותדיקן לעבן אַ ניי יידיש „שטעטל" — „שמוגלאַרס".

יידיש־לאַנד איז צערודערט געוואָרן, האָט נישט געקאָנט משׂיג זיין, נישט געקאָנט תופס זיין פון וואַנען עס האָט זיך פּלוצלונג דערנומען אַזאַ רוּזקייט, אַזאַ אַכזריותדיקע הפקרות אין דעם יידישן מענטש. עס איז געווען אַפילו אַ סברא, אַז דער מחבר האָט געמאָלן זיינע מענטשן אין „שמוגלאַרס" נאָך רויער, נאָך הפקרדיקער, ווי זיי זענען אין דער אמתן געווען. קיינער האָט אָבער נישט געפסקנט, אַז מיט „שמוגלאַרס" איז אָנגעקומען אין דער יידישער פּראָזע אַ נייער גרויסער כוח, מיט אַן אייגענעם נוסח, אַ גאָר באַזונדערן דרך אין דער ליטעראַטור אונדזערער.

עס איז טאַקע געווען אַ חידוש, אַ גאָר גרויסער הידוש אין די „שמוג־לאַרס". דער אופן פון דערציילן די מעשׂה איז פּונקט אַזוי „נאַקעט", ווי עס זענען די געשטאַלטן, וואָס שפּילן אין דער שפּיל. דאָס לשון אַזוי רוי און טרוקן, ווי עס זענען די מעשׂים פון די יידן אין דעם בוך. באַלד אויפן ערשטן בלעטל ווערט אונדז קאַלט אין די ביינער. עוזר וואַרשאַווסקי פירט אונדז אַריין אין דער אַקציע, וואָס טוט זיך אָפּ אין יענער מיטנדאַכט, ווען עס כאַפּט זיך אויף דער הויפּטהעלד:

„פאַנטלען ווערט הייס פון ליגן צוגעדעקט ביז איבער דער נאָז, הייבט ער אונטער אַ קליין שטיקעלע דעק און די קאַלטע לופט טריקנט אים איבער דער הויט. אויפן גאַנצן קרעפּטיקן קערפּער זיינעם גייט עפּעס אַ מחיהדיק

לופטעלע אַרום. נאָר באַלד גיט ער אַ קוק אויף דער געפּרווירענער שויב. כאַפּט צוריק אַרונטער די אויסגעקילטע האַנט, דעקט זיך גוט איין און דער־פילט די מחיהדיקע וואַרעמקייט.

באַלד שוויצט שוין ביי אים איין האַנט, דערנאָך די צווייטע, דערנאָך דער גאַנצער קערפּער. די עקן פון די קורצע, האַרטע און שוואַרצלעכע הערעלעך אויפן קאָפּ און אויפן פּנים גלאַנצן, ווי דער טוי וואָלט אויף זיי געלעגן. ער הייבט אָן באַוועגן מיט די קורצע קרעפּטיקע פיס, גיט זיי אַ קורטשע־איין און אַ ציי־אויס, פונקט ווי ער וואָלט געוואָלט זיך אַ לאָז געבן ווי אַ פערדל אויף דער לאָנקע, און נאָך אַ מאָל זיי אַ קורטשע־איין און נאָך אַ מאָל אַ ציי־אויס.

— לייג זיך אין דר׳ערד אַריין, פּאַנטל גנב! — שרייט צו אים דאָס ווייב — צעפּליקט ס׳שטיקל איינשניט, וואָס האַלט זיך נאָך קוים.

אָבער פּאַנטל גנב הערט איצט גאָרנישט, ער קאַפּעט כסדר אין בעט־געוואַנט, ער פילט זיך, ווי אַ פישל אין וואַסער, און אפשר איז ער פאַרטאָן עפּעס אין אַ רעיון אויך... אפשר וועגן פּרנסה...

— וואָלסט געברויכט צו האָבן אַ נייעם שפּאַנצער, — רופט ער זיך פּלוצלונג אָן, און זיין קול איז אַזוי ווייך, אויף וויפל פּאַנטלס קול קאָן נאָר — דער איז שוין אין גאַנצן צעריסן...

און אַז זי רעדט גאָרנישט, ווערט ער אויך אַנטשוויגן און לאָזט זיך אַריין אין רעיונות וועגן אַ סך גוטע זאַכן; וועגן אַ בעסער לעבן און וועגן אַ גרויסער, ברייטער פּרנסה.

אויך זי דערמאָנט זיך טאַקע, אַז ס׳איז שוין די העכסטע צייט, וואָס מען דאַרף זיך נעמען פאַר עפּעס, נישט אַזוי צו זיצן... די קאָליע גיט דאָך היינט גאָרנישט... וואָסער אויף קאַשע... און דאָ איז שוין אַלצדינג צעפּליקט, צעריסן... מ׳דאַרף האָבן וועש, שוכוואַרג, קוילן און האָלץ... און מ׳דאַרף און מ׳דאַרף...

און ביי פּאַנטלען ווערט פאַרטיק אַ גאַנצער פּלאַן... „נישקשה, גאָט וועט העלפן...״ און ער שפּרינגט אַרויס פון בעט און עס אַרט אים נישט אויף אַ האָר צו מאָל די קעלט.

ער וויקלט אַרום די פיס מיט לאַנגע אָניצעס, ווי די האַנטעכער, ציט

אַרויף די שטיוול און מיטן טאָג צוגלייך איז ער שוין אין שטאַל, ווו ער פּאָיעט די פערד".

מיט אָט־דעם־אָ קאַפּיטל הייבט עוזר וואַרשאַווסקי אָן זיין „עפּאָפּייע" פון דער גרויסער טראַגעדיע, וואָס האָט זיך אָפּגעשפּילט אינעם יידישן לעבן אין מדינת פּוילן.

אין אַלע דריי טיילן פון „שמוגלאַרס" האַלט אין איין שטייגן דער אימפּעט, דער געלאָף פון אַ גרויסן שמוגל איבער וועגן און שטעגן, פעל־דער און וועלדער, וואָס ווערט געפירט מיט גרויס „סטראַטעגיע" זיך אַרויס־צודרייען, נישט אַריינצופאַלן אין די הענט פון דער דייטשישער מאַכט. אין אַלע דריי טיילן ווערן געפירט מלחמות, בלוטיקע שלאַכטן איבער מאַכט, הערשאַפט, פירערשאַפט אין דער שמוגל־וועלט.

בהדרגהדיק בויט עוזר וואַרשאַווסקי די שמוגל־אימפּעריע אין יידישן שטעטל, ברענגט אַרויס לעבעדיק, אויסגעהאַקט פון שטיין, די אַלע „פּאַנ־טלס", די „קאַפּלס", די „פּייוקעס", די „מענדלס", אַלע כנופיהס, וואָס קומען אויף און באַטייליקן זיך אין דעם צעווילדעוועטן שמוגל־טאַנץ, ווו עס שווינדלט דער אָפּגלאַנץ פון גזלנות, רשעות, הפקרות, זנות און אויס־געלאַסנקייט. עוזר וואַרשאַווסקי מאָלט אויך אין „שמוגלאַרס" דעם צעפּאַל פון דער מזרח־וואַנט אין יידישן „שטעטל", ווייזט אונדז דעם כוח פון היג־טערגעסל אינעם יידישן לעבן.

נישטאָ אין „שמוגלאַרס" קיין שום סימן פון אַ העכערער וועלט, פון אַ גייסטיק לעבן; נישטאָ דער מינדסטער אָנטייט אויף חרטה, אויף חשבון, וואָס זאָל צוריקפירן דעם „המון" צו אַ דרך הישר.

אין דעם שמוגל־געווירבל ווערן אויך אַריינגעפירט נישט קיין יידישע זונות, הפקר־מיידן, וואָס פאַרשאַרפן נאָך מער דאָס הפקרדיקע לעבן פון די שמוגלערס. די יידישע היים ווערט אומווירדיק, פאַרלירט דעם דורותדיקן עיקר, דעם יידישן תוכן. דער יידישער שמוגלער פאַרלירט זיין צלם־אלהים, און אַפילו ווען עס קומען אין די שמוגלער־מחנות יידן פון „העכערן קלאַס", יידן לומדים, שיינע יידן, צניעותדיקע יידישע טעכטער, ווערן זיי צעטראָטן אין דעם געיעג, ווערן צעריבן אונטער די רעדער פון דעם גרויסן הפקר.

„רייטשל, אַ נאַקעטע, שטייט אויסגעדרייט פון זיי און וויקלט זיך אַרום מיט שטיקער פלייש, פון וואָס ס'רינט נאָך דאָס בלוט. זי וויקלט אַרום די בריסטן, אַרום בויך און אַרום די פיס. די פלאַטשיקע שטיקער קיל־נאַסע פלייש קלעפן זיך אָן צו איר וואַרעמער הויט און תוך־כדי־דיבור נעמט גיין פון זיי אַ פּאַרע. זי וויקלט און זי בינדט נאָך אַרום יעדעס שטיק באַזונדער מיט אַ שטריק איבער די אַקסלען און פאַרפעסטיקט זיי איינס צום אַנדערן".

אַזוי־אַ איז דאָס גאַנצע שטעטל געגאַנגען צו דער זעט, צו דעם גרויסן כישוף, וואָס האָט געצויגן. יידן זענען געוואָרן „פּראָפּאַנאַטאָרן" און צוגעשטעלט דעם ביטערן טראָפּן. עס זענען אויך געווען יידן, וואָס האָבן ביי די בראָנפן־מאַשינען אויסגעזאָגט הונדערטער מאָל דעם „תהילים" צו ווערן באַשירעמט פון די מוסרים און „כאַפּער".

פון די יידישע שטעטלעך האָט זיך צעטראָגן אַ גאָר אַנדער געזאַנג, אַ גאָר אַנדער ליד:

ז'מיאַסטעטשקאַ וויעזשדזשאַמי,
נאַ וואָזו שמוקעל נאַקלאַדאַמי,
אוי טשי דריפּטשו — טשיפּטשו,
טשי דריפּטשו — טשיפּטשו — האָפּ!

אַזויערנאָך איז געגאַנגען דאָס געזאַנג פון די שמוגלערס. אַזוי האָט עוזר וואַרשאַווסקי אויפגעבויט אַ ניי „שטעטל" — אַן אימפּעריע פון יעגער, די בויער פון אַ מגושמדיקער מלוכה אינעם יידישן לעבן.

און ווען דער קריג האָט זיך געענדיקט, האָט זיך די „אימפּעריע" נישט דערשראָקן. פאַרקערט, געווען אַזוי איינגעפונדעוועט, פול מיט אמונה אין זייער נייער „יידישע מלוכה".

— „עץ הערט? — דונערט פאַנטלס מויל — היינט שרייבן מיר אַ תנאים! און מסחר — מסחר, ברודער! נישט געזאָרגט! עץ הערט! איך פאַנטל זאָג ענק: „שמוגל" עט זיך ערשט אָנהייבן — דער רעכטער שמוגל... ביז היינט איז געווען אַ קינדערשפּיל... אַ שיינע חכמה געווען צו שמוגלען... איצטער אָבער, ברודער — עך, פעלטע, פעלטע! כאַפּט ער מיט אַ מאָל

אַרום פעלטען און זיין קול באַפאַרבט זיך מיט די גלאַטיקסטע העלגעלסטע קאַלירן. — עך, ברודער פעלטע! — און זיי האַלטן זיך שויןביידע אין די אָרעמס... און ס'קומט נאָך צו זיי צו גרונמס קאָפ אויך און קאָפלס און יענקלס קאָפּ... נאָר יענקל קוקט מיט די האַלב פאַרגלעזערטע אויגן, ווי דורך אַ חלום. — עץ הערט ברידער! — ווערט מיט אַ מאָל נאָך שטאַרקער פאַנטלס קול — איך, פאַנטל זאָג ענק: איצט וועט זיך אָנהייבן דער אמתער שמוגל... דער רעכטער!...״

ט

האָט עוזר וואַרשאַווסקי אַוועקגעשטעלט די „שמוגלאַרס״ אויף דער סאַמע מזרח־וואַנט פון דער יידישער פּראָזע — מיט זיין נוסח, מיט זיין אופן מאָלן דאָס רויע רויקייט פון זיינע מענטשן, דאָס אַכזריותדיקע נאַקעטקייט פון זייערע מעשׂים, זייער מגושמדיקייט, זייער הוילקייט, אָן אַ שום שטרעבונג צו אַ העכער לעבן, זייער זיכערקייט, אַז די „שמוגלער־מלוכה״ וועט זיין לעולם ועד. עס איז נאָר געווען דער חידוש זייער גרויס, וואָס אַזאַ שטילער, זיידענער מענטש האָט געקאָנט דאָס אַלץ דערזען און אויסטאָקן מיט זיין קינסטלערישער „גליטע״ די־אָ אַלע געשטאַלטן. שפּעטער, נאָך די „שמוגלאַרס״, איז שוין מער פון עוזר וואַרשאַווסקין נישט געקומען קיין שום איבערראַשנדיקע שאַפונג. זיין „שניטצייט״ איז שוין געווען אַ מיטלמעסיקע אַרבעט. אַזוי אויך זיינע דערציילונגען, וואָס ער האָט פאַרעפנטלעכט שוין נאָך זיין אַוועקפאָרן פון פּוילן, לעבנדיק אין פּאַריז. זיינע פּרוּוון צו מאָלעריי, זיין אַריינפאַלן אין דער שיכרות־וועלט און אין דער פּאַריזער לעבוועלט, האָט אים צעבראָכן. חוץ „שמוגלאַרס״, וואָס וועט בלייבן אַ גאָר נייַ און בכלל אַן אַנדער יידיש „שטעטל״, איז עוזר וואַרשאַווסקי שוין מער קינסטלעריש אין ערגעץ נישט דערגאַנגען. אויף ליטעראַרישע מסיבות, ווו ס'איז גערעדט געוואָרן וועגן די דערגרייכונגען אין דער יידישער ליטעראַטור, בפרט אין דער פּראָזע, איז תמיד מיט גרויס אָפּשיי דערמאָנט געוואָרן „שמוגלאַרס״. כאָטש נישט ווייניק אין דער שרייבערישער מחנה האָבן נישט געקאָנט שלום מאַכן מיט אַזאַ נאַקעטן „נאַטוראַליזם״, מיט אַזאַ הויטשינדנדיקן „רעאַליזם״.

שאַרפע ליטעראַטור־מבינים, אַפילו די, וואָס זענען נישט צופרידן גע־וועזן פון דעם סיפור־המעשׂה, האָבן אָבער אויך מודה געווען, אַז עוזר וואַרשאַווסקי האָט געבראַכט מיט זיך אַ נייעם נוסח אין דער יידישער פּראָזע. ער האָט געהאַט דעם כוח צונויפצופּרעסן זיינע מענטשן און ער האָט זייער גוט געמאָלן די לאַנדשאַפט אַרום די מענטשן און געשעענישן אין „שמוגלאַרס".

נישט איינער האָט געטראַכט: הלוואַי וואָלט די פּרשה „שמוגלאַרס" נישט אמת געווען, הלוואַי.

„צוקונפט", מאַי־יוני 1967

פרץ מאַרקיש אין וואַרשע

א

פון וואַנען איז ער געקומען? קיינער האָט נישט געפרעגט. אַלע זע־נען געווען זייער צופרידן, אַז ער איז דאָ. אַפילו די, וואָס האָבן מיט אים געפירט גרויסע מלחמות, שאַרפע וויכוחים איבער זיין דרך אינעם נייעם יידישן ליד, האָבן אים אויך אַרומגערינגלט מיט גרויס ליבשאַפט און יראת הכבוד.

וואָס זשע איז עס געווען אַזוינס אין אים, וואָס האָט אַלעמען פאַר־כישופט און וואָס האָט געבראַכט אַזוי פיל ליכט אין דער יידישער גאַס אין מדינת־פוילן?

האָט מען גענומען וועגן אים קלערן, געוואָלט דערגיין צו זיין ליד, צו זיין וואָרט, האָט מען זיך אויך געמוזט אָפּשטעלן ביי די אַנדערע צוויי, וואָס זענען געקומען כמעט אין דעם זעלבן יאָר אין דער קרוינשטאָט פון יידיש־פוילן, קיין וואַרשע, און האָבן אין דרייען געבראַכט גרויס יום־טוב אינעם יידישן לעבן. זיי זענען געקומען באַזונדער, נישט אָפּגערעדט, אפשר גאָר־נישט געוווסט איינער פון אַנדערן, געקומען און געבראַכט מיט זיך מרידה און צערודערט דעם טיפן טרויער, וואָס עס איז געבליבן נאָכן טויט פון דעם גרויסן רבין אין דער יונגער יידישער ליטעראַטור — יצחק לייבוש פרץ.

פון לעמבערג איז געקומען אורי צבי גרינבערג, פון ווין איז געקומען מלך ראַוויטש און פון יידיש־וואָלין איז געקומען פרץ מאַרקיש. אַלע דריי, יעדער אויף זיין אופן, אויף זיין שטייגער, מיט זיין נוסח; אַלע דריי צו־זאַמען האָבן גענומען אויפבויען דעם טיש, וואָס איז געבליבן אַזוי עלנט נאָך פרצעס טויט און ווידער אָנגעהויבן אַרום אים זאַמלען די זינגער פונעם יידישן ליד, די מחברים פון דער יידישער פראָזע, די טראַכטער פון דער יידישער מחשבה. כאָטש אין סאַמע תוך זענען זיי געווען, אַלע דריי, קינ־

דער פון דער צייט, פון דער שטורעם־און דראַנג־תקופה, וואָס האָט זיך אָפּגעשפּילט אין דער וועלט, אין די יאָרן פון דער וועלט־מלחמה, אין די יאָרן פון רעוואָלוציע און בירגערקריג, פון רדיפות, נגישות און פּאָגראָמען איבער יידישע ישובים, דאָך איז יעדער פון די דריי געווען אין גאַנצן אַנדערש, אַנדערש אין זיין לעבן, אין זיין קוק און תשוקות צו דער וועלט, אַנדערש אין זיין דערציִונג, און ווען זיי האָבן זיך באַוויזן, איז יעדער פון זיי געווען אַפילו אַנדערש אין זיין הלבשה, אַוודאי און אַוודאי אַנדערש אין זיין געזאַנג.

*

אורי צבי גרינבערג איז געקומען פון דער גרויסער יידיש־טראַדיציאָנעלער קולטור, פון ישיבות און בית־המדרש, פון אַלט־שטייגערישער יידיש־פרומער היים, איז פול געווען מיט תורה, מסורה, קבלה און חכמת ישראל, מיט רבנים־יחוס פון דור־דורות. געקומען שוין אַן אָפיציר אין דער עסט־רייכישער אַרמיי, געפירט מלחמה אין דעם „קריג אויף דער ערד", אַליין דורכגעגאַנגען דעם מלחמה־פראָנט, און ווען ער איז געקומען אין ניינצן־איין־און־צוואַנציק קיין וואַרשע, האָט זיין רויטער קאָפּ געפלאַמט מיט מיל־יאָנען מענטשלעכע שקיעות, אויף זיינע ליפּן — דער אַלטער „אב הרחמים" און אין זיין האַרץ — „מעפּיסטאָ". געקומען, זיך געשלייכט איבער די וואַרשעווער גאַסן אַ שטילער, און זיך געזעצט שרייבן לידער. לידער פול מיט פאַרבן פון צעפליקטע יידישע טליתים, שירים מיט כפירה אין דער אַרומיקער וועלט, וואָס רינגלט אַרום דאָס יידישע לעבן און אמונה אין נצח ישראל. געקומען מיט אַ סטאַזש פון אַ לשון־קודשדיקן משורר, וואָס האָט שוין פאַרעפנטלעכט שירים אין די חשובסטע העברעיִשע אויסגאַבעס — איז אויפגעגאַנגען איבער יידיש־פּוילן דאָס געזאַנג, די תנועות, די גרויסע בענקשאַפט פון „פאַרנאַכטנגאָלד" און די בייסנדיקע לעסטערונג פון „מע־פיסטאָ". ער האָט געטאָן זיין עבודה שטיל אָן רעש, אָן טומל, אַזוי־אַ פלעגט ער שוועבן איבער די וואַרשעווער גאַסן, אין אַ צייגן כאַלאַט, אַזוי־אַ איז ער געזעסן אויף טלאָמאַצקע דרייצן, ביי אַ פענצטער, נישט ווייט פון דער קאַנצעלאַריע, ווי אַ פאַרצייטישער ייד, איבער זיינע חיבורים

אויף לשון־יידיש און אויף לשון־קודש. ער האָט זיך זעלטן געוויזן אויף אַ בימה, בכוונה אויסגעמיטן רעש, טומל, און ווען ער האָט זיך שוין אָנגעזעטיקט מיט דער „גרויסער וועלט", האָט ער אָנגעטאָן אַן „אַראַבישע אַבאַיע" און שטיל געזאָגט: „אַדיע, אַדיע, אייראָפּע" אין זיין לעצטן „אַל־באַטראָס", וואָס ער האָט נאָך אַרויסגעגעבן אויף דער אייראָפּעישער ערד. ווען ער איז אַוועק פון פּוילן האָט ער איבערגעלאָזט בירושה „קריג אויף דער ערד", מלחמה־לידער; ער האָט איבערגעלאָזט, געדרוקט אויף ביבעלע־פּאַפּיר, „מעפּיסטאָ" און „פּאַרנאַכטגאָלד", לידער, וואָס זענען געוואָרן דער קנין פון דער לעכצנדיקער יידישער יוגנט נאָך שירה, נאָך ליד, נאָך יידיש געזאַנג.

דאָס איז דער יחוס פון אורי צבי גרינבערג, וועלכער איז אין יענעם בראשית געקומען אין וואַרשע, געוואָרן איינער פון די „גרויסע דריי" און האָט איינגענומען יידיש־פּוילן מיט זיין לעבן, מיט זיין געזאַנג.

*

מלך ראַוויטש — גאָר אַן אַנדערער. געבוירן געוואָרן אין אַ שטוב פון אַ סוחר, אין מזרח־גאַליציע, קיין שולן, קיין חדרים, קיין ישיבות, איז ער נישט דורכגעגאַנגען. לייענען מיר מלך ראַוויטשס „דאָס מעשה־בוך פון מיין לעבן" זעען מיר, אַז ער איז דערצויגן געוואָרן אין אַ ווילקענעוודיקער, אַ זייער אייגנאַרטיקער יידישער היים, אַ קולטור־שטוב מיט אַן איידעלן טיש, וואָס איז מיט גרויס פיינקייט געפירט געוואָרן פון ראַוויטשס מוטער, וועלכע איז אַליין געוואָרן אַ שרייבערין. אין דער שטוב זענען שוין דערצויגן געוואָרן נאָך צוויי ברידער: איינער איז אַ טעטיקער יידישער פּראָזאַיקער, הערץ בערגנער, לעבט אין אויסטראַליע. און ווען ראַוויטשעס ברודער, מוניאַ, וועלכער האָט אין זיך געהאַט גרויסע פעיקייטן, וואָלט אַליין נישט פאַרענדיקט זיין לעבן, וואָלט ער זיכער פאַרנומען זיין אָרט אין דער וועלט פון דער מאַלערישער קונסט. אין דער שטוב איז דערצויגן געוואָרן מלך ראַוויטש. איידער ער איז אין ניינצן־איין־און־צוואַנציק געקומען זיך שוין באַזעצן אין וואַרשע (ער איז שוין געווען אין וואַרשע אין ניינצן־ניינצן, געהאַלטן אַ דרשה אויף טלאָמאַצקע דרייצן און צוריק אַוועק

קיין ווין, אין דער באַנק, ווו ער האָט געלעבט אין אַ וועלט פון ציפערן, חשבונות פון פרעמד פאַרמעגן, אין אַ וועלט פון מסחר און עשירות), האָט שוין ראַוויטש געדינט קנאַפּע דריי יאָר אין עסטרייכישן מיליטער אין דער ערשטער וועלט־מלחמה. געקומען קיין וואַרשע מיט אַ גרויס פעקל זכיות פון אַן אָרגאַניזירער פון יידישע זשורנאַלן און געבראַכט קיין וואַרשע עט־לעכע לידער־ביכער, וואָס האָבן שוין געהאַט אָנגעריסן ביי דער יידישער קריטיק. אין וואַרשע איז ער געוואָרן שפּעדיק. דער אָטעם פון יידיש־פּוילן, די גרויסע אויפלעבונג אין אַלע ווינקעלעך אינעם יידיש־פּוילישן לעבן, האָט אים אַרויסגערופן צו גרויסע מעשים, צו גרויסע פאַרמעסטן. זיין ליד איז געווען אַנדערש פון אורי צבי גרינבערגס. אויך זיין לעבן איז פון אַ גאָר אַנדער סאָרט. ער האָט אויסגעזען ווי אַ נזיר, וואָס איז גרייט תמיד און שטענדיק פאַר אַ „צוריקטריט", ערגעץ פאַרפאַלן צו ווערן אין אַ התּ־בודדות, מתפּלל זיין און פון דאָרט צוריקקומען אויף דער זינדיקער וועלט אַ געלייטערטער. די באָרד אויף זיין פּנים, דער שינעל מיט דעם פּאַס איבער די לענדן, זיין געלאַסנקייט, האָט אים אויסגעטיילט פון די אַנדערע צוויי. אַוודאי און אַוודאי איז זיין ליד געווען אַנדערש. ווען עס האָט זיך איבער יידיש־פּוילן צעטראָגן דער קלאַנג, די טריט פון די „צוויי פערד", וואָס האָבן זיך אַליין געפירט צום קיילער, צו מיתה, צו באַפרייען זיך פון אַזוי פיל לאַסטן, האָט עס צערודערט. אַזוי האָבן צעעפנט די יידישע פענצ־טער די „שפּינאָזע־לידער", די „באַקעטע לידער", די „פּרעהיסטאָרישע לאַנד־שאַפטן", זיינע דראַמעס און אַוודאי און אַוודאי זיינע עובֿדות, ווי אַ מחנך פון אַ דור, וואָס האָט געוואַרט „עפּעס" צו ווערן, ערגעץ־ווו צו דערגרייכן.

איז איבער דעם נאָמען מלך ראַוויטש, וואָס איז אין יענעם באַגינען אָנגעקומען אין יידיש־פּוילן, אויפגעגאַנגען אַ גרויסער יראת־הכּבוד און אַ בענקשאַפט אים צו זען, אים צו הערן, זיך צו וואַרעמען מיט זיין וואָרט, מיט זיינע מחשבות, מיט זיין געזאַנג.

ב

קומען מיר איצטער צום תּוך פון אונדזער שמועס. מיר קומען צו דעם דריטן פון די „גרויסע דריי", וואָס האָבן אויפגעריסן די שטילקייט פון

יידיש־פוילישן לעבן מיט זייער ליד, צעוויגט דאָס שטייענדיקע וואַסער מיט זייער געזאַנג. מיר קומען איצטער צו דעם לייב פון דער חברותא, דעם ארי שבחבורה, וואָס האָט מיט זיין ליד, מיט זיין מויל, מיט זיך אַליין, אַנגעצונדן ליכט, צעפלאַקערט פייערן אין דעם יידיש־פוילישן לעבן.

פרץ מאַרקיש.

געבוירן געוואָרן אין אַ שטעטעלע אין וואָלין, אין אַ משפחה פון באַל־מעלאָכעס. געגאַנגען בלויז אַ פּאָר יאָר אין אַ חדר. דערנאָך אַ סדרה פון אַרבעט און אַליין־זיך־לערנען. ווערט אַ משורר ביי אַ חזן אין באַרדיטשעוו און אַלט זייענדיק פופצן יאָר הייבט ער אָן שרייבן לידער אין רוסיש. אין דער ערשטער וועלט־מלחמה ווערט ער אַ סאָלדאַט אין דער רוסישער אַרמיי און פאַרוווּנדעט אויפן פראָנט.

בשעת פרץ מאַרקיש קומט אין ניינצן־איין־און־צוואַנציק אין וואַרשע, איז ער שוין אַ מחבר פון לידער־ביכער, אויך פון אַ בוך עסייען איבער ליטעראַטור און קולטור־ענינים; ער קומט שוין מיט שבח־מאמרים פון יידישע קריטיקער און ליטעראַטור־מבינים. עס נעמט גאָרנישט לאַנג און פרץ מאַרקיש צערודערט יידיש־פוילן מיט זיין ליד, מיט זיין וואָרט, מיט זיין דערשיינען אויף די יידישע בינעס פון מדינת פוילן.

חוץ זיין ליד, חוץ זיין מויל, חוץ זיין גרויס וויסן אין דער ליטעראַטור פון די אומות העולם, חוץ זיין קענען אויף אויסנווייניק די אַלטע און נייע רוסישע ליטעראַטור, חוץ אַלע זיינע מעלות, וואָס האָבן אַזוי נושא־חן געווען, איז ער אויך באַשאַנקען געוואָרן מיט אַ שיינקייט, וואָס מען טרעפט זייער זעלטן.

ער האָט זיך געקליידט, ווי אַ „פּרינץ" אין די מעשה־ביכלעך. זיין הלבשה איז באַשטאַנען, מערסטנס, פון אַ סאַמעטענער בלוזע, געגאַרטלט מיט זיידענע קוטאַסן, געשטרייפטע הויזן און לאַקירענע לאַטשן, און איבער דעם אַלעמען — אַ שוואַרצע פּעכיקע גזשיבע, אַ געלאָקטע, אַ ווייס, ליכטיק פּנים און צוויי פייערדיקע בלויע אויגן.

ער האָט נישט קאָקעטירט מיט זיין שיינקייט. ניין, אַלץ איז געווען נאַטירלעך, ווי עס איז געווען זיין אייגענע, פיינע באַציִונג צו חברים, צו פריינד און צו די טויזנטער, צענער טויזנטער פון זיינע פאַרערער איבער

די הונדערטער יידישע שטעט און שטעטלעך פון מדינת־פוילן און מחוץ די פוילישע גרענעצן.

וואָס זשע זענען עס געווען די אויפטוען פון פרץ מאַרקיש, וואָס האָבן אים אויסגעטיילט פון די אַנדערע צוויי און ער זאָל ווערן דער הויפט פון די „גרויסע דריי״, וואָס האָבן צעשטורעמט דאָס פאַרשלאָפענע לעבן פון די יידן אין מדינת־פוילן?

דאַרף מען זאָגן, אַז חוץ זיין באַזונדער ליד, זיין אַנדער אופן פון גע־זאַנג, איז ער אין סאַמע תוך פון זיין געמיט געווען אַנדערש פון די אַנ־דערע צוויי. ווען די אַנדערע צוויי זענען געווען זייער יחידיש, קלאָרער געזאָגט, אינדיווידואַליסטן, פון אַלץ און אַלעמען זענען זיי סוף־כל־סוף געקומען צו זיך, געפונען מנוחה, רו, אין די דלד אמות פונעם אייגענעם לעבן, איז ער געווען און פאַרבליבן דער כלל־מענטש, תמיד מעורב בין הבריות און געצויגן זיין חיות, סיי פאַר זיין ליד, סיי פאַר זיין אייגן לעבן אין דעם קאָך פון אַרום, געלעבט מיט אַלע זיינע חושים, געאָטעמט מיט דער גרויסער וועלט, און בפרט מיט דעם יידישן לעבן, וואָס האָט געוואַרט אַרויסגעפירט צו ווערן פון חושך־מצרים.

דערפאַר טרעפן מיר זייער זעלטן ביי פרץ מאַרקישן יחידישע לידער, לידער, וואָס זאָלן זיין דער פועל־יוצא פון זיינע אייגענע, יחידישע איבער־לעבונגען; מיר געפינען בכלל נישט ביי פרץ מאַרקישן קיין אַנדייט אַפילו פון ליבעלידער, במילא איז אין זיין ליד נישטאָ די שטילע שטימונגען, די געפרעסטע רייד; נישטאָ קיין תפילה בלחש, וואָס מען טרעפט זייער אָפט אין די לידער פון די אַנדערע צוויי.

דערהערן מיר באַלד אין די ערשטע לידער, וואָס פרץ מאַרקיש האָט געדרוקט נאָך אין ניינצן־זיבעצן, הויכע רייד, ווערטער, וואָס האָבן זיך געריסן אַריבערשרייען איבער אַלע וויטקייטן, געצילט אין דעם צערודערטן מענטש.

לייענט, וואָס פרץ מאַרקיש האָט אונדז געלאָזט הערן באַלד אין זיין בראשית, ווען ער איז נאָר אַריבערגעטראָטן די שוועל פון דער יידישער שירה:

פאַרגאַסן האָט אַ ווייכע פינצטערניש די וועלט שוין
ביזן קאָפּ...
פאַרענדיקט דער פאַרנאַכט זיין גאָלדן בענטשן —
שטיל און — אָפּ...

גייט
אַנטקעגן אים די נאַכט פון אַלע זייטן —
פון אונטער דר'ערד, פון הימל, פון די ווייטן,
און אונטער איר צעלאָזטער שוואַרצער העמד
באַהאַלט אים שטילערהייט...

און אַלצדינג שווייגט און הערט,
אי מענטש, אי פערד...
נאָר ווינטל בלאָנדזשעט און רעדט צו ווענט,
און שטומע ווינטמיל מאַכט צום הימל עפּעס מיט די הענט...

כאָטש דאָס איז איינס פון די שטילסטע לידער, וואָס פּרץ מאַרקיש איז מיט זיי געקומען אין דער יידישער פּאָעזיע, דערפילט איר אָבער אין דער־אָ שטילקייט אַ געצוימטן פּאַטאָס, וואָס רייסט זיך פון די אותיות, פון די ווערטער, אַ וויכער, וואָס שטורעמט פון די שורות.

אין דער לעצטער שורה פון דעם־אָ בראשית־ליד:

— און שטומע ווינטמיל מאַכט צום הימל עפּעס מיט די הענט

האָט פּרץ מאַרקיש אָוועקגעשטעלט זיין שאַרפסטן קען־צייכן, וואָס איז געוואָרן אַן עיקר שבעיקרים אין זיין פּאָעטישן דרך אין דער יידישער ליטעראַטור — די בילדלעכקייט, וואָס האָט געגעבן געשטאַלט, אייגענעם נוסח און נייע פאָרעם צו זיין געזאַנג.

עטלעכע קען־צייכנס האָט פּערץ מאַרקיש צעשטעלט איבער די וועגן פונעם יידישן ליד, וואָס נאָר ער האָט זיי פאַרמאָגט און זיי זענען עד־היום געבליבן זיין האָב און גוטס:

פלאַמיקער פּאַטאָס, רעשיק וואָרט, וואַרעמע נאַענטקייט צו דער לאַנד־שאַפט, היימישקייט מיט דער נאַטור, וואָס טראָגט אין זיך אַלע אָנזאָגן, צייכנס און סימנים פון גאָטלעכקייט אין דער וועלט, שעפערישע אויפבליצן אין דעם יידישן לשון, גרויסע באַנייונג פון יידישן וואָרט, שאַרפע פאַר־גלייכן, וואָס האָבן בולטער אַרויסגעפירט דעם תוך־תוכן פון זיין ליד און גרויסע האַרמאָניע פון די תנועות, די קלאַנגען, די ווערטער, די אותיות אין זיין ליד.

ג

וואָלט מען דאָך געדאַרפט ברענגען נאָך בראשית־לידער, וואָס זאָלן דערציילן פון פרץ מאַרקישס חידושים אין דעם יידישן ליד. איז פאָלג מיר אַ גאַנג. דאַרף מען רעדן פון „שוועלן“, פון „סתם“, פון „פוסט און פּאַס“ — לידער, וואָס פרץ מאַרקיש האָט זיי געבראַכט אין דער יידישער פּאָעזיע נאָך איידער ער איז געקומען אין וואַרשע. האָט ער דאָך אין וואַרשע, ביים אָנהייב, יוצא געווען מיט איבערדרוקן די אַלע לידער־ביכער און זיך פאַרנומען מיט מגידות, אויסמעסטנדיק די מדינה אין דער לענג און ברייט און געבראַכט אומעטום דאָס וואָרט פון אָנקום, פון אָנזאָג פון אַ ניי געזאַנג אין דער יידישער ליטעראַטור.

האָב איך די דאָזיקע לידערביכער בלויז דערמאָנט, געבראַכט אַ ראיה בלויז אַן איינציק ליד און געוואָלט זאָגן, אַז די לידער, כאָטש זיי זענען געווען ניי און אַנדערש פון די לידער און פּאָעטישע דרכים אין דער יידישער שירה, האָבן נישט אַרויסגערופן קיין פלוגתא אין דער יידיש־ליטעראַרישער סביבה. פאַרקערט, פרץ מאַרקיש איז אויפגענומען געוואָרן ווי אַ דיכטער, וואָס די שטורעם־און דראַנג־יאָרן האָבן אים געמאַכט פאַר דעם שליח, צו ברענגען אַן אַנדער וואָרט, אַ נייעם אָנזאָג אין דעם יידישן געזאַנג.

נאָך:

אין דער צייט, ווען פרץ מאַרקיש האָט אָנגעהויבן זיך פעסטיקן אין מדינת־פּוילן, איז עס נישט געווען מיט זיין ליד אַליין. עס האָבן אים אַרויס־

געהאָלפן זיינע גרויסע קולטור־פּאַרמעסטן, זיינע חידושים אין דער אָרגאַ־ניזירונג פון ליטעראַרישע בינעס.

ער איז געוואָרן דער מבשׂר, נישט נאָר פאַר זיין אייגן ליד, פאַר זיין אייגן געזאַנג, פאַר זיין ניי ליד. ער איז געווען דער זאַמלער אַרום דעם ליטעראַרישן שולחן פאַר אַלע, וואָס האָבן נאָר געהאַט אין זיך די מינדסטע כוחות צו דעם שולחן צו קומען מיט „עפּעס", וואָס זאָל האָבן אין זיך תוכן, האָבן אין זיך שליחות פון באַנייונג.

די עבודה איז אָנגעפירט געוואָרן פון פּרץ מאַרקיש, אורי צבי גרינ־בערג, מלך ראַוויטש און אַנדערע. אָבער פּרץ מאַרקיש איז געווען דער קוועקזילבער, וואָס האָט געוועקט, גערופן, געמאָסטן און געווויגן, משפּיע געווען דעם גאַנצן דרך פון דער קולטור־אַרבעט אין מדינת־פּוילן.

עס דאַרף געזאָגט ווערן:

עס איז קיין מאָל נישט געווען אין דעם ליד פון פּרץ מאַרקיש קיין חשש פון פּראָפּאַגאַנדע, וואָס האָט געקאָנט אויסגעטייטשט ווערן ווי פּאָלי־טישע אַגיטאַציע. עס איז נישט געווען קיין סימן פון פּראָפּאַגאַנדע און אַגיטאַציע אין זיינע הונדערטער מאמרים איבער ליטעראַטור, קונסט און קולטור־ענינים. עס האָט געקאָנט אַזאַ חשד זיין. האָט דאָך זיין ליד שטענ־דיק גערעדט וועגן דעם „אויפגייענדיקן מזרח" און דערציילט, אַז —

אין קרוינשטאָט ברענען אַלע טויערן!
עס לויפן בלאָנדזשלינגען אַרום, גאַס־איין, גאַס־אויס,
באַשפּיגענע מיט העלער שׂריפהדיקער שיין...
נאָר צוגעשלאָסן זענען אַלע טויערן!
קיין אָנגעצונדענער וועט נישט אַרויס,
קיין דורכגייער וועט נישט אַריין!...

איז עס אויפגענומען געוואָרן ווי ליד, געזאַנג. אַזעלכע „ראַדיאָ"־סיגנאַלן, וואָס ציִען זיך אין כוואַליעס איבער דער גרויסער ערד אין דער וועלט אַריין.

אַלע זיינע „ראַדיאָ"־לידער, די לידער פון די „פּאַרקלעפּטע ציפער־

בלאַטן״, פון זיינע רייזעס איבער דער וועלט, בימי פוילן, זיינע לידער פון די „פּאַריזער גאַסן״, פון די קאַפעען אין „בערלין״, אַוודאי און אַוודאי זיין ליד, וואָס ער האָט געזונגען, בשעת ער איז געווען אין גליל, אין צפת, אין ניינצן דריי און צוואַנציק.

אָט איז „גליל״:

בערג אויף בערג און וועג אויף וועג זיך קלאַמערן און דראַפּען,
זיי לאָזן פון די קערק אַראָפּ דעם טאָג אויף בעטלען און אויף ווידוי;
און רעדער קייקלען מיך אין טאָל אויף מאַרקן פון אַראַבער,
און ס׳שיטן מיך ספּיראַלן אויס אויף מיסטן פון ירדן !...

ווו איז דאָס לאַנד פון זוניקע געשפּענסטער ?
ווו איז דער וועג אַוועק ? ווו האָט דער וועג זיך דאָ פאַרטייעט ?
— גלילער בערג און צפתער האַפּנס פעלדזיקע,
ווו ווינטן קומען אָן אויף נאַכט פון ירושלים.

— פיר מיך, טאָג, ווי ס׳פירט מיין האַרץ דער טרויער !
— פיר מיך, פיר, דורך פעלדער טאַטווירטע, גרינע,
מיר וועלן זיך אין ערגעץ דאָ נישט הייען.

צו פוס ! אַן אייזעלע, אַ קליינס, אַן אומעטיקערס פונעם גורל,
אַ ווילדן מול פון ווילדע בעדווינער
אָדער אַ קעמל אַ פאַרליבטן, וואָס גייט אַליין צו דיר, ירושלים !...

אַלע לידער זענען אויפגענומען געוואָרן, ווי גרויס פּאָעטיש געזאַנג, וואָס האָט זיך געריסן איבער די יידישע ישובים, ווי אַנזאָג, ווי אַ ברכה פון אַ נייעם אויפגאַנג, פול מיט אַלע קנייטשן פון דעם בראשית פון אונ־דזער טראַגישן דור, דעם דור פון אַזוי פיל גאולות און אַזוי פיל שחיטות און תליות.

ד

איז אַרויס פון פרץ מאַרקישס חיבורים־טאַש אַ חיבור, אַנדערש אין תוכן און אַנדערש אין אויסזען. סך־הכל דריי און צוואַנציק לידער. גרויסע בלעטער, ש״ס־פאָרמאַט, געבונדן אין שוואַרצע דיקע טאָוולען. די לידער זענען נאָך נישט געווען אין ערגעץ געדרוקט. דער טינט איז נאָך געווען נאַס. און דער חיבור האָט אויפגעהויבן אַ פלוגתא, וואָס האָט צעשטור־רעמט די יידישע ליטעראַטור, נישט נאָר אין מדינת־פוילן, נאָר אומעטום, ווו נאָר יידיש האָט געלעבט, ווו נאָר יידישע שרייבער האָבן געשאַפן זייערע ווערק.

„די קופע״.

דאָרט זענען געווען לידער פון די שחיטות, פון די פּאָגראָמען אין די שטעט און שטעטלעך פון אוקראַינע, ווייסרוסלאַנד, פון אומעטום, ווו נאָר עס האָבן געמאַרשירט די „ווייסע״ קעגן די „רויטע״.

האָט פרץ מאַרקיש געעפנט „די קופע״ מיט אַ ווידמונג, וואָס האָט באַלד אָנגעזאָגט: געוואַלד, געשריי, פּראָטעסט, שטורעם קעגן די באַפּאַ־לער, וואָס האָבן געמאַכט פון יידישן לעבן אַ הפקר און יידן האָבן זיך גע־באָדן אין טייכן בלוט.

האָט מען פאַרגעסן, אַז אין דער יידישער און העברעישער ליטעראַ־טור איז שוין דאָ אַ „שחיטה־שטאָט״ מען האָט שוין נישט געדענקט די קרבנות פון קישעניעוו, וואָס האָבן גורם געווען חיים נחמן ביאַליק זאָל די „שחיטה־שטאָט״ אַרויסוויינען. מען האָט נישט געדענקט, ווי ביאַליק האָט געשונדן די הויט פון די טאַטעס, מענער, שוועסטער און ברידער, וואָס האָבן זיך צוגעקוקט, ווי מען שענדט זייערע ווייבער, זייערע מאַמעס, זייערע טעכטער און — זיי האָבן נישט קיין מוט געהאַט זיך קעגנצושטעלן, אָפּצור־שלאָגן די אַטאַקעס. נאָר אויף צו מאָרגנס, נאָך דעם „צווילינג״ „אַ שחיטה און אַ פרילינג״, זענען די צוקוקער געלאָפן צו די דיינים, מיט די פאַר־פלעקטע ליילעכער זיך פרעגן שאלות.

מען האָט דאָס אַלץ נישט געדענקט, ווען מען האָט געעפנט „די קופע״. מען האָט אַפילו פאַרגעסן למד שאַפּיראָס „צלם״, „שפוך חמתך״, מען האָט פאַרגעסן.

ווי גיך מען האָט געעפנט, איבערגעלייענט די ווידמונג:

נאָך אייך, הרוגים פון אוקראַינע,
ווו פול מיט אייך די ערד איז,
און אויך נאָך אייך, געשאָכטענע אין „קופּע"
אין האָראָדישטש דער שטאָט ביים דניעפּער, — קדיש!

ווי גיך מען האָט דערהערט פון די פּאַרמעטן:

ס'איז היינט אַ מילעכיקע נאַכט פון איינגעשטעלטן קריגעלע
לבנה־לייב גערוטן,
דערשרעקט זיך נישט, אַ, שוואַרצע קעץ, פּאַר אומרו פון מיין טופּען;
איך גיי אייך אָנזאָגן אַ גזירה פון דער מלכה קופּע:
— זי שליידערט דעם באַרג סיני אָפּ צוריק די צען געבאָטן...

איר מויל זיך דאָרשטיק רויכערט, ווי אַ קראַטער אַ צעגליטער,
און טרויעריק איר זויף, גלייך ווי מיט שוואַרצן מאַרך פּאַרזאָטן;
— היי, בערג און מאַרקן! אויף אַ שבועה רוף איך מיט מיין ליד אייך,
די קופּע בלוטיקט דעם באַרג סיני אָפּ די צען געבאָטן!...

צוויי פויגלען דרייען זיך אַרום איר מויל און שפּרעכן, און באַשווערן,
און וויקלען איבער הויך איר צונג, ווי אַ צעפּלאַקערטע מגילה,
און לייגן אויף איר קאָפּ אַ קרוין פון שוימענדיקן שטערן...

אַ, סיני־באַרג! אין איבערגעקערטער שאָל פון הימל —
לעק די בלאָווע בלאָטע!...
און נכנע, נכנע, ווי אַ קאַץ, אין האַלבנאַכטיקער תפילה,
— די מלכה־קופּע שפּייט אין פּנים צוריק דיר אָפּ די צען געבאָטן!...

האָט זיך אויפגעהויבן אַן אַטאַקע קעגן דער „קופּע", במילא אויך שוין

קעגן דעם גאַנצן דרך פון די „כאַליאַסטרע"־יידן. געפירט די אַטאַקע האָט דער גרויסער יידישער תלמיד־חכם, ר' הלל צייטלין ז"ל, אין צענדליקער מאמרים אין דער יידישער פּרעסע, אויף דעם קליינעם בינעלע פון טלאָ־מאַצקע דרייצן. מצד די נייע לידער אין דער יידישער פּאָעזיע האָט גע־פירט די גרויסע שלאַכט פרץ מאַרקיש. פון די „גרויסע דריי" איז אורי צבי גרינבערג געשטאַנען פון דער ווייטנס. מלך ראַוויטש איז אַרויסגע־קומען מיט אַ העפטל „פּראָ פרץ מאַרקיש". אָבער אויפן סאַמע פראַנט איז ער נישט געווען. פּוילן, יידיש־פּוילן האָט גערוישט, געקאָכט, מיט־געלעבט דעם געפעכט.

דאַרף געזאָגט ווערן: די גרויסע דעבאַטע איז געפירט געוואָרן אויף זייער אַ הויכער מדרגה. מען האָט זיך נישט מזלזל געווען, ווי עס איז דעמאָלט געווען די מאָדע אין פּאָליטישע געפעכטן אויף דער יידישער גאַס.

די דעבאַטע האָט אויך גורם געווען, אַז פרץ מאַרקיש זאָל אָנשרייבן וועגן דעם ענין זייער אַ סך מאמרים, וואָס האָבן געשפּריצט מיט חכמה, מיט וויסן און מיט גרויס דרך־ארץ פאַר דעם צד־שכנגד. איז דאָך איצטער נישט קיין נפקא־מינה, ווער עס האָט מנצח געווען. פרץ מאַרקיש איז אין דער דעבאַטע דערהויבן געוואָרן און יידיש־פּוילן האָט אים נאָך מער ליב באַ־קומען.

ה

אין וואַרשע איז אויפגעשטעלט געוואָרן אַ גרויסער ליטעראַרישער עמוד, וואָס האָט נישט נאָר באַדינט יידיש־פּוילן, אויך אַלע אַנדערע יידיש־לענדער זענען צו אים געקומען. די „ליטעראַרישע בלעטער" האָבן גערופן צו זיך גרויס דרך־ארץ, זענען געוואָרן וואָגיק. די יידישע שרייבער־וועלט אין אַלע יידיש־לענדער האָבן זיך באַטייליקט. מען האָט געוווּסט: דאָס איז דאָס אָרט, ווו מען קומט מיט גרויס אחריות באַהאַנדלען ליטעראַרישע ענינים.

פרץ מאַרקיש האָט אָנגעהויבן אויפשפּילן אויף די עמודים פון די „ליטעראַרישע בלעטער" זיינע „ליטעראַרישע מאַסקעס" — אויסגעטאַקטע,

אויסגעשניצטע געשטאַלטן, סיי פון דער יידישער און סיי פון די אומות־העולמדיקע ליטעראַטורן.

ווען ער האָט איבער פוילן זיך אַרויסגעלאָזט די דאָזיקע „ליטעראַרישע מאַסקעס" מפרש צו זיין, האָט ער געבראַכט גרויס יום־טוב אין די יידישע שטעט און שטעטלעך.

פלעגט ער פאַרלאָזן פוילן, אַוועק אין דער וועלט אַריין, אָדער אַריבער די גרענעצן אין דעם „צוגעזאָגטן לאַנד" און קומען צוריק, האָבן אויף אים געוואַרט טויזנטער בריוו מיט איינלאַדונגען צו קומען אין די שטעט און שטעטלעך ווידער און ווידער.

ער האָט ליב געהאַט די פוילישע יידן, די צאַפּלדיקע יידישע יוגנט, וואָס האָט זיך געריסן צו אַ ניי לעבן, אין די הונדערטער שטעט און שטעטלעך. ער פלעגט זיך נישט שפּאָרן, רעדן לאַנג, דערנאָך אָנהייבן מיט לידער, מיט זיינע אייגענע און מיט לידער פון די יידישע פּאָעטן, וואָס זענען געווען זיינע.

אויף די ליטעראַרישע פרימאַרגנס, וואָס זענען זייער אָפט פאָרגעקומען אין „צענטראַל־טעאַטער", עטלעכע הייזער פון טלאָמאַצקע דרייצן, האָט פּרץ מאַרקיש געשפּילט די ערשטע פידל. זיינע אויפטריטן זענען אויפגענומען געוואָרן פון די טויזנטער באַזוכער מיט גרויס התלהבות און דאַנק.

בשעת ער האָט אין אַזאַ פרימאַרגן גענומען לייענען לידער פון לייב קוויטקאָ, און ווי גיך ער האָט אַרויסגעזאָגט די שורות:

איך האָב אַ יונג און בליענדיק לעבן
ציטער איך אַזוי דערפאַר.

האָט דער עולם זיך אויפגעריסן און אים פשוט געטראָגן אויף די הענט.

מען האָט געוווּסט, אַז דאָרט ווו פּרץ מאַרקיש איז דאָ, איז אויך דאָ יידיש־וואַרשע. איז ער זייער אָפט געשיקט געוואָרן אין שליחותן, ווו עס האָט געדאַרפט אויפטרעטן די יידישע ליטעראַטור.

בשעת פוילן האָט געפייערט הונדערט יאָר שענקעוויטש און די יידיש־פוילישע שרייבער־וועלט איז געגאַנגען אין צוג — אברהם גאָלדבערג, מנחם באָריישאָ ברודער, דער רעדאַקטאָר פון „היינט", שלום אַש און אַנדערע

יידישע שרייבער, איז צווישן זיי געווען פּרץ מאַרקיש — העכער פון אַלע.

פּרץ מאַרקיש איז געוואָרן אַן אייגענער, אַריינגעוואַקסן אין יידיש־פּוילישן לעבן, געטראָגן אין זיך דעם גרויסן צער פון די נגישות איבער די פּוילישע יידן מצד דער פּוילישער מאַכט. מען האָט נישט געוווּסט קיין סך פון זיין פּריוואַט לעבן. מען האָט יאָ געוווּסט, אַז „טלאָמאַצקע דרייצן" איז זיין היים, זיין מקום מנוחה. די נאָענטע זיינע, ער האָט זיי נישט געהאַט קיין סך, האָבן געוווּסט פון דעם „סאַלאָן", ווו פּרץ מאַרקיש האָט זייער אָפט פאַרבראַכט, אין דער סביבה פון גאָר נאָענטע פריינד.

אַהין האָט פּרץ מאַרקיש געפירט די געסט, וואָס זענען געקומען קיין וואַרשע, די חשובע יידישע שרייבער פון חוץ־לארץ. דאָרטן האָט ער גע־פירט לייוויקן, אָפּאַטאָשון, מנחמען. די שטאַבזיב־משפּחה האָט געפירט שטאַט. אין די גרויסע דירות פון זייער רייכער היים איז געקומען דאָס בעסטע פון דער שרייבער־וועלט זיך אָפּרוען. די גרויסע מויער נאַוואַליפּקי זעקס האָט באַלאַנגט צו אַ גרויסן יידישן גביר — שטאַבזיב. ער האָט געהאַט זייער אַ סך שניטגעשעפטן אויף גענשע, און זיינע קינדער, טעכטער און זין, האָבן געפירט אַ „סאַלאָן", ווי עס האָבן זיך געפירט אַזעלכע „סאַ־לאָנען" אין די גרויסע אייראָפּעישע שטעט. מעג מען שוין איצטער מגלה זיין, אַז ביי דעם יידישן גביר, דעם פרומען שטאַבזיב, האָט פּרץ מאַרקיש געקראָגן זייער אַ סך טובות פאַר יידישע שרייבער. ער האָט אין שטאַבזיבס שניטגעשעפטן באַקומען אַ בוכהאַלטער־שטעלע פאַר דעם יידישן משורר יחיאל לערער.

*

אין אומרויקע טעג, ער האָט זיי געהאַט זייער אָפּט און אַ סך, פלעגט ער שפּאַצירן אין די גאַסן פון דער גרויסער יידישער אָרעמקייט: סמאָטשע, אָסטראָווסקע, סטאַווקע, דזשיקע, מילע. מיר זענען אַריין אין אַ קאַוויאַרניע אויף מילע, נישט ווייט פון דזשיקע, אין דער באַרימטער מלינה פון די וואַרשעווער יידישע קעשענע־גנבים. מיר זענען זייער אָפּט געווען דאָרט געסט. זענען מיר אַזוי דאָרט אָפּגעזעסן שעהען און יונגע גנבים האָבן גע־שפּילט פאַר אונדז אויף מויל־האַרמאָשקעס די שענסטע יידישע ניגונים, די טרויעריקסטע יידישע פאָלקסלידער.

אין עטלעכע טעג אַרום, בשעת מיר האָבן זיך געטראָפן, האָט פּרץ מאַרקיש מיר דערציילט, אַז ער האָט אין יענער „גנבים־נאַכט" אָנגעשריבן אַ ליד „למנצח לפּרץ בן דוד". ער האָט דאָס ליד געדרוקט אין איינעם פון די „אַלבאַטראָסן":

איך בין אויף אַן אָרעמען מאַלצייט פאַררופן און ווייס נישט
ווּהין און צו וועמען,
עס גלעקערן גלעקער פון קלויסטערס מיט רויטע צעבלוטיקטע צלמים,
אין פענצטער אין אַלע איז ליכטיק און אומעטום שוימיק די שיין איז,
עס פאָרן זיך ווינטן — די שׂמחה וועט דאָרט זיין, די שׂמחה
זיין דאָ וועט,
מען דאַוונט, מע שאַלט: — למנצח לפּרץ בן דוד!
און כ׳קען נישט דערגיין און איך קען נישט באַנעמען: —
ווּהין און צו וועמען.

אָ, ווינטן, אָ, ברידער,
איר ווייסט נישט ביי וועמען איז היינט אַזאַ שׂמחה?
ווּהין איך בין פאַררופן?
איך זינג אויפן וועג אונטער אַלעמענס פענצטער און אַלעמענס הויפן,
פאַרשפּעטיקן כ׳זאָל נישט מיין ליד אונטערוועגס צו דעם
אָרעמען מאַלצייט,
איר ווייסט נישט, ביי וועמען איז היינט אַזאַ שׂמחה?

אָ, ס׳איז אַ לוויה! מע טראָגט זעקס און צוואַנציק פאַרשניטענע יאָרן
אויף זוניקער מיטה געבונדן, ווי האַרבסטיקע סנאָפּעס אין גאַרבן,
פון איינעם אַן אורח, וואָס איז אויף די וועגן, זיך פרעגנד
אויף שׂמחות, געשטאָרבן,
מע טראָגט זעקס און צוואַנציק פאַרשניטענע יאָרן
מיט כלי־זמרשע רייען,
און טאַנץ איך מיט פרייד נאָך מיין אייגענער מיטה פון זוניקער
שׂמחה־לוויה.

אַ הפקר־בראָדיאַגע וועט היינט ביי דיר, גאָט, זיין אין ליכטיקן היכל,
מען רופט מיך צו זון אויף מיט ערשטער עליה,
מיין ברכה כ׳זאָל מאַכן אויף איר — אויף דער תורה פון אַלע פּלאַנעטן
און וועלטן!
און גיי איך און בלאָנדזשע פון שטערן צו שטערן,
איך וויל נישט, איך וויל נישט פאַרשפּעטיקן, מאַמע,
כ׳בין עולה לחמה...

ו

אין ניינצן זיבן און צוואַנציק איז פּרץ מאַרקיש אַוועק פון פּוילן און שוין מער נישט צוריקגעקומען. ער איז אַוועק אויף תמיד אין סאָוועטנלאַנד.

ער האָט נישט געמאַכט זיך קיין באַנקעטן, נישט געהאַלטן די „סקאַר־באָווע" מוסר־דרשות, ווי עס האָבן געהאַלטן אַנדערע, וואָס האָבן געמיינט, אַז מיט זלזולים אויף דעם יידיש־פּוילישן ישוב וועלן זיי זיך איינקויפן אין יחוס ביי די „מנהיגים פון דער יידישער וועלט" אין מאָסקווע. ער האָט זייער גוט געוווסט, אַז זיין אַרויסטריט קעגן בערגעלסאָנס הנחות אין „שפּאַן" וועט אים „דאָרט" קיין סך נחת נישט ברענגען. זיין באַציִונג צו דוד בערגעלסאָן איז נישט געווען קיין סוד. ער פלעגט זייער אָפט פירן שאַרפע וויכוחים מיט נחמן מייזיל וועגן דער בערגעלסאָן־ראָלע אין דער יידישער ליטעראַטור. ער פלעגט אין די דאָזיקע וויכוחים שטענדיק אַרויס־שטעלן אָפּאַטאָשון קעגן בערגעלסאָנען. זיין טענה איז געווען: דוד בער־געלסאָן האָט נישט אין זיינע ביכער קיין מענטשן, נאָר שאָטנס. עס דרייען זיך אַרום אין זיינע ביכער טויטע, אָדער קאַנדידאַטן פאַר דער טהרה. פּרץ מאַרקיש האָט געהאַלטן, אַז יוסף אָפּאַטאָשוס מענטשן לעבן, האָבן אַ „פאַר־זיטיון לעבעדיקן ווערט" אין אַ ליטעראַטור. יוסף אָפּאַטאָשו קאָן דעם יידישן מענטש ערגעץ פירן. בערגעלסאָן — בלויז אויפן בית־עולם.

נחמן מייזיל פלעגט בשעת אַזעלכע וויכוחים ברענען, זיך אַזש פאַר־קייכן, בלייבן אָן אָטעם. מאַרקיש האָט זיין וויכוח געפירט שטיל און — רויִק.

בשעת עס איז באַוווּסט געוואָרן, אַז פּרץ מאַרקיש איז שוין נישטאָ אין

פוילן, האָט עס אַ ריס געטאָן. מען האָט דערפילט, אַז יידיש־פוילן איז געוואָרן פאַראָרעמט. מען האָט דערזען דעם גרויסן באַרג־אַראָפּ אין דער יידיש־ליטעראַרישער סביבה פון יידיש־פוילן.

נאָך מער האָט ווי געטאָן, ווען עס האָבן אָנגעהויבן קומען די שמועות, בכן מען שמייסט דאָרט מאַרקישן פאַר זיינע „פוילישע חטאים". אַז פּרץ מאַרקיש האָט פון „דאָרט" געשיקט אין די וואַרשעווער „ליטעראַרישע בלעטער" זיין פּאָעמע „נישט גדאגהט", האָט מען אים גענומען אויפן צימבל פאַר מיטאַרבעטן „אין אַן אויסלענדישן זשורנאַל". האָט אונדז זייער ווי געטאָן, ווען מיר האָבן געלייענט פּרץ מאַרקישס „חרטה־בריוול", ווו ער קלאַפּט זיך אַ גרויסן „חטאתי", פאַר דעם פאַרברעך, אַז „ער איז באַגאַנגען אַ פּאָליטישן פעלער, אַז ער איז פּרינציפּיעל איינשטימיק מיטן טעזיס, אַז ס'איז נישט דערלאָזבאַר דער אָנטייל פון די סאָוויעטיש־יידישע שרייבער אין דער אויסלענדישער יידישיסטישער פּרעסע".

דער לייב, דער שטאָלצער און אצילותדיקער פּרץ מאַרקיש, האָט זיך געבויגן. אָבער יידיש־פוילן האָט געהאַט הנאה, וואָס פּרץ מאַרקיש האָט שוין מער קיין מאָל זיך נישט געשמיסן, פאַרקערט, ער איז אָפּט מאָל אַרויסגעטראָטן מיט שאַרפע רייד קעגן די „ספּעצן" פון דער יידיש־סאָוועטישער כשרות איבער ליטעראַטור.

ז

וואָס זשע איז דאָ צו רעדן און וואָס איז דאָ צו זאָגן היינט, בשעת עס ווערט שוין פופצן יאָר זינט פּרץ מאַרקיש איז צעשאָסן געוואָרן ביי אַ ווענטל און מיר וויסן אַפילו נישט ווו עס איז אַהינגעקומען זיין געביין. ווילט זיך דערמאָנען אין פּרץ מאַרקיש, עס ווילט זיך געדענקען זיין אַריינמאַרש אין יידיש־פוילן, אין דער גרויסער ליבשאַפט פאַר דעם ארי שבחבורה, וואָס האָט מיט זיין לעבן אַריינגעזונגען אַ גרויסע פּרשה אין דער יידישער ליטעראַטור.

זאָלן מיר אים מיט יראת הכבוד דערמאָנען און אויף אייביק געדענקען.

„צוקונפט", סעפּטעמבער 1967

יחיאל לערער

עס דאַרף באַלד בײַם אָנהײב געזאָגט װערן, אַז עס האָט גענומען זײער לאַנג ביז דער נאָמען יחיאל לערער איז באַװוּסט געװאָרן צװישן שרײַבער און זײַנע לידער זענען באַקאַנט געװאָרן דעם ייִדישן לײענער. עס זענען געװען זײער אַ סך סיבות דערפאַר: ער איז אַרײַנגעפירט געװאָרן אין דער ייִדישער פּאָעזיע אין פּױלן, אין די טעג פון „שטורעם און דראַנג״, דורך אַ „הינטערשטער טיר״ און זײַן אונטערפירער איז געװען דער בונטאַר, דער איש ריב ומדון — יצחק מאיר װײַסנבערג.

נאָך אײדער ס׳האָט װער געזען דעם מחבר פון „שאול און דוד״, אַ פּאָעמע פון גרױס שפּאַנונג, פון חזיון און פון חלום, װאָס האָט זיך גע־דרוקט אין װײַסנבערגס „אונדזער האָפענונג״, האָט שױן יצחק מאיר מבשׂר געװען די גרױסע בשׂורה: איך פיר אַ ראַבינדראַנאַט טאַגאָרע אין דער ייִדישער ליטעראַטור. האָבן זיך די כּוהנים־גדולים נישט געװאָלט אָפּרוקן און מאַכן אַ װאָרע פאַר װײַסנבערגס אַ נײַ געפינס; האָבן נישט געהאַט קײן אמונה אין װײַסנבערגס מבינות. אַפילו װען עס זענען שױן געקומען „שטילקײט און שטורעם״ (לידער אין פּראָזע) און „ברונעמס אין פעלד״ (לידער און פּאָעמען), האָט עס נאָך אַלץ נישט צעװאָרעמט די אײַזיקע גלײַכגילטיקײט צום יונגן פּאָעט. ביז, ביז אױף דער סאַמע שװעל פון אונדזער גרױסן פאָלקס־חורבן, װען עס האָט אַ לײַכט געטאָן אין דער ייִדישער ליטעראַטור „מײַן הײם״. ערשט דעמאָלט האָבן ייִדישע שרײַבער, ייִדישע מבינים, גענומען זאָגן הלל צו יחיאל לערער און יצחק מאיר װײַסנבערג האָט מנצח געװען.

האָבן זיך פאַנאַנדערגעטראָגן שמועות: שלום אַש טראָגט זיך אַרום מיט „מײַן הײם״, װי אַ פרומער ייִד מיט דוד המלכס תּהילימל; שלום אַש האָט פון גרױס התפעלות פאַרעפנטלעכט אַ בריװ צו יחיאל לערער, װוּ ער זאָגט תּהילות ותשבחות דעם מחבר. מען האָט אָנגעהױבן זוכן, פאָרשן,

געוואָלט דערגיין, ווער איז ער? פון וואַנען קומט ער? זיין שטאַם? האָט מען נישט געטרויט „מיין היים", אַז דאָס איז טאַקע דער בית־לערער, טאַקע זיין אייגענע היים, זיין שטאַם, וואָס ער האָט אַזוי אויפגעזונגען איבער דעם „אַלטן יידישן שטעטל", וואָס איז אַזוי פאַרחוזקט געוואָרן, אַזוי פאַרשעמט געוואָרן נאָך איידער דאָס אַכזריותדיקע פייער האָט עס פאַרברענט מיטן וואָרצל לעולם־ועד. „מיין היים" איז אויפגענומען געוואָרן נישט נאָר פון יידיש־פוילן, נאָר אויך מחוץ פון די פוילישע גרענעצן און דער מחבר איז באַשאַנקען געוואָרן מיט שבחים, ווי מען וואָלט דערפילט, אַז יחיאל לערער האָט אין „מיין היים" אויסגעקלאַגט די לעצטע עלעגיע איבער אַלע יידישע שטעטלעך, וואָס דער בלוטיקער מבול האָט פאַרפלייצט.

טאָ ווער זשע איז ער געווען? וואָס איז געווען זיין באַגאַזש, וואָס ער האָט געבראַכט מיט זיך? ווי אַזוי האָט ער בכלל אויסגעזען און ווי אַזוי איז ער געקומען צו וויסנבערגן, אַז ער זאָל ווערן זיין אַפּוטרופּוס?

איז די מעשׂה אַזאַ:

די אַנדערע, וואָס וויסנבערג האָט זיך מיט זיי געריימט, אַז ער האָט זיי אַנטדעקט, געווען זייער „קאָלאָמבוס", האָבן שפּעטער, ווען זיי זענען שוין געווען „אויפן זאָטל", כמעט ווי געלייקנט. אָבער נישט יחיאל לערער. זיי האָבן זיך געשפּיגלט איינער אין אַנדערן.ביידע זענען געקומען פון זשעלעכאָוו. וויסנבערג האָט געהאַט גרויס דרך־ארץ פאַר לערערס משפּחה פון לומדים, גוטע יידן, און לערער — אפשר פאַר וויסנבערגס אָרט אין דער יידישער ליטעראַטור.

*

איידער יחיאל לערער איז געקומען צו וויסנבערגן מיט זיינע יידישע לידער, האָט ער שוין געהאַט סמיכה פון דוד פרישמאַן, וועמען יחיאל לערער האָט געוויזן זיין איבערזעצונג פון ביאַליקס „אל הצפּור" און פרישמאַן האָט די יידישע איבערזעצונג זייער שטאַרק געלויבט.

בכלל איז דער יונגער יחיאל לערער געווען אַ איש מלומד: נישט נאָר אין דער יידיש־טראַדיציאָנעלער קולטור און ליטעראַטור האָט ער געוואָרצלט, ער האָט אויך געקענט זייער אַ סך לשונות און גוט באַקאַנט געווען מיט די ליטעראַטורן פון די אומות־העולם.

ער האָט געפירט זייער אַ שטאַרקע מלחמה נישט אַרונטערצופאַלן אונ־טער דער השפּעה פון רילקען, וועמענס לידער און פּאָעמעס עס זענען אים געווען נאָענט, ווי עס איז אים געווען נאָענט דער תהילים; ער האָט גע־דוכנט מיט טאַגאָרעס געזאַנגען און געווען אַריינגעטאָן אין די ווערק פון די שענסטע אין דער פּוילישער און רוסישער ליטעראַטור.

מיט אַזאַ גרויסן קולטור־באַגאַזש איז יחיאל לערער געקומען פון זיין „שטעטל", וואָס איז געווען אַ שם־דבר אין דער יידישער ליטעראַטור, פון זיין „אידילישער נעסט", פון זיין יחוסדיקער יידישער היים, געקומען אין דער גרויסשטאָט, ווו די שטיינער האָבן געבערענט מיט מרידה, מיט פּאַר־מעסט קעגן דער „אַלטער וועלט". געקומען און געבלאָנדזשעט איבער די וואַרשעווער גאַסן, געזוכט אַ מעמד — ברויט, נישט נאָר פאַר זיך, נאָר פאַר זיין ווייב און קינדער, פאַר זיינע עלטערן, וועמען ער האָט איבערגע־לאָזט אין דעם גוססדיקן יידישן שטעטל.

אַליין איז ער געווען אַ קליין־געוויקסיקער, אַ דראָבנער, אַ דורכזיכ־טיקער, אַ לויטערער, מיט אַ פלאַקסענער טשופּרינע איבער זיין קאָפּ. אַ שטילער האָט ער געשוועבט איבער די וואַרשעווער געמאַרקן, געלעבט אין דחקות, אין נויט, אין הונגער. נישט געקאָנט זיך אַריינבייסן אין דער שגעונדיקער שטאָט און — צוריק אין שטעטל אַריין. אַזוי איז ער געלאָפן פון שטאָט אין שטעטל, פון שטעטל אין שטאָט אין אייביקן אומרו, אין פּחד פאַר דעם מאָרגן.

האָט ער זיך נישט געהאַט צו וועמען צו טוליען, ביי וועמען געפינען וואַרעמקייט, נאָענטקייט; די ליטעראַרישע מנהיגים זענען געווען פאַרנומען מיט „איבערקערן וועלטן" און האָבן נישט קיין צייט געהאַט צו דערזען דעם יחיד, דעם איינציקן מענטש, וואָס האָט זיך געראַנגלט אין דעם גרויסן געווירבל.

דער איינציקער, וואָס האָט געשטורעמט „די מויערן פון יריחו", איז געווען ווייסנבערג. ער האָט געשונדן די הויט פון „טלאָמאַצקע דרייצן", געפאָדערט פאַר יחיאל לערער אַ מעמד פון אַ בעל־מגיה אין אַ צייטונג, איינגעלייגט וועלטן, אַז יחיאל לערער זאָל קאָנען פונאַנדערוויקלען זיין געצעלט אין דער ליטעראַרישער משפּחה און אויפהערן צו זיין נע־ונד.

יצחק מאיר ווייסנבערג האָט געטענהט, אַז דאָס פּלאָגעניש, די דחקות, דער קלעם פון הונגער און נויט וועט אומברענגען דעם גרויסן טאַלאַנט, וואָס יחיאל לערער האָט אין זיך.

עס האָט נישט געהאָלפן ווייסנבערגס געשריי. האָט זיך יחיאל לערער דערשלאָגן צו ווערן אַ בוכהאַלטער אין אַ שניטקראָם אין טיפע הייף אויף גענשע גאַס, קוים־קוים געמאַכט חיונה פאַר זיך, אָבער נישט פאַר זיין היים.

יחיאל לערער איז געוואָרן לויטערער, זיין גאַנג — אומרויִקער, פלעגט ער אין שפּאַנונג דורכלויפן אַ טומלדיקע גאַס, זיך פאַרקלייבן אין אַ ווינקל פון די וואַרשעווער גערטנער, אויף אַן איינזאַמער באַנק, אַן איינגעבראָ־כענער, זיך וויגן איבער זיין ביטערן גורל.

האָט מען זיך מיט אים געטראָפן אין אַזאַ שעה, האָט ער נישט געהאַט קיין טענות, קיין תרעומות. עס האָט גערעדט פון אים אַזאַ תמימות, אַזאַ גוטסקייט, עס האָבן גערעדט אין אים לידער, שירה, יידיש געזאַנג.

✶

איז איידער מיר קומען צו דער „לעצטער עלעגיע״ „מיין היים״, וואָס יחיאל לערער האָט אויפגעזונגען אין די לעצטע רגעס פון דער צעפלאַמטער שקיעה איבער דעם יידישן לעבן, דאַרפן מיר זיך באַקענען מיט די גע־זאַנגען, וואָס יחיאל לערער האָט זיי געזונגען און זענען געוואָרן דער גרויסער יסוד פאַר „מיין היים״. מיר דאַרפן דערהערן דעם ניגון פון זיין ליד, דערזען דעם נוסח, דעם געבוי פון זיין שורה און דורכגענומען ווערן מיט דעם געמיט פון זיין וואָרט, דערהערן די תנועות, וואָס רייסן זיך פון די אותיות, דערזען דעם שאָטן, די ליכט, וואָס מאַכן בולטער די ירידות און עליות פון די שטימונגען, וואָס הויכן איבער זיין יצירה. מיר דאַרפן אַוודאי און אַוודאי אַ קוק טאָן אין דער וועלט, ווהין ער איז אַנגעקומען און געוואָרט מען זאָל זיין וואָרט דערהערן, דערזען זיין פנים און פאַרנע־מען זיין געזאַנג. יאָ, מען דאַרף אַ מיש טאָן די בלעטער פון יענע צעלויכ־טענע טעג אין דער יידיש־פּוילישער ליטעראַטור בכלל און דער פּאָעזיע בפרט, וואָס עס האָבן געזונגען די שליחי־ציבור פון דעם נייעם יידישן ליד, בכדי צו פאַרשטיין, זיך פאַרטיפן אין די לידער פון יחיאל לערער.

נאָך עפּעס:

מיר דאַרפן אויך אַ טראַכט טאָן: ווי אַזוי איז עס מעגלעך געווען, אַז אַזאַ זוניקער אויפקום, וואָס האָט אין אַלע פּרטים מרעיש־עולמות געווען, זאָל דאָס אַלץ קאָנען באַווייזן אָן אַ מורה־דרך, אָן דער האַנט פון אַ קריטי־קער, וואָס זאָל וואַכן, לערנען און באַשטראָפן פאַר דורכפאַלן, פאַר סתם געשריי, פּלאָנטער אָן אַ ציל און אָן אויסוועג?

מיר דאַרפן זיך זאָגן דעם אמת: די יידיש־פּוילישע ליטעראַטור, וואָס איז אַזוי ראַפּטעם אויפגעקומען אין אַלע אירע פאָרמעס און נוסחאות, סיי אין פּראָזע, סיי אין פּאָעזיע, האָט נישט געבראַכט מיט זיך דעם „רש״י״, וואָס זאָל זיך פאַרנעמען מיט מפרש זיין, מיט דערקלערן און אויפקלערן, נישט נאָר דעם לייענער, נאָר דווקא די שרייבער, וואָס אַ סך פון זיי האָבן געבלאָנדזשעט און זייער אָפט טאַקע פאַרבלאָנדזשעט געוואָרן.

מיר האָבן געהאַט אין יידיש־פּוילן זייער פיינע און געראָטענע רעצענ־זענטן איבער ביכער, מיר האָבן געהאַט גאַר גרויסע קענער פון דער אייראָ־פּעיִשער ליטעראַטור, יידן, וואָס זענען געווען היימיש און קלאָר אין אַלץ, וואָס די אומות־העולם האָבן געבראַכט אין זייערע ליטעראַטורן, האָבן גע־געבן פּרסום אַלץ וואָס האָט זיך געטאָן אין דער פרעמדער וועלט.

אָבער עס האָט געפעלט דער רבי, דער מדריך, דער אָנווייזער, דער, וואָס זאָל שטיין אויף דער וואַך און אויך מאַכן גדרים צווישן גוטס און שלעכטס, צווישן טאַלאַנט און סתם רייד.

איז דער יידישער שרייבער געווען אויף זיין אייגענעם באַראָט, גע־דאַרפט אַליין זיך אייביק שטעלן אויף דער וואָגשאָל, זיך וועגן און מעסטן, אַליין דערהערן דעם קלאַנג פון זיין וואָרט, דעם ריטעם פון זיין שורה און דערפילן די שלימות אין זיין ליד.

וועלן מיר דאָס האָבן אין זינען, וועלן מיר דערזען, ווי שווער עס איז געווען דער וועג פונעם יידישן שרייבער אין יענע טעג פון בראשית אין דער יידיש־פּוילישער ליטעראַטור.

אין דעם הרת־עולם איז געקומען יחיאל לערער. געקומען, אַ פאַל גע־טאָן כורעים פאַר דעם צעעפנטן אָרון־קודש און גענומען אייגרייסן:

ווען איך רוף דיך, גאָט, אין ענגשאַפט,
זיי מיר נאָענט, זיי מיר גרייט,
ווייל איך האָב נישט קיין אַנדער וואָפן
אויסער דיך, מיין איינציקייט.

ווי לאַנג, ווי לאַנג נאָך, מענטשן שלעכטע
וועט איר בלוטיק זיין און שלעכט?
טראַכט ביי נאַכט אויף דעם געלעגער
איין מאָל נאָר פון גאָט און רעכט.

איר זאָגט: „ביסט שוואַך און דיר וועט שלעכט זיין!" —
דאָס פינצטערניש איז נאָך געדיכט!
זאָג מיר, גאָט, ווען שוין וועסטו
דיך באַווייזן אין דיין ליכט?

איז מיין שוואַכקייט דיר פאַרהאַסטער
פון זייער שטאַרקייט פול מיט בייז?
דיין ליכטיק פנים זייער מפלה,
מיר — אַ הילף און אויסדערלייז.

האָט יחיאל לערער, אין דעם ווילדן שטורעם, זיך אַוועקגעשטעלט אין אַ ווינקעלע פון דער צעיאָכמעטער וועלט און גענומען זאָגן תהילים. האָט ער געזוכט צו זיין תמימותדיק, פשוט און תפילהדיק אין זיין וואָרט. נישט געפוצט זיך אין שיינע גראַמען. עס איז אים ענג געווען, האָט ער געבעטן, געוואָלט זיך באַפרייען פון זיין קלעם.

*

איז אָנגעגאַנגען אַ שקלאַ־וטריא, צי גייט אַ מאָל נישט יחיאל לערער צו ווייט מיט זיינע פרובירונגען איבערצוזינגען דעם אַלטן יידישן תהילים; צי קאָן גאָר זיין אַ העכערער געזאַנג פון דעם אַלטן „מזמור לדוד", אַ טי־

פער געבעט ווי דער אַלטער תהילימדיקער „ממעמקים״, און אַ רעשיקער געשריי, ווי דער דורותדיקער יידישער „מן המיצר״? יאָ, מען האָט גע־פרעגט, געזוכט אַ תשובה אין די שירים פון יחיאל לערערס „תהילים־געזאַנגען״, פון די לידער אין זיין „שטילקייט אין שטורעם״ און אין די געזאַנגען פון „ברונעמס אין פעלד״. מען האָט געוואָלט געפינען דעם ענטפער.

האָט מען גערעדט וועגן דעם מיט יחיאל לערער, איז זיין ענטפער געווען: עס קאָן נישט זיין קיין פאַרגלייך, אָבער ער וויל דערגיין צו דער שלימות פון דעם רעש, וואָס עס האָט אין זיך דער תהילימדיקער „לדוד מזמור״, וואָס דורות יידן האָבן פאַרגאָסן איבער אים טייכן בלוט און ימען טרערן.

*

איז מיר אויסגעקומען צו זיין ביי אַזאַ וויכוח אין ווייסנבערגס היים.

ווייסנבערג האָט זיך נישט געפילט מיט אַלעמען. האָבן מיר זיך צו־נויפגערעדט, מיר זאָלן אים גיין מבקר־חולה זיין. ד״ר י. ב. צפור, דער מחבר פון דער מיסטעריע „די שכינה אין גלות״, אַ ייד מיט יחוס און מיט גרויס וויסן, אַן איידעם פון אַ גאָר גרויסן יידישן תלמיד־חכם און אַ גרוי־סער קענער פון חכמת ישראל (י. ב. ציפור איז אומגעקומען אין בעלגיע, מיט זיין משפחה), דער וולאָצלאַוועקער רב, ר׳ יהודה לייב קאָוואַלסקי, יחיאל לערער, י. ה. ברינמאַן (מען דאַרף זיך דאָ אָפּשטעלן און דערציילן עפּעס פון ברינמאַן. ער איז געווען דער קריטיקער פון ווייסנבערגס אויס־גאַבעס, זיך באַטייליקט אין ניו־יאָרקער „אויפקום״. איז ער געווען פון די גרעסטע פאַרטיידיקער פון ווייסנבערגס „מלחמות״, כאָטש אַליין האָט ער זיך אין זיי נישט באַטייליקט. ער פלעגט זייער זעלטן קומען קיין וואַרשע. ער האָט געוווינט אין אַ גרויס דאָרף אויף דער סאַמע מזרח־פּרייסישער גרענעץ, אינעם קנופּ יידישע שטעט גראַיעווע, רייגראָד, אויגוסטאָוו — דאָס דאָרף האָט געהייסן באַטשקי. בשעת איך בין געווען אין יענער געגנט, האָב איך אים אָפּגעשטאַט אַ וויזיט. ער איז געווען אַ קרעמער, די יידן האָבן נישט אָנגעהויבן וויסן, אַז ער איז אַ שרייבער. ער איז געשטאַנען אַ פאַרמעליקטער אין אַ כל־בו־קראָם. פאַריאָגט מיט קונים. האָט ער מיר

אַריינגעפירט אין זיין „סקלאַד״, האָב איך דערזען זעק מעל און פּעסער הערינג. אַרום: קאַסטנס מיט ביכער אין פאַרשידענע לשונות. ער איז אומ־געקומען מיט זיין גאַנצער משפּחה, מיט אַלע יידן פון באַטשקי, אין דעם ערשטן טאָג פון דעם דייטשישן אַריינמאַרש קיין פוילן).

זענען מיר אַלע פיר געגאַנגען מבקר־חולה זיין ווייסנבערגן. מיר זענען אַריינגעקומען אין אַ פאַרטער־דירה. באַלד ביים אַריינגאַנג — אַ גרויסער קאָפּ פון יצחק לייבוש פרץ. ווייסנבערג אין אַ וואַטאָוואַנעם „שפּענצער״. ער האָט אונדז זייער וואַרעם אויפגענומען אין זיין ענגער דירה און עס האָט זיך אַנטוויקלט אַ וויכוח. מען האָט גערעדט וועגן די גרויסע אין דער וועלט־ליטעראַטור. ווייסנבערג האָט זייער אַ סך גערעדט וועגן די רוסישע, געווען זייער שטאַרק אויפן צד פון גאָרקין. ציפור האָט זיך פאַרנומען צו באַווייזן די גרויסקייט פון דער פראַנצויזישער ליטעראַטור (ער האָט באַ־קומען זיין דאָקטאָראַט אין פאַריזער „סאָרבאָנע״), ברינמאַן האָט געריימט די פּוילישע דיכטער, בעיקר מיצקיעוויטשן און סלאָוואַצקין. עס איז גע־ווען אַ הייסער שמועס. יחיאל לערער האָט געשוויגן. ווייסנבערג האָט אים געבעטן זיך באַטייליקן. האָט ער גערעדט וועגן ירמיהו, איוב, קהלת, משלי און — האָט דעמאָלט אָנגעוויזן, אַז ער וויל זיך דערגרונטעווען צו די טי־פענישן פון תנך, צו דער גרויסקייט פון דעם אַלטן יידישן נוסח, און דער עיקר — ער וויל דערגרייכן צו דער נשמה פון תהילים.

מיר האָבן זיך אַלע איינגעהערט צו זיינע רייד און בשעת מיר זענען געגאַנגען איבער די וואַרשעווער גאַסן, האָט יחיאל לערער נאָך אַ מאָל זיך געוויגט מיט זיינע רעיונות וועגן דער וויכטיקייט פון דעם יידישן עבר און אויסגעדריקט זיין מורא פאַר דער פאַרגעטערונג פון דער יידישער יוגנט פאַר די „תורות״ פון די אומות העולם.

מיר האָבן יענער נאַכט זייער אַ סך געשמועסט וועגן די אויפנאַמעס אויף „טלאָמאַצקע דרייצן״ פאַר גדולים פון דער נישט־יידישער וועלט. גאָר געקאָכט האָט זיך יחיאל לערער קעגן דער אויפנאַמע, וואָס איז געמאַכט געוואָרן אויף דער טריבונע פון „טלאָמאַצקע דרייצן״ פאַר האַנס עווערס.

עס איז כדאי וועגן דער פּרשה עווערס עפּעס זאָגן:

ווער האַנס עווערס איז געווען, ווייסן מיר זייער גוט. ער איז געווען

אין דעם קאַבינעט פון דעם ימח־שמו, וואָס האָט געבראַכט דעם חורבן אויף אונדזער אומה, געווען פון די פּלאַנירער צו „לייזן די יידן־פראַגע”. וויסן מיר, וואָס פאַר אַ ראָלע ער האָט געשפּילט אין בערלין אין דער צייט פון דעם גרויסן מבול.

וואָס האָט ער געטאָן פריִער, קודם החורבן? ער איז געווען אַ מחבר פון ביליקע שונד־ביכער, דער עיקר איז ער געווען אַ נבזה אין זיין „אַל־רוינע”, אַ בוך, ווו ער שטעלט אויף אַ נבזה־מעשה, ווו מען נעמט די זרע פון אַ פאַרמשפּטן צו דער תליה, אַ רגע פאַרן הענגען, און מען באַפרוכפּערט מיט איר אַ פרוי. דער סוף איז: די פרוי האָט אַ מיידל, וואָס וואַקסט אויס אַ טייוולשע שיינקייט און ברענגט גרויסע אומגליקן אין די קרייזן, ווו זי געפינט זיך. דאָס בוך האָט אַנגעריסן ביי די „שמענדריקעס” פון יידיש פוילן, מען האָט אויך די „מציאה” איבערגעזעצט אין יידיש און פאַר דעם נבזה האָט מען געמאַכט אַן אויפנאַמע אויף דער טריבונע, ווו מען האָט מקבל־פּנים געווען די גדולי־הדור פון אונדזער אומה און די גאַר גרויסע פון דער פרעמדער וועלט.

די אויפנאַמע האָט אַנגעצונדן אַ פייער. דער שטילער יחיאל לערער האָט געברענט. געווען באַליידיקט, וואָס זיין „טלאָמאַצקע דרייצן” האָט אָפּגעטאָן.

עס שטייט מיר נאָך איצט פאַר מיינע אויגן דער אויסגעפּוצטער פראַנט, אין אַ פראַק, אַ מאָנאָקל אין אויג און ווי ער רעדט וועגן דער גרויסקייט פון דער דייטשישער קולטור און ליטעראַטור און גיט זייער אַ סך שבח זיינע אייגענע שונד־ראָמאַנען, וואָס האָבן פאַרפּלייצט אייראָפּע. מיר האָבן יענער נאַכט איבער די וואַרשעווער גאַסן געשמועסט וועגן יידישן שטעטל, וועגן דער יידישער יוגנט, און יחיאל לערער האָט געזאָגט, אַז ער האָט אמונה, אַז עס וועט קומען אַ נייע תחיה אין דעם יידישן שטעטל, מען וועט נאָך דערזען די אוצרות, וואָס ליגן דאָרט פאַרבאָרגן, און בכן ער אַליין טראַכט איבערצושאַפן דאָס יידישע שטעטל אויף זיין אופן, דורך זיינע זעונגען, זיין באַנעם פון דעם שטעטל, וואָס איז שוין געשטאַנען זייער אַ סך מאָל אויף דער שוועל פון אונטערגאַנג. ער האָט אין יענער נאַכט אַרויסגעוויזן זייער אַ סך אמונה אין דער יידישער ליטעראַטור, אין יידישע

שרייבער. ער האָט נישט געהאַלטן פון אַפּאַטאַשוס מימרא, אַז „מען ברעכט אַזוי לאַנג טעלער ביז עס ווערט אַ תנאים". ניין. ער האָט געטענהט, אַז דער, וואָס איז נישט געבענטשט מיט כוח, מיט חזיון, מיט דעם גנאָד פון יצירה, קאָן ער ברעכן אַלע טעלער פון גאַנצן כדור־הארץ און עס וועט קיין תנאים נישט ווערן.

*

גיי ווייס, אַז אויף די דינע צוויי אַקסלען וועט אַרויפגעוואָרפן ווערן די זכיה צו זינגען די לעצטע עלעגיע איבער דעם יידישן שטעטל.

כמעט אין דער זעלבער צייט פון „מיין היים", זענען געקומען נאָך „שטעטלעך": „אויף די חורבות פון פלוינע" און „ביי די טייכן פון מאַזאָוויע". בורשטין האָט קינסטלעריש אויף ס'ניי אויפגעבויט דאָס יידישע „שטעטל" נאָענט פון מבול. לייב ראַשקין האָט אויך געבראַכט אין דער יידישער ליטעראַטור אַ ניי יידיש „שטעטל": „די מענטשן פון גאָדל־באָזשיץ".

אָבער גאָר אַנדערש איז „מיין היים". יחיאל לערער האָט אַריינגעאָטעמט אין „מיין היים" אַ בענקשאַפט פון דור־דורות, וואָס האָט זיך געריסן אין דער וועלט פון די צעקרימטע שטיבעלעך אין די יידישע שטעטלעך; ער האָט אין דעם שטעטלדיקן יידיש אויפגעשטעלט דעם גרויסן יחוס פונעם יידישן „שטעטל", דעם געראַנגל צווישן עלטערן און קינדער און אַלץ געמאָלן מיט אַזאַ דינקייט און מיט אַזוי פיל ליכט, וואָס פלאַקערט איבער די געמיטער פון די שטעטלדיקע יידן.

אַוודאי האָט יחיאל לערער נישט געריכט זיך, אַז ער זאָגט דעם לעצטן „יברכך" אויף אַ דורותדיק יידיש לעבן. ווי האָט עס אים געקאָנט גאָר איינפאַלן? לייענען מיר „מיין היים" און עס גייט אויף אין אונדז אַ בענקשאַפט, אַ צער איבער אַלץ, וואָס יחיאל לערער זינגט פאַר אונדז אויף. אונדז קאָן נאָך היינט נישט איינפאַלן, אַז „מיין היים" איז דער לעצטער קדיש אויף אַלע אונדזערע יידישע „שטעטלעך", אויף אַ דור־דורותדיק שטייגער לעבן, אַ לעבן פון תורה, פון חכמה, פון אַ כסדרדיקער מלחמה פאַר קיום, פאַר לעבן; דער לעצטער קדיש, די לעצטע עלעגיע, וואָס צערייסט די הימלען מיט קלאָג און מיט געוויין. ווייל איך פאַרענדיקן דעם מאמר נישט מיט

רייד, נישט מיט ווערטער. נאָר מיט דער פּתיחה, וואָס יחיאל לערער האָט געשריבן צו „מיין היים״:

„נאַקעט ווי אָדם״? — נישט גוט געזאָגט.
יענער האָט גאָרנישט און אַלץ דאָך פאַרמאָגט:
אַ גלויבן, אַ גאָט און פרייד פון אַ קינד.
און שרעק פון אַ קינד און מורא פאַר זינד.
נאַקעט בין איך, נאַקעט אויף אַ וואָר
אין טויזנט נײַנהונדערט זיבנאונדרײַסיקסטן יאָר.

כ'בין די מדבר אַליין, דאָס זאַמד דאָס פאַרברענטע,
אַ שול אַ פאַרשוועכטע פון שׂונאים געשענדטע,
אַ שוואַלבן־נעסט האַרבסט־צײַט, ווען ס'פאַלן די בלעטער,
אַ חורבה — אַ זכר נאָך געשטאָרבענע געטער,
אַ ביידל אין סאָד אונטער ווינטער־שניי בלײַכן —
און נאַקעטער נאָך ווי די אַלע פאַרגלײַכן.

אויך מיין עבר, דעם גאָלדענעם, האָט צײַט שוין פאַרווישט;
דאָך אַנומלט, ווען כ'האָב זיינע בלעטלעך געמישט,
און אין שעהען זיך דערמאָנט, אין מינוטן פאַרגאַנגענע,
ווי שטערנדלעך בלויע, אין נאַכט־רוים צעהאַנגענע,
ווי שוואַלבן פּויקע, איבער טײַך־פלאַך געפלויגן —
האָבן טרערן, ווי פונקען, געברענט אין די אויגן.
אָ גאָט, ווען זיי וואָלטן געפלאָסן ווי קוואַלן!
דאָך האָבן זיי פאַרגליט און אַראָפּ נישט געפאַלן.

„צוקונפט״, נאָוועמבער 1967

יהודה לייב (לעאָ) פינקלשטיין

א

ער איז געבוירן געוואָרן אין אַ יידישער שטאָט אין מדינת־פוילן, אין ראַדאָם, געבוירן געוואָרן אין אַ לומדישער, אַ גבירישער משפחה, דערצויגן געוואָרן אין די בעסטע חדרים. גאָר יונג געשמט פאַר אַ גרויסן למדן, אַן עילוי. ער האָט געקאָנט אָפּזאָגן גאַנצע מסכתות פון אויסווייניק און איז אויך געווען אַריינגעטאָן אין „נסתר״, געשליפן זיין מוח אויף די חלף־שאַרפן פון קבלה, געווען זייער אַ גרויסער מתמיד, און אונטער דער השפעה פון זיין מוטער, וואָס איז געווען אַ וווּיל־קענערין, אַ באַגאַבטע פּרוי מיט הויכער בילדונג, האָט ער אויך געלערנט אין די אומות־העולמדיקע שולעס אין ראַדאָם, אין קיעלץ, אין קראָקע און אין ניינצן־זיבעצן — אַריין אין יאַגעלאָנער אוניווערסיטעט, ווו ער האָט פיר יאָר שטודירט פילאָסאָפיע און פּאָלאָניסטיק.

איז טאָקע זיין אָנהייב געווען מיט צוויי דראַמעס אויף פּויליש: „גע־בראָכענע פליגל״ און „געוויסן״, וואָס זענען אויפגעפירט געוואָרן אין קיעלץ דורך פּוילישע אַרטיסטן און איז זייער גוט אויפגענומען געוואָרן פון דער פּוילישער קריטיק.

ער איז אָבער אין תוך געווען זייער שטאַרק אומצופרידן מיט זיינע אָנהייבן. ער איז געווען צו פיל אָנגעזאַפּט מיט דער גרויסער יידישער תורה־וועלט, פול געווען מיט דעם אַלטן יידישן נוסח און געהאַט אין זיך תשוקות צו אַן אייגענעם דרך אין דער וועלט.

האָט ער אין ניינצן־ניינצן געמאַכט אַ התחלה מיט אַ יידישן מאמר אין וואַרשעווער „מאָמענט״ און עס האָט גאָרנישט גענומען לאַנג ווי לעאָ פינקלשטיין איז געוואָרן אַ שם־דבר אין מדינת־פוילן און אויך מחוץ די פּוילישע גרענעצן.

וואָס זענען געווען זיינע אויפטוען? וואָס האָט ער מחדש געווען?

איז ער דאָך נישט געווען קיין מחבר, קיין קינסטלער, נישט געשריבן נישט קיין לידער און נישט קיין פּראָזע, וואָס איז דעמאָלט געווען דער שליסל צו די יידישע שטעט און שטעטלעך, צו די הערצער און די מוחות פון דער צאַפּלדיקער יידישער יוגנט. ער האָט אויך זייער זעלטן פאַר־עפנטלעכט מאמרים אין די יידישע ליטעראַרישע אויסגאַבעס פון יענע טעג. אויב ער האָט שוין יאָ זיך באַוויזן מיט אַ מאמר, איז עס געווען וועגן מחברים און פּראָבלעמען פון דער אומות העולמדיקער ליטעראַטור און קולטור, ווו ער האָט אַרויסגעוויזן זייער אַ סך בקיאות און זיין סטיל איז געווען אַ לומדישער, נישט קיין צו קלאָרער, וואָס אַ ליאַדע־ווער זאָל אים קאָנען אַזוי גרינג תופס זיין.

נאָך:

אַ שטענדיקער מיטאַרבעטער איז ער געווען נאָר אין דער יידיש־פּוילישער טאָגצייטונג אין וואַרשע „נאַש פּשעגלאָנד", וואָס איז געלייענט געוואָרן זייער זעלטן אין דעם יידישן הינטערלאַנד, וואָס איז געווען זייער ווייט און פרעמד צו דעם פּוילישן לשון און אַוודאי און אַוודאי נישט גע־האָט קיין שום נאָענטשאַפט צו דער פּוילישער ליטעראַטור און פּוילישער קולטור.

וואָס זשע האָט פאַרט גורם געווען, אַז דער נאָמען לעאָ פינקלשטיין זאָל אַזוי נאָענט ווערן דער יידישער יוגנט; יידישע שטעט און שטעטלעך זאָלן וואַרטן אויף זיין קומען און אים אויפנעמען מיט אַזוי פיל ליבשאַפט און יראת־הכבוד?

ב

דאַרף מען דאָ אויפנעמען אַן ענין, וואָס מען האָט זייער זעלטן וועגן אים גערעדט, און עד־היום איז ער געבליבן פאַרשלאָסן. דאַרף מען אויפ־הייבן דעם פּאָרהאַנג און דערזען די גרויסע ראָלע, וואָס עס האָט געטאָן אָפּשפּילן אויף דער יידישער בימה אין מדינת־פּוילן: פריִער דער מגיד, דערנאָך דער מטיף און גאָר שפּעטער — דער פאָלקס־רעדנער. נישט איין מאָל האָב איך געטראַכט: פאַר וואָס האָט די יידישע ליטעראַטור עד־היום נישט געשטאַלטיקט די דאָזיקע שליחים, וואָס האָבן זיך באַוויזן אין די

יידישע שטעט און שטעטלעך, האָבן צעפּלאָמט דעם יידישן מענטש מיט אַזוי פיל אמונה אין דער השגחה איבער דעם מענטש און געוואָרנט קעגן שלעכטס, וואָס פאַרדאַרבט די וועלט, דעם מענטש, דאָס לעבן?

רעדט מען שוין וועגן דעם, דאַרף אויך דערמאָנט ווערן דאָס „רבילע", וואָס פלעגט בין־מנחה־למעריב אין די בתי־מדרשים, לערנען מיטן „פּאָלקס־ייד" אַ פּרק „עין־יעקב". זומער און ווינטער, אַרום לאַנגע טישן, אויף דער מערב־וואַנט, זיצן הונדערטער יידן, פאַרהאַרעוועטע פון דעם טאָג פּרנסה, און אין מיטן זיצט אַ צעיאַכמערטער דאָס „רבילע" איבער אַן אָפענעם „עין־יעקב". דאָס „רבילע" פאַסעוועט די יידן, מאַכט פאַר זיי לעבעדיק די גרויסע פעסער סמאָלע, וואָס פלאַמען אין די הימלען און וואַרטן אויף די בעלי־עבירה, די מלאכי־חבלה זאָלן זיי דאַרטן ברענען און בראָטן.

מערסטע פון די דאָזיקע יידן האָבן אַפילו נישט געוווּסט, וואָס עס איז זינד. זיי האָבן יאָ געוווּסט פון אַ שווער און ביטער לעבן. אָבער דאָס „רבילע" האָט געפאַסעוועט, געריסן די אָדערן מיט יענער גרויסער מיס־טעריעזער וועלט, וואָס איז גאָר גוט צו צדיקים, צו פרומע און גוטע, און קאָן נישט פאַרטראָגן דעם רשע, דעם זינדיקן.

דערמאָנט זיך מיר: ניינצן־פינף־און־צוואַנציק. לייוויק איז ביי אונדז אין שטעטל. פאַר דעם „אָוונט" וויל לייוויק זען אַ בית־המדרש צווישן מנחה־מעריב. מיר קומען אַריין אינעם „אַלטן בית־המדרש", לייוויק דער־זעט די לאַנגע טישן, אַרום זיי יידן מיט צעפּלאָמטע בערד, זיצן און פול מיט פּחד פאַרנעמען זיי דאָס גרויסע געמעל. וואָס עס מאָלט פאַר זיי דאָס „שוואַרצע רבילע" פון די דפים פון „עין־יעקב". לייוויק האָט דאָס בילד קיין מאָל נישט פאַרגעסן. ווען עס האָבן זיך אַ מאָל געטראָפן לייוויק מיט שמואל ניגער אין אונדזער שטוב, האָט לייוויק דערציילט פון יענעם פאַרנאַכט אין אונדזער שטעטל. איז געקומען די שאלה: פאַר וואָס איז דאָס נישטאָ אין דער ליטעראַטור? פאַר וואָס איז נישטאָ דער מגיד, דער מטיף, דאָס „רבילע", דער פאָלקס־רעדנער, וואָס האָבן אַזוי פיל משפּיע געווען דאָס יידישע לעבן, פאַרבינדן דעם שטעטלדיקן ייד מיט דער גרויסער וועלט און מיט דער פאַרהוילענער „יענער וועלט"?

ג

אוודאי זענען ס׳רוב רעדנער געשיקט געוואָרן פון די יידישע פּאַרטייען איינצונעמען די יידישע שטעט און שטעטעלעך פאַר זייערע אידעען. זענען טאַקע נישט איין מאָל געפירט געוואָרן גאָר גרויסע געפעכטן אויף דער שטעטלדיקער בימה פאַר דער „באַהערשונג״ פונעם יידישן שטעטל. אָבער אַ גאָר באַזונדער כיתה זענען געווען די רעדנער אָן דער פּאַרטייישער חתימה. זיי האָבן געמעגט זיין פּאַרטייער, אָבער זענען נישט געווען קיין פּאַרטיי־שליחים. מערסטנס זענען זיי געווען יידישע קינסטלער, שרייבער, געלערנטע, תלמידי חכמים, וואָס זענען געקומען „פאַרשפּרייטן תורה״, ליכט אין דער פינצטערניש פון דעם יידישן שטעטל. די ענינים, וואָס די דאָזיקע כיתה האָט אַרומגערעדט, זענען געווען פון גאָר אַן אַנדער מין, וואָס דער פּאַרטייער האָט „געפּרעדיקט״. זיי האָבן געבראַכט אין יידישן שטעטל ליטעראַטור, מסביר געווען גרויסע און האַרבע קולטור־שאַלות, געלייזט פילאָסאָפישע פּראָבלעמען, געבראַכט דעם אָפּקלאַנג פונעם יידישן ליד, געעפנט פאַר דעם שטעטלדיקן ייד טיר און טויער צו די נייע גרויסע יידישע וועלטן.

אין דער דאָזיקער כיתה האָט לעאָ פינקלשטיין געשפּילט די ערשטע פידל. ווען ער איז געקומען אין אַ יידישע שטעטל, אָדער ווען ער פלעגט דרשענען אין די יידישע „פאָלקס־אוניווערסיטעטן״ אין וואַרשע, איז דער עולם געווען אין אַן אַנדער וועלט. ער האָט „געשפּילט סימפאָניעס״ מיט זיין מויל, מיט זיין גרויס וויסן, מיט זיין בקיאות אין אַלץ, וואָס האָט געהאַט אַ שייכות צום יידישן קולטור־לעבן און דעם קולטור־לעבן פון די אומות־העולם. זיינע דרשות זענען געווען דורכגעוועבט מיט אַ מאמר חז״ל, מיט זייער טרעפלעכע פסוקים פון תנ״ך, מיט מדרשים, מיט בליצן פון „נגלה״ און פון „נסתר״ און מיט אַ תנועה פון די גרויסע אין דער אומות־העולמדיקער ליטעראַטור.

האָט מען געקאָנט אַזוי אָפּזיצן לאַנגע שעהען און הערן, ווי לעאָ פינקלשטיין צעשפּילט זיך מיט יצחק לייבוש פּרצעס „ביי נאַכט אויפן אַלטן מאַרק״ און וויספּיאַנסקיס „חתונה״, אָדער „צווישן די שורות פון לייוויקס גולם״. אַזוי איז מען געזעסן, פאַרגאַפטע, פאַרטיפטע אין די פייערלעשער־

שאָפעס, געהאָנגען אויף די ווענט, און לעאָ פינקלשטיין האָט מיט פאַרבן, מיט ליכט און מיט שאָטן, געמאָלט די גרויסע געשטאַלטן פון די קינסט־לערישע ווערק, וואָס זענען געקומען אין זיין רשות.

אַז לעאָ פינקלשטיין האָט דערפילט, אַז דער עולם הימלט, חלשט פון גרויס התפעלות פון זיינע רייד, פלעגט ער אונטערזאָגן אַ הלצה, וואָס פלעגט לייכטער מאַכן דאָס געמיט, דער עולם זאָל קאָנען אָפּכאַפּן דעם אָטעם און — אים פירן ווייטער, טיפער אין דער מיסטעריע פון יצירה.

גאָר היימיש איז ער געווען מיט דער אַלטער און נייער יידישער ליטעראַטור. ער איז געווען „אין דער היים" אין „דער גאָלדענער עפּאָכע פון שפּאַניע", און אין אָפּאָטאָשוס „פוילישע וועלדער", אין י. י. שוואַרצס „קענטאָקי" און אין מאַני לייבס „באַלאַדן", אין לעיעלעס „שלמה מולכו" און אין שלום אַשס „קידוש השם", אין מנחמס „זאַוול רימער" און אין משה לייב האַלפּערנס „גאָלדענע פּאַווע", אין מלך ראַוויטשס „בלוט אויף דער פאָן" און אין אורי צבי גרינבערגס „מעפיסטאָ", אין קאַדיע מאָלאָ־דאָווסקיס „חשוונדיקע נעכט" און אין פרץ מאַרקישס „קופּע". איז געקומען צו די אומות העולם, האָט ער זיך אונטערגעבעטן מיט די „פייניקונגען" פון דאָסטאָיעווסקיס פאַרשוינען און מיט די לאַנדשאַפטן פון טאָלסטאָיס „מלחמה און שלום." האָט אים געפעלט צום רומל, האָט ער שטענדיק געהאַט גרייט ראַיות פון היינע, פון רילקע און אַ קוויק געטאָן דעם עולם מיט די שילדערונגען פון ראָמען ראָלאַנס „זשאַן קריסטאָף".

איז מיר אַ מאָל אויסגעקומען צו הערן אים דרשענען פאַר די יידישע אַקאַדעמיקער, איז גראָד פאַר זיי האָט ער גערעדט וועגן דער גרויסקייט פון פּרצעס „גאָלדענע קייט". אַז איך האָב אַן אַנדערש מאָל אים געהערט רעדן פאַר אַ בונדישער גרופּע, האָט ער גערעדט וועגן ר' לוי יצחק באַרדיטשעווער.

אַז איך האָב אים געפרעגט: ר' יהודה לייב, היתכן? האָט ער מיר געזאָגט מיט אַ שמייכעלע: מען דאַרף זיי אַ ביסעלע אונטערשמדן.

אַזוי־אָ איז לעאָ פינקלשטיין געגאַנגען מיט זיין תורה־זעקל איבער מדינת־פוילן, אַ זעקל פול מיט תורה, מיט וויסן, מיט קלוגשאַפט, מיט חריפות און מיט ליבשאַפט צום פוילישן ייד, מיט טיפער פאַרשטענדעניש

פאַר דעם לעבן אין די שטעט און שטעטלעך און מיט זיין גרויסער תשוקה צו ברענגען דעם פאַרחושכטן, פאַרמאַטערטן, פאַראָרעמטן פוילישן ייד, אַ ביסעלע וואַרעמקייט, אַ טראָפּן טוי פון די קינסטלערישע וועלטן, פון וועלכע ער האָט אַזוי פיל געטרונקען.

מיר זענען אַ מאָל ביידע געגאַנגען צו דער פּרעמיערע פון זשער־ראָמסקיס „קאָשולקע", נאָך דעם — אין אַ קאַוויאַרניע אויף אַ טעפּעלע קאַווע מיט שמאַנט. עס איז געווען נאָענט פון מיין פּאַרלאָזן פוילן. האָט ער מיך באַוואָרפן מיט פאָרווורפן, מיט טענות, פאַר וואָס „מען האַלט אין איין אַנטלויפן פון פראַנט". ער האָט מיר אויסגערעכנט אַ גרויסע צאָל, וואָס זענען געלאָפן, טייל קיין מאָסקווע און טייל נאָך ווייטער. ער האָט עס נישט גורס געווען. ער האָט מיר באַוויזן מיט אותות ומופתים, אַז ווען מען אַנטלויפט — אַנטלויפט מען. דאָס איז גאָרנישט פון די גרויסע חכמות. קיין העלדישקייט אַוודאי נישט.

ווען מיר האָבן זיך געזעגנט, האָט ער מיר געזאָגט מיט אַ שאַרפקייט פון אַ חלף: איך בין אַ פּוילישער ייד, איך אַנטלויף נישט. ער האָט מיר מבטיח געווען: ווען איך וועל נאָר זיין אין אייער שטעטל, וועל איך אָפּשטאַטן אַ וויזיט אייער מאַמען. ער האָט זי ליב געהאַט, ווייל ווי נאָר ער האָט זיך מיט איר געטראָפן, האָט זי אים אַוועקגעפירט אין אַ ווינקעלע פון אונדזער שטוב און אים שטיל געפרעגט: אָבער אין גאָט גלייבט איר? ער האָט עס נישט געקאָנט פאַרגעסן.

ד

אין די שפּעטערע יאָרן האָט זיך לעאָ פינקלשטיין באַוויזן זייער אָפט מיט מאמרים אין זייער אַ סך יידיש־ליטעראַרישע אויסגאַבעס. געשריבן סיי וועגן דער יידישער און סיי וועגן די אומות העולמדיקער ליטעראַטורן. עס איז נישט געווען אין זיינע אַרבעטן קיין גרויסער פאַרנעם, עס איז געווען — רעצענזיע.

עס דאַרף דערמאָנט ווערן, אַז אויף דעם גאַנצן יאַריד איז נישט לעאָ פינקלשטיין אַריינגעפאָרן מיט אַ בוך, האָט נישט אַפילו צוזאַמענגענומען זיינע געדרוקטע מאמרים אין אַ בוך. אַלע האָבן זיך טאַקע געחידושט.

עס איז אויסגעקומען, אַז דער עיקר ביי אים איז דאָס לעבן אַ פול יידיש לעבן און זיין תמיד גרייט צו שטעלן זיך אין באַשיצונג פון דעם פוילישן ייד, אַז אַרויסגעבן זיינס אַ בוך איז ביי אים אַ טפל.

האָט ער זיך געלאָזט שיקן פון זיין פאָלקס־פּאַרטיי פאַר אַ „דאָזאָר" אין דער וואַרשעווער קהילה און האָט דאָרטן געפירט אַ מלחמה פאַר דער יידישער שול און יידישער קולטור. דערנאָך, נאָענט צום חורבן, איז ער אַריבער צום „בונד", צו זיין אַן אייגענער אין די מחנות, וואָס פירן אַ פאַר־עקשנטן געפעכט פאַר די רעכט פון יידן אויף דער פוילישער ערד.

ער האָט זיך זייער אַ סך באַטייליקט אין די בונדישע ליטעראַרישע אויסגאַבעס, געשריבן גרעסערע מאמרים אין דער „ביכער־וועלט", זעלטן־ווען האָט ער געשריבן איבער פּאָליטיק. אין ליטעראַרישע ענינים איז ער געווען אַ גרויסער מחמיר, נישט דערלאָזט דעם קלענסטן פּגם אין אַ שטיקל פּראָזע, אָדער אין אַ ליד. געווען אַ דם־שונא פון די „דריי שטערנדלעך", די כלערליי שונדיסטן, וואָס האָבן אָנגעהויבן צו „בושעווען" אין דער יידישער ליטעראַטור. האָט ער דערפאַר געזוכט מיט ליכט דאָס עכטע, דאָס ריינע קינסטלערישע, דאָס וואָרט, וואָס האָט געהאַט אין זיך שליחות, אידעע, חלום און אייגנקייט.

איך געדענק, ווי ער האָט זיך צעשריבן וועגן רחל קאָרן, וועגן י. י. סיגאַל און וועגן אַ סך אַנדערע, וואָס זענען געקומען מיט אַן אייגן וואָרט.

וואַרשע האָט געוווּסט, אַז לעאָ פינקלשטיין קאָן געבן אַ תשובה אויף אַ שאלה. עס האָבן געוווּסט למדנים און עס האָבן געוווּסט געלערנטע. האָט מען טאַקע פאַר אים „געציטערט", מען האָט מורא געהאַט מיט אים אָנצו־הייבן, ווייל מען האָט נישט געוואָלט פאַרשפּילן.

אין אַ שטילער שעה האָט מען אים געזען זיצן פאַרטיפט אין אַ שמועס מיט ישראל שטערן אָדער מיט וויקטאָר שולמאַן. האָט מיר טאַקע אַ מאָל דערציילט וויקטאָר שולמאַן, אַז פאַר לעאָ פינקלשטיין זענען נישטאָ קיין שום נסתרות, אַלץ איז ביי אים אויף דער האַנט, אַז ער קען מער, ווי ער מיינט, אַז ער קען. דערפאַר איז ביי אים אַלץ אין אַן ענציקלאָ־פּעדישער פּינקטלעכקייט. ער געדענקט קלאָר דעם „מורה נבוכים" און דעם „תורת העולה" — אַ פילאָסאָפישער טראַקטאַט פון רמ"א.

נאָך: ער האָט זיך קיין מאָל נישט געגרויסט מיט זיין וויסן פאַר אַזעלכע, וואָס ער האָט געוווסט, אַז זיי וויסן ווייניקער פון אים. אָבער די, וואָס האָבן געוווסט מער, אָדער אים האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז זיי ווייסן מער, קעגן זיי איז ער געשטאַנען אייזן און שטאָל, נישט געלאָזט זיך רירן פון אָרט, מיט גרויס עקשנות פאַרטיידיקט זיין פּאָזיציע.

האָט טאָקע דערציילט אַ גרויסער יידישער וועלט־למדן, וואָס ווערט פאַררעכנט פון די גרעסטע למדנים אין אונדזער דור, אַז בשעת ער איז געגאַנגען מיט לעאָ פינקלשטיין אין איין חדר, געלערנט ביי איין רבין, האָט שוין דעמאָלט קיינער נישט געקאָנט אים אָפּפרעגן. געהאַט אַן אָפּענעם קאָפּ און געווען אַ גרויסער בעל־זכרון.

אַזוי האָט געלעבט לעאָ פינקלשטיין אין מדינת פּוילן: איינגעזאַפּט אין זיך נוסח יידיש פּוילן, פול געווען מיט דור־דורות יידיש לעבן אויף דער פּוילישער ערד, זיך געהאַלטן אין איין קלאַמערן אין די מחנות, וואָס קאָנען ברענגען קרבנות, קאָנען גיין אויף קידוש השם פאַר זייערע אמונות.

דאָס אַלץ איז געווען לעאָ פינקלשטיין — קודם החורבן.

דערנאָך?

ה

יאָ, וואָס איז לעאָ פינקלשטיין דורכגעגאַנגען אין דער גרויסער שׂריפה? ווו איז ער אַנטרונען געוואָרן, אַז דאָס פייער זאָל אים נישט פאַרברענען?

עס זענען בלויז באַוווסט עטלעכע טרוקענע פאַקטן. מען ווייסט, אַז ער איז אַרויס פון פייער, געלאָזט הינטער זיך זיין יידיש־פּוילן אין העלישע פלאַמען. אַ נשׂרף, אַ נרדף, אין אַ גרויסן נע־ונד, האָט ער זיך דערשלעפּט אין ווייטן, קאַלטן רוסישן סיביר. געהאַקט די טיפע סיבירער וועלדער, זיך דערשלאָגן צו ווערן דער בוכהאַלטער אין אַ רוסישער שוויצבאַד. און אין אַ טאָג פון אַ פערציקגראַדיקן פראָסט האָט מען אים אויסגעפּוצט, אויסגעצוואָגן, אַרויפגעזעצט אים אויף אַן עראָפּלאַן און ער איז געקומען קיין מאָסקווע. עס האָט אויסגעקוקט אין זיינע אויגן, ווי אַ כישוף־מעשהלע. טרעטנדיק אויף דער מאָסקווער ערד, האָט ער נאָך אַלץ געמיינט, אַז עס

איז אַ חלום, פון יענע חלומות, וואָס קומען אויפן מענטש אין די גרויסע מדבריות פון סאַהאַראַ.

עס איז אָבער געווען וואָר. אין מאָסקווע האָט שוין דעמאָלט געאַרבעט דער יידיש־פּוילישער קאָמיטעט. לעאָ פינקלשטיין איז געוואָרן אַ גליד אין דעם דאָזיקן קאָמיטעט, וואָס האָט געדאַרפט רעגירן מיט דעם יידישן לעבן אין דעם פּוילן, וואָס וועט באַפרייט ווערן, היינט־מאָרגן.

די נע־ונד יאָרן ביז מאָסקווע זענען געבליבן אַ פאַרמאַכט בלאַט אין זיין לעבן. ער האָט זייער זעלטן וועגן זיי גערעדט, זיך אָפּגעזאָגט זיי צו באַשרייבן.

בשעת אַ שפּאַציר מיט אים אין אַ גרויסער שטאָט, אין אַ מיטן דער נאַכט, דערציילט לעאָ פינקלשטיין, רעדט וועגן יידיש־פּוילן, רעדט וועגן חורבן, רעדט וועגן זיין נע־ונד. דערציילט זייער לאַנג וועגן דעם גרויסן יזכור־צוזאַמענקום אין מאָסקווע, ווו עס זענען געווען די שענסטע פון דער יידיש־פּוילישער שארית־הפליטה. געווען אויך די יידישע שרייבער־וועלט פון מאָסקווע. דערציילט, וואָס עס האָט זיך יענע נאַכט אָפּגעטאָן בשעת משה קוסעוויצקי האָט געמאַכט דעם „מלא" נאָך די אומגעקומענע, די קדושים וטהורים, די מיליאָנען יידן, די פאַרברענטע, די צעשטויבטע פון די רוצחישע הענט. ווי מאָסקווער יידישע שרייבער זענען אויפגעגאַנגען אין אַ גרויס יאָמערלעך געוויין, זיך געשלאָגן די קעפּ אין די מירמלנע ווענט. בשעת מען האָט אַ פרעג געטאָן: יהודה לייב פינקלשטיין, נו, דערציילט, באַשרייבט דאָס אַלץ, זאָל די יידישע וועלט וויסן. האָט ער אין אַ גרויס שטילקייט געזאָגט:

איר האָט געלייענט, זיך געוויגט איבער „יון מצולה", די כראָניק פון דעם עד־ראיה, ר' נתן־נטע האַנאָווער, פון די צייטן פון גזירות ת"ח ות"ט, האָט איר דאָך אַוודאי געלייענט זיין קליינע הקדמה מיט זיין התנצלות, בכן ער שעמט זיך צו דערציילן, וואָס ער דערציילט, ווייל ער וויל נישט פאַרשעמען דעם נאָמען מענטש.

איז דאָס געווען זיין ענטפער אויף די שאלות, פאַר וואָס ער שווייגט און דערציילט נישט פון זיינע יאָרן פון נע־ונד, די יאָרן פון עבודת פרך, פאַרשעמונג אין וויטן קאַלטן סיביר.

ער איז געקומען צוריק אין מדינת־פוילן.

ווענמען האָט ער דאָרט געטראָפן? וואָס האָט ער דאָרט געטאָן?

ו

טאַקע, ווענמען האָט ער געטראָפן און וואָס האָט ער געקאָנט טאָן:

די רויכן האָבן נאָך געריכערט, די אַשן האָבן נאָך געבריט און פון די חורבות האָט זיך צעטראָגן דער גרויסער יידישער יאָמער פון חורבן. לעאָ פינקלשטיין איז מבולבל געוואָרן. דאָס, וואָס ער האָט געטראָפן, געזען, האָט נישט געהאַט קיין שום פאַרגלייך מיט די גרוילן, וואָס ער האָט זיך פאָרגעשטעלט, אויסגעמאָלן.

ער האָט דערזען, אַז דער פוילישער ייד איז מער נישטאָ, מען האָט אים אויסגעריסן מיט די וואָרצלען; אַז אין די עטלעכע יאָר פון דער שריפה, האָט מען צעטראָטן דעם טויזנטיאָריקן יידישן ישוב אין מדינת־פוילן, אים חרוב געמאַכט אויף אייביק.

האָט ער געוואָגלט איבער די יידישע ישובים, געקומען אין אויסגע־ליידיקטע חרובע יידישע שטעט און שטעטעלעך, און אויף אַלע זייבע רופן האָבן בלויז געענטפערט ווידערקולות פון אַן אַמאָליק לעבן. וואָס זשע האָט ער געטאָן? איז דאָך יידיש־פוילן געווען זיין אָטעם, דער יסוד פון זיין לעבן, דאָס ליכט פון זיינע אויגן, זיין האַרץ, זיין מוח.

ער האָט זיך אָװעקגעזעצט „על נהרות פוילן" און גענומען שרייבן זיין „מגילת פוילן". גענומען אויפבויען אויף ס'ניי דאָס טויזנטיאָריקע יידיש־פוילן, אַוועקשטעלן אינעם יידישן לעבן דעם פוילישן ייד, אים לעבעדיק מאַכן דורך זיין גאַנג איבער דור־דורות. האָט ער דאָך גאַנץ גוט געוווּסט, אַז זיין לעבן איז צו קורץ פאַר אַזאַ פאַרמעסט, האָט ער געמאַכט אַ קיצור, געוואָלט כאָטש אויפבויען דאָס שענסטע פון דער יידיש־פוילישער געשיכטע, כאָטש אַוועקשטעלן דעם בית־המקדש פון די פוילישע יידן, לעבעדיק מאַכן די גאונים, די לומדים, די סופרים, די מנהיגים און עסקנים, וואָס האָבן דורך דור־דורות געצונדן די מנורות אינעם יידישן לעבן.

הייבט ער אָן זיין „מגילת פוילן":

„איבער די טייכן פון פוילן זיצן די ניצול־געוואָרענע רעשטלעך פון

צעשטערטן יידישן ישוב און דערמאָנען מיט ווייטיק די פאַרשווונדענע יאָרן. ווי אַ טערקלטויב פון די שפּאַרבער־נעגל האָבן זיי זיך אַרויסגעריסן פון די נאַציסטיש־רוצחישע הענט, און האַלב־וואַנזיניקע מיט פאַריתומטע אויגן קוקן זיי איצט אויף די חורבות פון אַמאָליקן פּויליש־יידישן פּראַכט. מחשבות שוועבן אין דער נאָענט־ווייטער פאַרגאַנגענהייט, גראָבן־אויף אין זכרון בלענדנדיקע בילדער פון פאַרצייטיקן פּויליש־יידישן שטייגער, וואָס איז געווען אָנגעפּילט מיט פאַרשידנאַרטיקער שפע; מיט ווילטאָג און נויט, זעטיקייט און הונגער, פרייד און אומעט, אַרבעט און געראַנגל, געלעכטער און געוויין. אין אַלעם, וואָס איז במשך פון לאַנגע יאָרהונדערטער געבויט געוואָרן אין פּוילן, איז פאַראַן אַ גרויסער חלק יידישער פליס, יידישער מי, יידישער שווייס און ענערגיע".

ווייטער:

„איצט זיצט ביי די ברעגעס פון דער ווייסל אַ הייפל בונקער־יידן און וואַרפט אַרום זיך פאַרלוירענע בליקן. איינגעהילט אין בליי איז איצט דער פּוילישער הימל, וועלכער האָט אַ מאָל זוניק געשמייכלט צום אַלט־געזעסענעם פּוילישן ייד. קאַלט־פרעמד איז געוואָרן די פּוילישע לאַנד־שאַפט, וואָס האָט אַ מאָל צאַרט געגלעט דאָס יידישע אויג. פאַרוויסט זענען געוואָרן די יידישע גאַסן, איבער וועלכע עס האָט זיך געהערט דער האַמערקלאַפּ פון יידישן בעל־מלאכה און פיבערהאַפטיקער רוף פון יידישן קרעמער. פאַרשטומט איז געוואָרן דאָס פאָלקסליד פון יידישן אַרבעטער און קאַמפּסליד פון יידישן רעוואָלוציאָנער. אָפּגעהאַקט זענען געוואָרן די פלאַמיקע רייד פון די פאָלקס־רעדנער, וואָס האָבן ביים יידישן מאַסן־מענטש געוועקט ווערדע און שטאָלץ. ביים יידישן וויסנשאַפטלער האָט מען אַרויסגעריסן דאָס בוך, ביים יידישן דיכטער — די פען, ביים יידישן קינסטלער — דעם פּענדזל. אַלע, אַלע האָבן אויף אַ מיתה־משונהדיקן אופן אויסגעהויכט זייערע נשמות אין די היטלעריסטישע גאַזקאַמערן, אָפּגעווישט איז געוואָרן פון דער פּוילישער ערדפלאַך דער אויף דער גאָרער וועלט שעפערישסטער יידישער קיבוץ. ווי זאָגט ביירען:

דער פויגל האָט זיין נעסט,
די חיה — איר הייל,

דער מענטש — זיין היים,
דער ייד — נאָר אַ בית־עלמין.

איצטער האָבן מיר אַפילו נישט קיין בית־עלמין. דאָס אַש פון אונדזערע אומגעקומענע האָט דער ווינט צעבלאָזן איבער אַלע עקן פון דער פוילישער און אוקראַינישער ערד״.

ז

„מגילת־פוילן״ האָט לעאָ פינקלשטיין געשריבן אויף דער „הייסער מינוט״. דאָס בוך פון נאָענט צו פיר הונדערט זייטן איז שוין געווען אָפּגעדרוקט אַנהייב ניינצן־זיבן־און־פערציק, אין דעם פאַרלאַג פון די פוילישע יידן אין בוענאָס־איירעס, אַרגענטינע.

לייענט מען אָבער „מגילת־פוילן״ ווערט מען פאַרחידושט פון דעם גרויסן פאַרנעם פון דעם בוך. עס וויקלען זיך פאַנאַנדער הונדערטער יאָרן יידישן לעבן אויף דער פוילישער ערד. עס הייבט זיך אָן קלאָרן דער יידיש־פוילישער נוסח. עס ווערט אָפּן דער גרויסער גוראַנגל, וואָס יידן האָבן דור־דורות געפירט אויף דער פוילישער ערד.

נאָך גרעסער ווערט דער חידוש: ווי האָט עס פינקלשטיין באַהאַלטן אין זיין זכרון די אַלע געשיכטלעכע דאַטעס, די פאַקטן, די נעמען פון די גרויסע מחברים, די ספרים, וואָס זענען געשאַפן געוואָרן אויף דער פוילישער ערד?

עס האָט געחידושט די באַגלייטונג פון דעם יידיש־פוילישן נוסח, דער שטייגער פון דעם לעבן פון פוילישן ייד אויף דער פוילישער ערד מיט די כלערליי פאָלקסלידער, וואָס זענען געזונגען געוואָרן פון אַלע קלאַסן אינעם יידישן לעבן.

אין „מגילת פוילן״ האָט לעאָ פינקלשטיין אויפגעבויט די אכסניה של תורה, וואָס דער פוילישער ייד איז געווען אין דער יידישער וועלט.

ווען איך האָב אים אַ מאָל געטאָן אַ פרעג, ווי לאַנג האָט אים גענומען „מגילת פוילן״ אָנצושרייבן, האָט ער גוטמוטיק אָן ענטפער געטאָן: טויזנט יאָר. אַז מען האָט פאַר זיך אַזאַ גרויס יידיש לעבן, איז גאָרנישט שווער אָנצושרייבן אַזאַ בוך.

פון דעסטוועגן באַוואָרנט ער זיך, ער וויל זיך גאָרנישט מאַכן אַזוי גרינג זיין אויפגאַבע. ער זאָגט:

„איך וויל דאָ באַלד מוסר־מודעה־זיין, אַז כ׳בין דאָס מאָל נישט אויסן צו געבן קיין אָביעקטיווע וויסנשאַפטלעך־געשיכטלעכע אָפּהאַנדלונג וועגן דער אַנטוויקלונגס־ליניע פון יידישן לעבן אין פוילן. דאָס איז היינט פאַר אַ פוילישן ייד ממש אוממעגלעך. ווייל דערצו פעלט אונדז באותו רגע ס׳בייטיקע געמיט, שכלדיקע געזעצטקייט און דערהויפּט פּסיכיש גלייכגעוויכט. ס׳כסדרדיקע קלעטערן איבער די חורבות, דער צעשראָקענער אַרומבליק איבער אונדזער פאַרוויסטונג, ס׳שטענדיקע מורמלען: „מה נשמו אוהליך יעקב ומשכנותיך ישראל״, די פאַר אונדז תמיד שוועבנדיקע טרעבלינקע־וויזיע, איז ווייט נישט מסוגל אָפּצושוואַכן אונדזער אינעווייניקסטן אומרו און פלאַטער. גיכער איז דאָ אונדזער באַגער עס׳ייזסטיש צו סקיצירן אַ געלויפיק בילד, וואָס זאָל איבערגעבן די גרונט־פּולסאַציעס פון אונדזער גייסטיקן שטייגער אין מדינת־פוילן, וועלכן מיר באַצייכענען מיטן אויסטערלישן נאָמען „אוירא דפולניא״.

„מגילת־פוילן״ איז אָבער מער ווי אַ „סקיצע״, מער ווי בלויזע „ווונקען״ צום פאַרגאַנגענעם יידיש־פוילישן לעבן. עס איז די יידיש־פוילישע געשיכטע אין ראשי פרקים, יידיש־פוילישער נוסח, שטייגער־לעבן פונעם פוילישן ייד, וואָס האָט זיך אויסגעדריקט אין זייער אַ סך יידישע פאָרמעס, עס איז יידיש־פוילן בזעיר־אַנפּין.

ח

נאָך „מגילת־פוילן״ האָט יהודה לייב (לעאָ) פינקלשטיין פאַרלאָזט די פוילישע ערד, נישט געקאָנט גובר זיין דעם יאָמער פון דער ליידיקייט — אַ לאַנד אָן יידן. נישט געקאָנט איבערטראָגן דעם שגעון, וואָס האָט זיך געריסן פון אַלע ווינקעלעך. ער איז געקומען אויף דער אַמעריקאַנער ערד, נישט נאָך דעם סיר־בשר, נישט צו ווערן זאַט. ער איז געקומען אין דער יידישער אַמעריקע צו זיין צווישן יידן, אָטעמען מיט יידישע האָפענונגען און מיט יידישער עקשנות, צו בויען, צו לעבן.

האָט זיך דאָ פאַר אים אָנגעהויבן אַן אַנדער וועלט. ער האָט געדאַרפט

זיך אָנהייבן איבערבויען, זיך איינברעכן אין אַ נייעם שטייגער. איז ער געגאַנגען צוריק צו זיין שרייבטיש, געוואָלט זיך ווידער גרונטעווען אין דעם יידישן עבר. האָט ער אָנגעשריבן זיין „פדיון השם", געוואָלט ווידער אַריינקוקן אין דעם תהום, דערזען דעם אומגעקומענעם ייד דורך לידער, וואָס יידישע קינסטלער מכל המינים. האָבן געזונגען נאָכן חורבן.

האָט ער אויך געוואָלט אָפּצאָלן אַ צינז צו זיינעם אַ בן־עיר און ער האָט אָנגעשריבן זיין „דאָ און דאָרטן", וועגן פּישל בימקאָ.

ער האָט זיך באַטייליקט אין אַ סך יידיש־ליטעראַרישע אויסגאַבעס. פאַמעלעך האָט ער אָנגעהויבן באַקומען באָדן אונטער זיינע פיס. ער האָט אָנגעהויבן דערפילן די היגע ליטעראַרישע סביבה. ער האָט זיך שוין אָנגעהויבן קענען אויף די היגע שרייבערישע קאַפּריזן.

האָבן מיר זיך געטראָפן, האָט ער קיין מאָל נישט גערעדט איבער דעם „דאָ", קיין מאָל נישט. שטענדיק — „דאָרטן", געזוכט זיך דערמאָנען און האָט תמיד געריסן פון זיך שטיקער, פאַר וואָס ער האָט נישט אָפּגעשאַצט אינעם גאַנצן פאַרנעם דעם פוילישן ייד.

נישט לאַנג, איידער ער איז געשטאָרבן, דעם ניין־און־צוואַנציקסטן יולי ניינצן־פופציק, אין ניו־יאָרק, ווער ער איז אַלט געווען פינף־און־פופציק יאָר, האָבן מיר זיך געטראָפן. אַ סך געשמועסט. ער האָט זיך דעמאָלט געריסמט, אַז אין דער קורצער צייט, וואָס ער איז דאָ, האָט ער באַקומען זייער אַ סך נאָענטע פריינד, דווקא צווישן די שרייבער. אָבער עס האָט אים גענאָגט אַ גרויסע בענקשאַפט צו דעם עבר, צו דעם ליכטיקן נעכטן. עס האָט זיך אים אָנגעהויבן דאַכטן, אַז מען הייבט אָן פאַרגעסן, וואָס עס איז נעכטן געשען. ער האָט פאַר מיר געקלאָגט, אַז ער פילט נישט מיט אַלעמען.

ער האָט מיר אַ סך מאָל געשריבן, אַז ער איז מיד, זייער מיד און ער וויל רעדן, ער וויל זיין אַלטן עמוד, ווו ער זאָל זיך קאָנען צעדר־שענען, ווי אַ מאָל, אַ מאָל. ער האָט מיר אַ סך מאָל געזאָגט, אַז ער איז נישט להוט נאָך שרייבן. ער האָט נישט געהאַט אין זיך קיין גרויסע אמונה, אַז ער קאָן אַ סך אויפטאָן מיט זיין שרייבערישן וואָרט. בכן, עס איז „דאָ" אַלצדינג אַזוי איינגעפעסטיקט, אַז „אַפילו משה רבינו קאָן אַזעלכע

פעסטונגען נישט רירן פון אָרט״. ער האָט געבראַכט ראַיות: „אָט האָב איך פאַרעפנטלעכט מאמרים: ,לשון יידיש און יידישער קיום׳, האָב דאָרט געמאַכט אַ שטיקעלע מרידה, אָבער שאַ און שטיל, ניגער טראָגט מיר אַנטקעגן דעם זעלביקן ,גוטמאָרגן׳ און עס האָט זיך גאָרנישט אויף אַ האָר נישט געענדערט״.

האָט ער געוואָלט רעדן, זיך אַראָפּרעדן פון האַרץ, איז אָבער נישט געווען קיין עמוד. איז אים געוואָרן ענג, עס האָט אים געקלעמט.

ט

דערמאָנט זיך מיר:

מיר האָבן זיך געטראָפן אין אַ גרויסער יידישער שטאָט אויף דער היגער ערד, אין אַ סביבה פון יידן, וואָס זענען אַלע געקומען פון איין שטאָט, צווישן זיי, זיינער אַ תלמיד, וואָס איז דאָ געוואָרן זייער אַ רייכער מאַן. עס איז געקומען אַ גרויסער עולם אים הערן, אַ סך פון זיי, געקומענע, געראַטעוועטע פון „דאָרטן״. האָט ער זיך אין זיין דרשה צעשפּילט אין תורה און אין חכמה.

נאָך דער דרשה, אין דער שטילער נאַכטיקער גאַס. מיר גייען. ער איז שטיל. יהודה לייב (לעאָ) פינקלשטיין וויינט. איך האָב אויפגעציטערט. איך האָב זייער גוט געהערט אין דער בכיה, אין דעם געוויין, נישט נאָר פינקלשטיינען, נאָר דעם יאָמער פון אַלע פוילישע יידן, וואָס זענען שוין נישטאָ.

מיר האָבן זיך פאַרקליבן אין אַ שטאָטישן גאָרטן, אויף אַ באַנק, אין דער שטילקייט, און ער האָט אָנגעהויבן צו רעדן. וועגן וואָס? וועגן די דריי און ניינציק יידישע מיידלעך פון דער וואַרשעווער „בית־יעקב״־שולע, וואָס האָבן זיך אויסגעצוואָגן, אויסגעוואַשן, אַזוי האָבן באַפּוילן די רוצחים. זיי האָבן טאַקע אַלץ געטאָן, ווי מען האָט געהייסן. אָבער ווען די גזלנים זענען געקומען, זענען זיי אַלע שוין געווען טויט. יעדעס מיידל האָט איינגענומען סם, אַבי נישט צו ווערן פאַראומרייניקט פון די מחבלים.

ער האָט געהאַלטן אין איין זיך וויגן: אַזאַ קידוש השם, אַזאַ גרויסקייט, אַזאַ ריינקייט! און ער האָט געזוכט נאָך אַזעלכע רינגען אין אונדזער

גאָלדענער קייט פון אונדזער אַלטער יידישער געשיכטע, וואָס איז פול מיט אַזעלכע גרויסע נסיונות.

האָט ער געוואָלט זיך אַריבערוואַקסן און ברענגען אין אונדזער ליטע־ראַטור כאָטש דעם אָפּשיין פון אָט די גרויסע אַקטן, וואָס האָבן זיך אָפּגע־שפּילט אין דער שריפה.

פאַרענדיקט לעאָ פינקלשטיין זיין „פדיון השם":

„אָבער מיט דער האַנט אויפן האַרצן: צי איז די קוואַליטאַטיווע גרויס פון די באַהאַנדלטע לידער, פּאָעמעס און דערציילונגען אין דער אַנט־שפּרעכנדיקער פּראָפּאָרץ צו דער גרויס פון אונדזער פּסיכישער אויפ־טרייסלונג? אויף דעם קאָן מען מיט אַ ריין געוויסן ענטפערן: ניין. זייער פאַרנעם איז ווייט־ווייט נישט לפי ערכדיק צו דער גרויס פון אונדזער בראָך. און דאָס איז אַוודאי נישט דערפאַר, ווייל די ציטירטע דיכטער און פּראָזאַיקער זאָלן חלילה נישט האָבן קיין גענוג טאַלאַנט, אָדער זייערע ווערק זאָלן נישט זיין גענוג רייף. נאָר פּשוט דערפאַר, וואָס דער מזבח פון די זעקס מיליאָן אומגעקומענע יידן איז צו גרויס לגבי די בלוט־„בכורים", וואָס אונדזער דור שרייבער איז מסוגל צו ברענגען. ס׳מוזן נאָך אַדורכגיין דורות ביז די פּראָזע־אויפגעשוימטקייט וועט זיך ביי זייערע יורשים אָפּזעצן, ביז אונדזער היסטאָרישער אומרו וועט ביים מאָרגנדיקן אָדער איבערמאָרגנדיקן קינסטלער אַרויס פון פּרעדיקעריש־זאָגערישן גדר און וועט זיין מסוגל אַריינצוטרעטן אין די טיף־שעפערישע רעגיאָנען. דעמאָלט וועט די יידישע דיכטונג צו מאָל זיין בכוח אַרויסצו־ברענגען איבערצייגנדיקע בילדער, ריינע, אומגעפעלשטע, מיט ווייטיק אָנגעזאַפּטע קלאַנגען, וואָס וועלן מיט זייער עכטער צאַרטקייט און מוזי־קאַלישער ריטמיק באַווייזן אויפצורייסן די באַשפּינוועבטע וועלט".

י

יהודה לייב (לעאָ) פינקלשטיין האָט אין זיך כולל געווען דאָס שענסטע פון דעם פוילישן ייד. זיין „מגילת פוילן", זיין „פדיון השם", זיינע אַנדערע אַרבעטן, וואָס ער האָט מפרסם געווען נאָך דער שריפה, וועלן לייכטן אין אונדזער ליטעראַטור. זיין לעבן און זיין דרך דערציילן פון אַ ייד,

וואָס האָט מיט גרויס חשיבות און שטאָלץ תמיד געלאָזט וויסן זיין אָפּשטאַם און שטענדיק געזוכט דאָס גרויסע אינעם לעבן פונעם פוילישן ייד.

איז איידער איך קום צום „תם ונשלם״, וויל איך עפּעס דערציילן:

דאָ נישט לאַנג צוריק איז מיר אויסגעקומען צו לייענען אַ מאמר פון דעם יידישן ביבליאָגראַף און תלמיד־חכם ד״ר יצחק ריבקינד.

געלייענט האָב איך דעם מאמר אין „הדואר״, גליון ג׳, ניו־יאָרק, ח׳ בכסלו, תשכ״ז. דער מאמר האָט געהייסן: „גלעד להמבורג וקדושיה״.

ביים סאַמע סוף פון דעם מאמר ברענגט ד״ר יצחק ריבקינד אַ מימרא פון נחום סאָקאָלאָוו: „נחום סאָקאָלאָוו המשיל את יהדות פוילן לספר־תורה ויהודי פוילן לאותיות התורה. כל יהודי פולני הוא אות בתורה״.

אויף מאַמע־לשון הייסט עס:

„נחום סאָקאָלאָוו האָט פאַרגליכן דאָס פוילישע יידנטום צו אַ ספר־תורה און די פוילישע יידן — צו די אותיות פון דער תורה. יעדער פוילישער ייד איז אַן אות אין דער תורה״.

די מימרא האָט נחום סאָקאָלאָוו געזאָגט אין אַ סעריע אַרטיקלען איבער די פוילישע יידן, וואָס ער האָט אין ניינצן־זיבעצן פאַרעפנטלעכט אין „יידישן טאַגעבלאַט״, ניו־יאָרקער טאָגצייטונג, גדליהו בובליק, רע־דאַקטאָר.

איז עס גאָר אַ גרויסער זאָג. דער זאָג אַליין איז דאָך שקול כנגד גראָבע ביכער, וואָס מען זאָל שרייבן וועגן יידיש־פוילן.

מען דאַרף נאָר צוגעבן: יאָ, יהודה לייב (לעאָ) פינקלשטיין איז איינער פון די־אָ ליכטיקע אותיות.

„צוקונפט״, פעברואַר 1968

הלל צייטלין

א

הלל צייטלין איז געבוירן געוואָרן אין אַ שטעטעלע קאָרמע, מאָהילעווער גובערניע, אין חודש סיון תרל״א, אַכצן־איין־און־זיבעציק. זיין פאָטער — אַ למדן־מופלג. זיין מוטער — אויסערגעוויינלעך פרום, פאַרטיפט אין מוסר־ספרים, „אין גאַנצן חלום, פאָעזיע און חסידות", ווי דער זון האָט זי שפּעטער באַצייכנט אין אַן אויטאָביאָגראַפישער נאָטיץ. סיי דעם פאָטערס עלטערן און סיי דער מוטערס — איינגעטונקען אין לומדות, חכמה און חריפות. די גאַנצע גזע — פון די פייערדיקע חסידים הראשונים, פון די גאָר ערשטע חב״ד־פאַרשפּרייטער, מקורבים פונעם בעל־התניא, לויטער אמונה און לויטער געזאַנג.

קאָרמע איז געווען אַ חב״דיש־לומדיש שטעטעלע, פול מיט תורה, מיט שירה. ווען הלל צייטלין איז אַלט געווען אַרום זיבעצן יאָר, האָט מען אים שוין גערופן דער קאָרמער עלוי. חוץ ש״ס און פוסקים, האָט ער געלערנט מדרשים, חסידישע ספרים, קבלה־ספרים, מוסר־ספרים, חקירה־ספרים. ער איז פול געווען מיט רעליגיעזער התלהבות. דער טיפער חב״דער ניגון האָט אין אים געלעבט, געזונגען.

האָט ער זיך געפורעמט אין אַ דערהויבענער גייסטיקער סביבה, וווּ אַלץ, וואָס איז דאָ, איז נישט מער ווי אַ פּרוזדור צו העכערע, שענערע, דערהויבענע וועלטן.

ווען זיין פאָטער פאַרלירט זיין מעמד־פּרנסה, מוז ער פאַרלאָזן זיין שטעטעלע, דאַרף זאָרגן פאַר זיין אויסקומעניש. ווערט ער דעמאָלט אַ וואַנדערנדיקער דאָרפס־מלמד. ער דאַרף קנעלן מיט די קינדער פון פאַרגרעבטע ישובניקעס, קומען פּנים־אל־פּנים מיט דעם גשמיותדיקן אינעם לעבן.

ער וואַנדערט פון אָרט צו אָרט, איז אומרויק, קאָן נישט געפינען

קיין גייסטיקע מנוחה. אין משך פון אַכט יאָר איז ער אין זעכצן ערטער. האָט זיך פּאַר דער צייט דערנענטערט צו העברעיִשער ליטעראַטור, זיך אויך מיט גרויס ברען צוגעכאַפּט צו דער וועלט־ליטעראַטור. ער ווערט אַ העברעיִשער לערער אין האָמעל, וואָס איז דעמאָלט געווען אַ צענטער פון יידישער אינטעליגענץ. דאָרט טרעפט ער זיך מיט יוסף חיים ברענער און אַנדערע שרייבער פון יענער בראשית־צייט פון דעם יידישן רענעסאַנס.

ער שטעלט צונויף אַן אַנטאָלאָגיע פון געדאַנקען איבער דעם מענטש: „תורת האדם". פּאָרט מיט דער אַנטאָלאָגיע, אין אַכצן־זעקס־און־ניינציק, קיין וואַרשע. קומט צוריק אַן אַנטוישטער. עס איז אים נישט געפעלן וואַרשע. עס איז אים נישט געפעלן דאָס שרייבערישע געזינדל, וואָס ער האָט דאָרט אין יענער צייט געטראָפן. האָט זיך אויף אַ קורצער צייט באַזעצט אין ווילנע, ווו ער ווערט אַ פּירנדיקער מיטאַרבעטער פון דער העברעיִשער טאָגצייטונג „הזמן". אין ווילנע האָט ער, אונטער דער השפּעה פון אברהם רייזען, אָנגעהויבן צו שרייבן אויך יידיש.

ביז ער איז (אין ניינצן זיבן) געקומען און זיך באַזעצט אין וואַרשע, האָט ער שוין זייער אַ סך גרויסע און וויכטיקע אַרבעטן געהאַט געדרוקט אין די וויכטיקסטע העברעיִשע אויסגאַבעס, געווען שוין באַקאַנט, ווי אַ גרויסער בעל־מחשבה מיט אַן אייגענעם קוק אויף דער וועלט און מענטש. אַן אַנדער ייד אינעם יידישן לעבן.

ב

איז איידער מיר גייען מיט הלל צייטלינען אין דער קרוינשטאָט פון יידיש־פּוילן, וואַרשע, וועט כדאי זיין צו דערציילן, ווי אַזוי אַ תלמיד, וואָס האָט ביי אים געלערנט בימי זיינע וואַנדערונגען, האָט געזען און דערזען הלל צייטלינען, וואָס איז אַריינגעוואַקסן אינעם יידישן לעבן במדינת פּוילן און אין דער יידיש־העברעיִשער ליטעראַטור, ווו ער האָט געלייגט זיין חתימה לדור־דורות.

יצחק שׂדה, דער גרינדער פון פּלמ"ח און העלד פון די נגב־שלאַכטן, איז געווען זיינער אַ תלמיד, ווען הלל צייטלין איז געווען אַ לערער אין ראָסלאַוול. דערציילט ער וועגן אים אין „גאָלדענע קייט" (העפט פינף, תל־

אביב, ווינטער נײַנצן־פופציק) זײַנע זכרונות: „מײַן באַקאַנטשאַפט מיט הלל צייטלין און יוסף טרומפּעלדאָר". איז עס מער ווי זכרונות, אַ סך מער. מען דערזעט דעם אינעווייניק פון דעם ייד, וואָס איז געווען אַזוי דורכגענומען און איבערגענומען מיט דעם פּײַן און צער פון יידן אין דער וועלט, און די גרויסע בכיה, וואָס איז אין אים געווען איבער יידישע צרות.

ווער איין פּאַראַגראַף פון די „זכרונות" אונדז אַ סך דערציילן:

„אין גרויסרוסלאַנד זענען בכלל נישט פאָרגעקומען קיין ערנסטע אַנטי־יידישע אומרוען. איך געדענק נישט מײַנע איינדרוקן פון קישענעווער פּאָגראָם; איך דערמאָן זיך נישט, צי זענען די ידיעות, בכלל, דערגאַנגען צו מיר. אָבער איין מאָל — דאָס איז געווען אַ חודש אָדער צוויי נאָכן פּאָגראָם — ווען איך האָב צוזאַמען מיט מײַן לערער, צייטלין, געוווינט אויף דאַטשע, אין אַ דאָרפיש הײַזל, האָט מיך אין מיטן נאַכט אויפגעוועקט אַ שטאַרקער דונער. איך האָב געפילט, אַז עמעץ שטייט הינטער דעם שמאָלן ווענטל. אין שײַן פון אַ בליץ האָב איך דערזען מײַן לערער אין אַ לאַנגן ווײַסן נאַכטהעמד — זײַן פּנים ווײַס ווי קאַלך — שטייט אין מיטן חדר, רײַסט זיך די האָר פון קאָפּ און שרײַט: רבונו של עולם, וואָס ווילסטו פון מיר האָבן! איך האָב, קענטיק, זיך אַ ריר געטאָן אין בעט. ער האָט דאָס באַמערקט, איז צוגעגאַנגען צום בעט, אַוועקגעזעצט זיך לעבן מיר און אָנגעהויבן דערציילן וועגן דעם גרויסן אומגליק, וועגן דער גרויסער חרפּה אין קישענעוו — פון זײַנע אויגן האָבן זיך געגאָסן טרערן".

שוין דעמאָלט האָט הלל צייטלין געפרעגט, געזוכט אַן ענטפער אויף די שאלות, וואָס האָבן זיך פון אים געריסן צו די הימלען; שוין דעמאָלט האָט ער געזוכט די תשובות אין דער יידישער מחשבה, אין דער יידישער קונסט, אין דער יידישער יצירה, געזוכט אייגענעם יידישן קוק אויף אַלץ, וואָס געשעט אין אונדז און אַרום אונדז.

דער גרויסער צעברויזטער יידישער ישוב אין מדינת פּוילן איז אויפגעגאַנגען מיט זײַן וואָרט, געוואָרט אויף די תשובות, וואָס זאָלן קומען פון זײַן זוכן אין אַלע דרכים פון יידישן לעבן, פון עבר, פון הײַנט און עתיד.

האָט זיך מיט הלל צייטלין אָנגעהויבן אַ גרויסע סדרה אין מדינת־פוילן. מען דאַרף די סדרה לערנען און געדענקען.

ג

שליסקע גאַס, אַ יידישע גאַס, פול מיט געוועלבלעך, ישיבות, חסידים־שטיבלעך און תלמוד־תורהס. אַ גאַס פון אַ גאַנצן קנופּ יידישע גאַסן אין וואַרשע, גאַסן (גזשיבאָוו, טוואַרדע, פּאַנסקע, מאַריאַנסקע, שליסקע), ווו די מויערן, די שטיינער, די שויבן האָבן געאָטעמט מיט יידיש געזאַנג, מיט יידיש לעבן. האָט זיך הלל צייטלין מיט זיין משפחה, אַ פרוי, צוויי זין און אַ טאָכטער, באַזעצט אויף שליסקע זעכציק, און די גאַס, דער נומער, איז געוואָרן אַ שם־דבר נישט־נאָר אינעם יידיש־פּוילישן לעבן, נאָר אויך אין דער גאַנצער יידיש־וועלט.

האָט דאָך הלל צייטלין שוין אויך געוווינט אין ווילנע, איידער ער איז געקומען קיין וואַרשע, דאָרט געוווינט און שוין דאָרט געפירט שרייבערישן טיש. זענען דאָך אַהין שוין געקומען די גדולים פון דער העברעישער ליטעראַטור און אויך אָנפאַנגער — נאָך עצות, נאָך סמיכה.

אָבער אין ווילנע איז דאָך נישט געווען קיין וווּנדער, וואָס מען האָט זיך אין אים „געקלעפּט", זיך ביי אים געוואַרעמט.

שליסקע זעכציק אָבער האָט האָט צערודערט יידיש־פּוילן, יידיש וואַרשע. די וותיקים, די אַלט־געזעסענע, וואָס יעדער איינער האָט שוין געהאַט זיין „טיש", זיין חברותא, זיין רבין — דער „פרעמדער" האָט זיי אַלע מנצח געווען.

וואָס זשע איז געווען דער כוח, וואָס האָט געלעבט אין דעם ייד מיט דער אָבות־געשטאַלט, וואָס איז געוואָרן דער כוח־המושך פאַר די בעסטע צווישן אַלע יידישע גרופּעס, פּאַרטייען און לומדישע קרייזן אין מדינת פוילן — שוין אָפּגערעדט פון די, וואָס זענען געגאַנגען, עולה געווען מיט יצירה צו די הימלען?

איז דאָך אין יענע טעג, בשעת הלל צייטלין האָט זיך באַזעצט אויף שליסקע זעכציק, שוין געווען צעגליאַנע איינס, ווו עס האָט געקיניגט יצחק לייבוש פּרץ און פריִער נאָך איז געווען דער ליטעראַרישער סאַלאָן

ביי נחום סאָקאָלאָוו; עס זענען אויך געווען זייער אַ סך אַנדערע ווינקעלעך אין יידיש וואַרשע, ווו די אינטעליגענץ האָבן זיך געזאַמלט. נאָך:

איז דאָך הלל צייטלין באַלד אין אָנהייב נישט געווען קיין „יאָ־זאָגער", נישט קיין סתם „פלייצע־קלאַפּער" און סמיבה־געבער. האָט ער דאָך געזוכט אין יעדן איינעם דעם תוך, דאָס עכטע און געפירט מלחמה קעגן אַלץ און אַלע, וואָס האָבן נישט געהאַט אין זיך די ניצוצות פון יידישן דרך. איז דאָך שוין הלל צייטלין, בשעת ער איז געקומען זיך באַזעצן אין וואַרשע, געקומען פון דער „אַנדערער זייט". האָט ער דאָך שוין געהאַט אַריינגעקוקט אין די אויגן פון ניטשעס איבערמענטש און אין די מחשבות פון שפּינאָזע; שוין געהאַט זיך דערוווּסט, אַז „יענע וועגן" פירן נישט צו גרויס־יידישקייט און גיבן נישט קיין ענטפער אויף די יידישע שאלות, זוכענישן און בענקשאַפטן.

אַחוץ דעם האָט ער דאָך נישט באַלאַנגט צו קיין גרופּע, צו קיין אָרגאַניזירטער מחנה, וואָס זאָל איבער אים וואַכן, וואָס זאָל פאַר אים זאָרגן.

וואָס זשע איז געווען זיין כוח?

מיט יצחק לייבוש פרץ האָט ער נישט געלעבט בשלום. אַ „קליינקייט", ער האָט אין זיינעם אַ מאמר וועגן דער יידישער ליטעראַטור, אין יענער צייט, געזאָגט, אַז יצחק לייבוש פרץ האָט אַ הימל אָבער — נישטאָ קיין גאָט אין זיין הימל. יצחק לייבוש פרץ האָט זיך פון דעם זאָג געפילט זייער געטראָפן און זינט דעמאָלט איז געווען אַ קעלט צווישן די צוויי גרויסע יידן פון אונדזער דור. עס איז, חס־ושלום, נישט געווען צווישן זיי קיין שנאה, זיי האָבן זיך זייער אָפט געטראָפן ביי מסיבות, ווו עס האָבן זיך באַהאַנדלט יידישע ענינים, ספּעציעל ליטעראַרישע. זיי זענען אַ סך מאָל ביידע אויפגעטראָטן אויף ליטעראַרישע אָוונטן. אָבער קיין פריינדשאַפט, קיין נאָענטשאַפט איז צווישן זיי נישט געווען.

אלחנן צייטלין דערציילט אין זיין „אין אַ ליטעראַרישער שטוב" וועגן אַ צוזאַמענטרעף פון הלל צייטלין און יצחק לייבוש פרץ אויף אַ פייערונג פון אַלטערמאַנס פּרעבליסטין־שול, ווו יונגע יידישע קורסיסטקעס האָבן געלערנט העברעיש. איז באמת דאָס גאַנצע קאַפּיטל אַ גרויס קינסטלעריש

געמעל פון יענער צייט אינעם יידישן לעבן. אָבער דער עיקר אין דעם בילד איז דאָס געמעל פון יצחק לייבוש פּרץ, אַ געמעל, וואָס וואָלט זיך אויך גוט אַריינגעפּאַסט אין דער הלל צייטלין־געשטאַלט.

אלחנן צייטלין דערציילט:

„איינער אַ העברעיִשער לערער האָט מיט אַ שטיל וואַרעמען קול גענומען זינגען:

אויפן באַרג שטייט אַ בוים,
שטייט ער איינגעבויגן,
גייט אַ ייד קיין ארץ־ישׂראל
מיט פאַרוויינטע אויגן...

האָבן שוין אַלע אונטערגעכאַפּט:

גאָט, גאָט, גרויסער גאָט,
לאָמיר דאַוונען מנחה,
אַז יידן גייען קיין ארץ־ישׂראל
וועט זיין גרויס די שׂמחה...

„איך האָב געקוקט אויפן פּרצן. ער איז געזעסן טרויעריק. זיינע אויגן האָבן פייכטלעך געגלאַנצט, געקוקט ערגעץ ווייט. ער האָט עפּעס שטיל געברומט אונטער די וואָנסעס. מיט אַ מאָל האָט ער אַ באַוועג־געטאָן מיט זיין גרויסן קאָפּ, ווי ער וואָלט זיך אויפגעכאַפּט, ווי ער וואָלט זיך אין עפּעס דערמאָנט. פּאַמעלעך האָט ער זיך אויפגעהויבן פון טיש, נישט אַרויסגערעדט קיין וואָרט, צוגעגאַנגען צום פענצטער און שטיל גענומען פּויקן אין די שויבן, דורך וועלכע ס׳האָט זיך געפינצטערט די נאַכט. דאַן האָט ער זיך געלאָזט צו דער טיר. די קורסיסטקעס — נאָך אים. געמיינט האָט מען, אַז פּרץ גייט שוין אַרויס, איז געוואָרן אַ שטיקל באַוועגונג ביים טיש, אָבער באַלד האָט ווייטער אַ פריילעך־צעזונגענע חברה זיך געלאָזט ווילגיין, געקלאַפּט מיט די גלעזלעך, געקייט, געוואָרפן מיט וויצן, גלייכווערטלעך. מיך האָט אַפילו פאַרדראָסן, וואָס פּרץ זיצט שוין נישט

ביים טיש, אָבער באַלד בין איך שוין ווידער געווען פאַרנומען, פאַרכאַפּט פון דער וואַרעם־הייטערער שטימונג.

„מיט אַ מאָל איז איינע אַ קורסיסטקע, אַ קליינינקע, אַ פרישינקע און שוואַרץ־אויגיקע, מיט קורצע שלעכט־פאַרפלאָכטענע צעפּלעך און קליינע שאַרף־בלאַנקענדיקע ציינדלעך, צוריק אַריינגעלאָפן צו אונדז אין צימער, און האַסטיק, פאַרפלאָמט, גענומען שלעפּן מיט זיך אייניקע געסט, וואָס זענען געזעסן ביים ברעג טיש:

— קומט, וועט איר עפּעס זען!

„אין גרויסן, פוסטן זאַל איז געווען טונקל. בלויז אַ קאַרג, געדעמפט ליכט האָט געוואָרפן אַ בלאַסן שיין אויפן שוואַרצלעכן דיל, אויף די אומהיימלעך־באַשאָטנטע ווענט. אין מיטן זאַל, אויף דער ערד, איז געזעסן פרץ, די פיס פאַרלייגט אונטער זיך, ווי אַן אַראַבער, ווי אַ טערק. די גרוילעכע האָר צעשויבערט, די אויגן — צעגליט. אַרום אים, אין אַ קרייז, זענען געווען אויסגעזעצט קורסיסטקעס. פרץ האָט געזונגען, די מיידלעך האָבן אים אונטערגעהאָלפן, אונטערגעברומט. איך האָב אויפ־געשפּיצט די אויערן: העברעיִש. אַן ארץ־ישׂראל־ליד, דאַכט זיך: „יה, חלילי, יה עמלי". אין אָנהייב האָט פרץ געזונגען שטיל, טרויעריק, דערנאָך האָט זיך זיין גראָבלעכע, הייזעריקלעכע שטים געשטאַרקט, צעוואַרעמט. אויך די מיידלעך האָבן גענומען זינגען פעסטער, ברוסטיקער:

מסביב למדורה,
האספו, רועי צאן...
נסע, נסע אל היער... הוי!"

אלחנן צייטלין פאַרענדיקט זיין ליבטיק קאַפּיטל („אין אַ ליטעראַ־רישער שטוב" — „דורך פאַרטאָגיקע שויבן"):

„איז דען אַ וווּנדער, ווען אַ דיכטער אַנטלויפט אין איינער אַ נאַכט פון זיך און קוקט אַזוי לאַנג דורך די פינצטערע שויבן, ביז עס נעמט אויפגיין אַ בייער, יונגער פאַרטאָג?..."

אין שפּעטערע יאָרן, האָט מען ביי ליטעראַרישע מסיבות נאָך אַ מאָל איבערדערציילט „יענע נאַכט", און עס האָט נאָך צוגעגעבן צו דעם אפרים

קאַגאַנאָווסקי: „יענע נאַכט האָבן הלל צייטלין און יצחק לייבוש פּרץ געבלאַנדזשעט איבער די וואַרשעווער גאַסן ביז כעלות, ביז עס איז איבער דער גרויסער יידישער שטאָט אויפגעגאַנגען דער מאָרגנשטערן".

ד

דער זאָג: „אַ הימל אָן אַ גאָט" איז אין תוך נישט געווען קיין נייעס ביי הלל צייטלין: האָט ער דאָך שוין אין זיין קעגנשטעלן חסידות קעגן השכלה געזאָגט, אַז די השכלה האָט אַרויסגענומען די תורה פון אונדזער אָרון־קודש און ווען נישט די קדושהדיקע דערהויבונג פון דער אויפגעגאַנגענער חסידות־באַוועגונג וואָלט געבליבן אינעם יידישן לעבן אַן אָפענע וווּנד.

וואָס שייך פּרצן האָט הלל צייטלין אין די שפּעטערע יאָרן גאָר אַנדערש גערעדט, אַנדערש געטראַכט און אַנדערש געשריבן.

אין אַ שמועס „וועגן דער יידישער ליטעראַטור און וועגן זיך" (געווען פאַרעפנטלעכט אין די וואַרשעווער „ליטעראַרישע בלעטער") האָבן מיר באַקומען אַ קויל־צייכענונג פון הלל צייטלין און פון זיין קוק אויף אַלע יסודותדיקע ענינים אין דער יידישער ליטעראַטור.

אָט איז דער שמועס:

הלל צייטלין מאַכט נישט קיין שהיות, געווינט קורץ און שאַרף צו געבן תשובות, זאָגט ער:

— די ערשטע שאלה?

— וועגן דער יידישער ליטעראַטור, דער איצטיקער, צי דערפילט זי איר אויפגאַבע?

— די איצטיקע יידישע ליטעראַטור דערפילט נישט איר אייגנטלעכע אויפגאַבע. עס פעלט איר אוממיטלבאַרקייט.

— צי דאַרף די יידישע ליטעראַטור גיין אויף די וועגן פון דער אַלגעמיינער ליטעראַטור, אָדער זי מוז זוכן אייגענע וועגן?

— זי דאַרף זוכן איר אייגענעם וועג, זי טוט עס אָבער נישט.

— אין וואָס דריקט זיך אויס, לויט אייער מיינונג, דאָס אינדיווידועלע אין דער יידישער ליטעראַטור ביז היינט?

— דאָס אינדיווידועלע אין דער יידישער ליטעראַטור (אויסער ביי פרצן און אַ ביסל ביי אנוכי, נסתר) איז נישט אַנטפּלעקט געוואָרן.

— ווער פון די פּראָזאַיִקער, פון די אַלטע, אָדער נייע, גייט לויט אייער מיינונג, אויפן ריכטיקן וועג?

— אויפן אמת ריכטיקן וועג (אין ליטעראַרישן זין) איז געגאַנגען פּרץ.

— וואָס איז אייער מיינונג וועגן דער אַלטער יידישער דיכטונג און דער נייער?

— אויף דער פראַגע, ווי איך באַצי מיך צו דער נייער דיכטונג, איז מיר שווער צו ענטפערן אין אַ שמועס. דאָס פאָדערט אַ גרויסע ליטעראַרישע אַרבעט.

— צי איז ביים היינטיקן שריפטשטעלער פאַראַן אַ פאָלקסטימלעכע באַצונטקייט צום לייענער און צי איז דאָס בכלל נויטיק?

— ס'איז געוויס זייער נויטיק אַ גייסטיקע, עכטע און טיפע באַצונטקייט צום לייענער, אַזאַ באַצונטקייט איז אָבער זעלטן היינט דאָ. מען איז היינט באַצונט (וועגן שוין באַצונט...) אין ווערטער, אין קלייזל, אין כמו־ריכטונג, אָבער נישט — אין נשמות.

— געפינט איר נישט, אַז דער היינטיקער קולט פאַר דער פערזענלעכקייט איז שעדלעך אי פאַרן שרייבער, אי פאַרן לייענער?

— ווו זעט איר דאָס היינט אַ קולט פון „פערזענלעכקייט”, פון אַ שרייבער? איך זע עס נישט. באמת האָט יאָ געדאַרפט זיין, אויב נישט אַ קולט פון פערזענלעכקייט („קולט” איז דאָ בכלל נישט אויפן אָרט), דאָך אָבער — שטאַרקע פאַרערונג, צוגעבונדנקייט, ליבע.

— וואָס פאַר אַן איינפלוס האָט די ליטעראַטור איצט אויפן פאָלק?

— פון מיינע פריערדיקע תשובות איז לייכט צו זען מיין תשובה אויך אויף דער שאלה. אַ גאַנץ קליינע השפעה.

— וואָס פאַר אַ פּראָבלעמען פעלן אין דער יידישער ליטעראַטור?

הלל צייטלין ענטפערט, נישט מער און נישט ווייניקער, ווי:

— עס פעלן לייב, לעבן און נשמה...

דער שמועסער פרעגט וועגן הלל צייטלינס אייגענער ליטעראַרישער טעטיקייט. צייטלין ענטפערט:

— איך שרייב איצט אַ ביי רעליגיעז־פילאָסאָפיש ווערק, און אויך אַ דיכטעריש ווערק: „וואָס עס לעבט און זינגט אין מיר".

— וואָס אינטערעסירט אייך מער אין אייער ווערק, די אידעיִשע זייט, אָדער די קינסטלערישע?

— נאַטירלעך די אידעיִשע. איך האַלט, אַז שרייבן דאַרף נישט זיין קיין מלאכה, נאָר אַ שטיק התגלות. נאַטירלעך זענען דאָ פאַרשידענע מדרגות אין דער „התגלות". מען דאַרף אָבער זייער פאָרזיכטיק זיין מיט אָט דעם אויסדרוק. מען טאָר זיך מיט אים נישט וואַרפן אויף רעכט און לינקס.

— וואָס פאַר אַן אָרט פאַרנעמט אייער שרייבן אין אייער לעבן?

— מיין שאַפן האָב איך מיין גאַנץ לעבן אָפּגעגעבן.

— פון וואַנען קומט די יניקה אין אייער שאַפן? שעפּט איר זי פון דער פאַרגאַנגענהייט, אָדער פון דער קעגנוואַרט?

— נישט פון דער פאַרגאַנגענהייט און נישט פון דער קעגנוואַרט, נאָר פון אינערלעכע אומאויפהערלעכע איבערלעבונגען.

די־אָ תשובות האָט הלל צייטלין געגעבן אינעם יאָר ניינצן־זיבן־און־צוואַנציק, ווען די יידישע ליטעראַטור, אין אַלע אירע פאָרעמס, איז געווען אין סאַמע בלי. ער האָט געגראָבן טיפער, געוואָלט, אַז אונדזער ליטעראַטור זאָל גיין העכער, און עס זאָל זיין אַ פאָלקסטימלעכע נאָענטקייט צווישן שאַפער און לייענער.

ה

נאָך פאַר פוילן איז שוין הלל צייטלין געווען באַוווּסט אין דער יידישער וועלט ווי אַ העברעיִשער שרייבער און געהאַט אַ שם מיט זיינע אַרבעטן, וואָס ער האָט געדרוקט אין „השלח", אין „הזמן" און אין אַנדערע אויסגאַבעס. אין יענער צייט האָט שוין הלל צייטלין אַרויסגעוויזן זייער אַ סך קאַנטשאַפט מיט די פילאָסאָפישע שיטות און ליטעראַרישע דרכים ביי די אומות העולם, און כאָטש ער האָט שוין געהאַט דורכגעמאַכט אַ גרויסן אמונה־קריזיס, געזוכט שוץ און תשובה ביי שפּינאָזען, ביי ניטשען, אין די יסורים פון דאָסטאָיעווסקי, האָט ער נישט פאַרלוירן זיין

חזיון און געוואָרט אויף דער גרויסער התגלות, וואָס זאָל אים אַריינפירן אין דעם טיפן יידישן פרדס צו קאָנען דערזען דאָס ליכט, די טיפסטע טיפענישן פון יידישן מענטש.

דאָס אַלץ איז געווען פאַר דער סדרה־פוילן. אין יידיש־פוילן איז הלל צייטלין געקומען פנים־אל־פנים מיט גרויסע נסיונות, וואָס נאָר אַזאַ גייסטיקער גיבור האָט זיי געקאָנט גובר זיין. אין פוילן, באַלד פון די ערשטע יאָרן, איז אים באַשערט געווען צו זיין תמיד דער עמוד־התווך, דער מענטש, אַרום וועמען און מיט וועמען עס זענען אויסגעקעמפט געוואָרן אַ סך מלחמות. אין דער אמתן האָט ער גופא אין זיי זיך נישט באַטייליקט, איז געשטאַנען פון דער ווייטנס, אָפּגעשלאָסן אין זיינע ד׳ אמות, אין זיין אינערלעכער וועלט און געבענקט נאָך אַ ביסעלע שלווה, צו קאָנען מתפלל זיין ביי זיין אייגענעם עמוד, ווייט פונעם גרויסן יריד, פון דער גאַס, וואָס האָט געקאָכט מיט מחלוקה, מיט שנאת־חינם.

מען דאַרף זיך דערמאָנען אין דעם פייער, וואָס האָט געברענט אין יידיש־פוילן אַרום דער פרשה יאַצקאָן־פּרילוצקי, די קאָנקורענץ־מלחמה פון דיביידע בלעטער „היינט״ און „מאָמענט״ און די „מעשה־נורא״ מיט די „אייער אויפן פינסקער וואָקזאַל״. עס האָבן געברענט די שטיינער אין די יידיש־פּוילישע שטעטלעך מיט דער דאָזיקער מחלוקה פון די צוויי קאָנקורענץ־בלעטער.

אָבער הלל צייטלין האָט זיך אין דער „צירקולאַציע־מלחמה״ נישט באַטייליקט. ער האָט געשריבן יעדע וואָך די מאמרים, אין זיין בלאַט, און ער איז נישט אַנגערירט געוואָרן פון דער „מאַב״־שטימונג, וואָס די דאָזיקע מחלוקה האָט געשאַפן אין יידיש־פּוילן.

אַוודאי האָט הלל צייטלין קיין גרויס נחת נישט געהאַט פון אַזעלכע עסקים, כאָטש זיין נאָמען איז לאַנגע טעג און חדשים נישט אַראָפּ פון סדר־היום. זיינע מקורבים האָבן דערציילט, אַז הלל צייטלין האָט דאָס אָנגענומען פאַר אַן עונש, וואָס ער דאַרף אָפּקומען: ער דאַרף זיך אין די יסורים פון דער מחלוקה — לייטערן, קומען צו העכערע מדרגות.

דאַרף דאָ דערציילט ווערן, אַז איינער פון די מיטשפּילער אין דער

„אייער־טראַגעדיע״, איינער, וואָס איז געווען אַ באַטייליקטער אין דער שפּיל, האָט מיט מיר אַ סך געשמועסט וועגן דעם ענין.

אין לאַנגע שמועסן, האָט מנחם באַריישאַ זייער אַ סך גערעדט וועגן דער „ליטעראַרישער שטוב״, ווו ער האָט זייער אָפט פאַרבראַכט אין זיינע ימי־וואַרשע, גערעדט מיט זייער גרויס דרך־ארץ און פאַרערונג פאַר דעם נביאישן ייד הלל צייטלין. מנחם באַריישאַ האָט זיך נישט געקאָנט אָפּלויבן פון דער גרויסער גוטסקייט און איבערגעגעבנקייט פון הלל צייטלין צו יעדן, וואָס האָט געהאַט אין זיך אַ שמץ טאַלאַנט און די תשוקה זיך צו פאַרטיפן און צו זוכן געגעזונג אין גרויס־יידישקייט.

נישט איין מאָל האָט מנחם באַריישאַ מיר געזאָגט, אַז ער האָפט צו בויען אַ גרויסע אַרבעט, וואָס זאָל געשטאַלטיקן הלל צייטלין.

ער האָט געוואָלט אין זיין געשטאַלטיקן הלל צייטלין קינסטלעריש באַשאַפן דעם ייד פון אונדזער דור, אַלע גילגולים, עליות און ירידות, נסיונות און געפעכטן; ער האָט געוואָלט אין אַזאַ אַרבעט באַווייזן די רעליגיעזע פילאָסאָפיע, וואָס הלל צייטלין האָט אַריינגעפירט אין זיין שאַפן און דורך דעם משפיע געווען אויפן יידישן לעבן.

מנחם באַריישאַ, וואָס איז אַליין געווען זייער אַ פיינער מנגן, האָט פאַר מיר איבערגעזונגען זייער אַ סך ניגונים, וואָס הלל צייטלין האָט אַליין באַשאַפן. דאָס איז געווען גרויס־יידיש געזאַנג. ער איז געווען פול מיט התפעלות פאַר הלל צייטלין דעם יידישן בעל־מנגן און שטענדיק, אין שעהען פון טיפן טרויער, פון השתפכות הנפש, פלעגט ער די ניגונים זינגען. מנחם באַריישאַ פלעגט זאָגן: עס איז גוט געווען מיט הלל צייטלינען זיך צו וויגן איבער זיינע ניגונים, צו הערן זיין טיף־חסידיש געזאַנג.

ער איז נישט געווען קיין שרויף אין קיין שום יידיש־געזעלשאַפטלעכער מאַשין. ער איז געווען נוטה צו אַ סך באַוועגונגען אינעם יידישן לעבן, האָט אָבער קיין מאָל נישט געטראָגן אין זיין טאַש קיין פאַרטיי־קאַרטל, געווען פריי, אומאָפּהענגיק און געקאָנט זאָגן אָפן, וואָס ער האָט געטראַכט.

זענען זיינע מאמרים געווען צייטיקע און גערעדט צום האַרץ פונעם יידישן מענטש.

זיי האָבן שטענדיק ווען עס איז געטראָפן, אָנגערירט, און הלל צייטלין איז תמיד געווען דאָס צילברעטל פאַר זייער אַ סך פיילן, וואָס זענען אין אים געפלויגן מצד עסקנים, וואָס האָבן דווקא געוואָלט, אַז זייערע מעשים זאָלן נישט אויסגעטייטשט ווערן פאַר דעם המון לייענער, וואָס הלל צייטלין האָט געהאַט אין מדינת־פוילן.

דאַרף אָבער געזאָגט ווערן: אויב אין יידיש־געזעלשאַפטלעכע ענינים איז הלל צייטלין נישט תמיד געווען דער מחמיר, קאָן דאָס אָבער באין־אופן נישט געזאָגט ווערן וועגן ענינים, וואָס האָבן געהאַט אַ שייכות מיט ליטעראַטור, דערציִונג און יידישע קולטור־יסודות. איז געקומען צו די עיקרים אינעם יידישן לעבן, איז הלל צייטלין געווען דער גרויסער ריז, וואָס האָט זיך נישט געלאָזט בייגן, נישט געלאָזט זיך ברעכן.

איז געמאָלט געווען, אַז הלל צייטלין, דער מחבר פון אַ סך רעליגיעז־פילאָסאָפישע ספרים, דער משורר פון פאַרטיפטע, קינסטלערישע, העברעיִשע לידער אין פּראָזע, דער גרויסער למדן און בקי אין חכמת־ישראל, אין תורה שבכתב און תורה שבעל־פה, דער אויפבויער פון גרויסע געשטאַלטן פון דער חסידות־וועלט — אַז דווקא ער זאָל פאַרעפנטלעכן אַ סך מאמרים קעגן לערנען אין די מאָדערנע יידישע חדרים עברית־בעברית, ווייל עס נעמט אַוועק די פאָלקסטימלעכקייט פון חדר און פון יידישן קינד.

איז געמאָלט געווען, אַז הלל צייטלין זאָל אין שייכות צו דעם ניי־יידישן ליד, די „כאַלאַסטרע״־ריכטונג, וואָס איז אויפגעקומען נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, פאַרעפנטלעכן אַ סך מאמרים קעגן „די „צילינדערס אויף די פיס און שטיוול אויפן קאָפּ״, מאמרים, וואָס האָבן אויפגערודערט דאָס דעמאָלטיקע יידישע לעבן. ער האָט מיט גרויס קענטעניש באַוויזן, אַז די דאָזיקע נייע ריכטונגען, וואָס זענען אָנגענומען ביי די אומות־העולם, זענען פרעמד און ווייט דער יידישער טראַדיציע און יידישער קולטור. דאָ איז ער געווען דער גרויסער מחמיר, ער האָט אָבער געפירט די מלחמה מיט אַזוי פיל אַצילות, אַז דאָס האָט אַרויסגערופן דרך־ארץ ביי די „כאַלאַסטרעניקעס״ גופא.

ו

עס דערמאָנט זיך מיר יענע גרויסע דעבאַטע, אויף דער בינע פון טלאָמאַצקע דרייצן, ווו עס איז געווען דאָס „שמאַלץ", די פּני פון דער יידיש־פּוילישער קולטור־וועלט. האָט דאַן איינער, אַ פּאַרטייִשער קולטור־עסקן, אַ וואָרף געטאָן הלל צייטלינען אין פּנים: „ווו זענט איר געווען, ווען אויף די שלאַכטפעלדער זענען געפאַלן מיליאָנען, עס האָט זיך געגאָסן בלוט, ווו זענט איר געווען? איר זענט זיך געזעסן אויף אייער חצות־בענקעלע און געזונגען ,יונתי בחגוי הסלע'".

הלל צייטלין האָט אַראָפּגעלאָזט זיינע צוויי געדיכטע ברעמען. די לאַנגע אָבות־באָרד האָט אַ ציטער געטאָן.

און ווען עס האָט געוומען ענטפערן הלל צייטלינען, האָט ער געבעטן מחילה, פאַר וואָס עס האָט זיך אין דער דעבאַטע אַריינגעכאַפּט אַזאַ שעטנז. דער עולם האָט אַ שמייכל געטאָן און — אַ שמייכל האָט זיך אויך באַוויזן אויפן פּנים פון פּרוי צייטלין, וואָס איז געזעסן צווישן עולם, און זיך צוגעהערט צו דעם גרויסן ווערטער־געפעכט, וואָס עס האָט מיט אַזוי פיל טאַקט געפירט הלל צייטלין.

פון דעסטוועגן, בשעת הלל צייטלין איז געוואָרן אַ רעדאַקטאָר פון „וואַרשעווער אַלמאַנאַך", האָט ער מיט גרויסער טאָלעראַנץ און פאַר־שטענדעניש געזוכט טאַלאַנט ביי די „כאַלאַסטרעניקעס", בכדי זייערע שאַפונגען צו קאָנען דרוקן אין דעם „אַלמאַנאַך". ער האָט אַ סך פון זייערע אַרבעטן טאַקע געדרוקט.

ז

די עקסטרעמע יידישע אָרטאָדאָקסיע אין מדינת־פּוילן האָט נישט אַלע מאָל גורס געווען הלל צייטלינען. אַ סך פון דער אָרטאָדאָקסישער וועלט האָבן נישט אָנגעהויבן צו וויסן פון די אַלע כשרונות, וואָס הלל צייטלין האָט פאַרמאָגט.

די העברעיִשע אַרבעטן, וואָס הלל צייטלין האָט פאַרעפנטלעכט אין די העברעיִשע אויסגאַבעס, זענען צו קיין גרויסן עולם נישט דערגאַנגען. בלויז אויפגעקלערטע תלמידי־חכמים האָבן זיי געלייענט.

האָבן סתם יידן זיך געקוויקט מיט די צייטונג־מאמרים, וואָס הלל צייטלין האָט פאַרעפנטלעכט אין טאָגבלאַט „מאָמענט" (פריִער — אין „היינט"), זיך געוואַרעמט און געטוליעט צו זיין וואָרט און געוואַרט אויף זיין אויסטייטש פון די העכערע ענינים אינעם לעבן.

הלל צייטלין האָט זייער גוט געוווּסט, אַז צו דעם גרויסן יידישן עולם רעדט ער דורך זיין בלאַט. דאָ האָט הלל צייטלין באַוויזן זיין טיפן פאַרשטאַנד פאַרן יידישן מענטש און ער האָט זיין צייטונג־מאמר דערהויבן צו תורה און קולטור.

איז אָנגעגאַנגען אַ שקלאַ־וטריא. יידן האָבן זיך געמוטשט, געוואָלט וויסן: איז הלל צייטלין אַ נביא, וואָס זעט דעם מאָרגן? איז ער אַ מוכיח, וואָס פאַסעוועט פאַרן זינדיקן היינט? איז ער אַ מלמד, וואָס לערנט מיטן פאָלק אַ פרשה, אַ סדרה יידיש לעבן, יידישע טראַדיציעס, יידישע עטיק און מאָראַל? וואָס איז דער אָ ייד, וואָס האָט אַ געשטאַלט פון אַ פאַרצייטישן נביא, אַ גוטסקייט פון אַ פאָטער און שאַרפקייט פון אַ שטראָפער, אַ מוכיח?

אַזוי האָט געפרעגט דאָס פאָלק.

די תלמידי־חכמים האָבן זיך פאַרנומען מיט אַן אַנדער שקלאַ־וטריא: וואָס איז הלל צייטלין? איז ער אַ קינסטלער־נאַטור, אַ משורר, אַ מחבר פון „געזאַנגען צום אין־סוף" (אַ בוך לידער אין פראָזע)? איז ער אַ תנא, פאַרטאָן תמיד און שטענדיק אין תורה, אין חידושים, אין חיבורים אויף נגלה און נסתר?

אַזוי האָבן געפרעגט, צווישן זיך, תלמידי־חכמים, צו ווען עס זענען דערגאַנגען די גרויסע אַרבעטן, וווּ הלל צייטלין האָט זיך פאַרנומען מיט די יסודות פון וועלט, פון מענטש, און דער עיקר — פונעם ייד אין דער וועלט.

האָבן יידן געפרעגט און הלל צייטלין האָט אַלעמען געגעבן זיין ענטפער, מיט כסדרדיקע התגלותן, מיט כסדרדיקע אַנטפּלעקונגען, מיט אַלץ גרעסערע חידושים, וואָס האָבן מיט מער נייגער פאַרכאַפּט די יידישע וועלט.

דערציילן זיינע מקורבים, אַז הלל צייטלין האָט נישט געהאַט קיין

רגע פון התבטלות. קיין מאָל נישט געווען אין קיין לייכט געמיט. שטענדיק ערנסט פאַרקלערט, פאַרקוקט ערגעץ־ווייט, זייער ווייס. אָדער אונטערברומענדיק אַ שטילן נאָגנדיקן ניגון.

איך דערמאָן זיך:

יואל מאַסטבוים, ווען איך האָב נאָך געקענט פון שעדלעצער „הזמיר", האָט מיך געהאַט גענומען צו הלל צייטלין, געוואָלט מיך דער־נענטערן, אַריינפירן אין דער יידיש־שרייבערישער וועלט. מיר זענען אָנגעקומען צו דער טיר. אויף דער טיר אַ גרויסע מזוזה. יואל מאַסטבוים קלינגט נישט אין קיין גלעקל. אויפן אַלטמאָדישן שטייגער, קלאַפּט ער אין דער טיר. מיר גייען אַריין.

די שטוב איז פול מיט בחורים אין פאַרשיידענע הלבשות, אויסגעזעצט ווי נאָר עס איז דאָ אַ פּיצל אָרט, און — הלל צייטלין איז נישטאָ.

יואל מאַסטבוים קימערט זיך נישט. גייט אַריין אין אַן אַנדער חדר. הלל צייטלין איז טאַקע נישטאָ אין שטוב. ערגעץ ווו אַוועקגעגאַנגען. פרוי צייטלין אויך נישטאָ, נישטאָ קיינער פון די קינדער. גייענדיק מיט יואל מאַסטבוים אויף דער גאַס, דערציילט ער מיר, אַז הלל צייטלין לערנט מיט תלמידים, פאַרשטענדלעך אָן שׂכר, לערנט מיט זיי חב"ד, דעם „תניא". שטענדיק איז זיין שטוב פול מיט בחורים, וואָס ווילן וויסן, מיט „מקשנים", וואָס פרעגן קשיות, וואָס בענקען נאָך חסידות.

אַזוי גייענדיק, קומט־אָן הלל צייטלין. מען גיט זיך שלום־עליכם, הלל צייטלין פרעגט: פון וואַנען? יואל מאַסטבוים ענטפערט פאַר מיר: אַ סאָקאָלאָווער. מיר גייען צוזאַמען, אַלע דריי, צוריק אויף שליסקע זעכציק. די בחורים ווערן שטיל. גרייט צו הערן. הלל צייטלין ברומט אין דער שטיל אַ ניגון און די בחורים כאַפּן אונטער. די גאַנצע שטוב — אַ שטיל געזאַנג, אַ געזאַנג פול מיט התרוממות הנפש.

הלל צייטלין פרעגט: וואָס מאַכט דער „סאָקאָלאָווער"? דעם קאָצקערס אייניקל?

יואל מאַסטבוים פאַרכאַפּט דעם וועג און זאָגט: הלל צייטלין, זאָל אייך דער סאָקאָלאָווער זינגען שיִע יאָסלס „שירו לו, זמרו לו, שיחו

בכל נפלאותיו״, אָבער — זאָגט יואל מאַסטבוים — זאָל ער אייך אויך דערציילן די מעשה פון דעם ניגון.

הלל צייטלין הייבט אויף זיינע צוויי געדיכטע ברעמען, טוט אַזאַ פּאַטערלעכן שמייכל: אַ מנגן?

די בחורים זענען שטיל, קוקן אויף מיר שאַרף און בייגעריק.

איך בעט זיך: אַן אַנדערש מאָל. נישט איצטער. נישט איצטער.

ווען איך האָבן שפּעטער געטראָפן הלל צייטלין שפּאַצירן אַ פאַר־טראַכטן, האָט ער מיך צוגערופן. כ׳האָב אים צוגעפירט פון טוואַרדע גאַס.

איך בין נשתומם געוואָרן.

הלל צייטלין בעט מיך, איך זאָל אַ מאָל אַרויפקומען. ער וויל הערן שיִע יאָסלס „שירו לו, זמרו לו״.

ער האָט געדענקט. און אַזוי אַ גייענדיק, האָט ער פאַר זיך אונטער־געברומט אַ ניגון, וואָס איך האָב אים אַ סך מאָל געהערט ביי די „טישן״ פון סאָקאָלאָווער און ראַדזינער.

פאַר דער טיר האָב איך געזאָגט הלל צייטלין: ביים סאָקאָלאָווער האָב איך געלערנט, צום ראַדזינער בין איך געפאָרן. עס האָט אים הנאה געטאָן: כ׳האָב דערקענט דעם ניגון.

ח

תמוז ניינצן־פינף־און־צוואַנציק. וואַרשע נעמט אויף לייוויקן. טויזנטער יידן אין קאַמינסקיס טעאַטער. אויף דער בימה בלויז פּני, צווישן זיי הלל צייטלין.

אין דער פאָדערשטער רייע — לייוויק. לעבן אים יוסף אָפּאַטאָשו. עס איז שטיל, ווי פאַר אַן עבודה.

עס רעדן די פּאַרטייען. עס רעדן די דיכטער. עס רעדט הלל צייטלין:

„איך האָב אין די נעכט געחלומט, עס זאָל קומען צו אונדז אַ זעער און זאָל אונדז לעבעדיק מאַכן מיט זיין וואָרט, מיט זיין שליחות״.

✶

מיך טרעפן זיך: ישׂראל שטערן, משה גראָסמאַן און — איך. ישׂראל שטערן איז אונדז מגלה־סוד: הלל צייטלין איז ביי די „טויטע חסידים״,

מען דאַרף זיך צוכאַפּן. מיר קומען אַריין. הלל צייטלין אין מיטן. אַרום אים אַ רעדל. פאַרגאַפּטע יידן. וויגן זיך, וויגן זיך, זינגען שטיל און שוועבן אויף די תנועות פונעם ניגון.

איך האָב נאָך אַזעלכעס נישט געזען. נישט געהערט. ישׂראל שטערן האָט זיך אַריינגעכאַפּט אין ראָד. דער ריקוד האָט שוין געפלאַמט. ווי לאַנג? שעהען, אפשר מעת־לעתן, אפשר אַן אייביקייט. קיינער פון אונדז האָט נישט געוווּסט.

עס איז צוגעפאַלן דער בין־השמשות. הלל צייטלין — אַ פאַרשוויצטער, אַ צעפאַטלטער, די באָרד — צעפלאָשעט, אויפן קאָפּ — דער הוט מיט די ברייטע ראַנדן.

ער דערזעט אונדז. און מיר אַלע גייען צו אים, אויף שליסקע זעכציק.

✶

עס גייען דריי: הלל צייטלין, אהרן צייטלין און אלחנן צייטלין.

אין די שבתים און ימים טובים גייען זיי — דורך מאַריאַנסקע גאַס — דאַווענען. אין נאָזשיקס שול, אויף טוואַרדע גאַס.

שטייט מען אַזוי אין די פענצטער, אין די טויערן און מען באַוווּנדערט. זיי גייען אַזוי באַזאַכט, געלאַסן, פאַרטראַכט.

עס שטייט אין אונדזער טויער דער נאָוועדוואָרער רב — ר׳ ראובן־יהודה נייפעלד ז״ל, עס שטייט מיין גאַנצע משפחה. עס שטייען נאָך אַ סך יידן.

אין איינעם אַזאַ שבת בין איך געגאַנגען אין נאָזשיקס שול: געוואָלט זען די צייטלין־משפחה ביים דאַווענען.

הלל צייטלין רעדט פאַרן עולם. ער רעדט וועגן דער וויכטיקייט פון פדיון שבויים.

עס איז שטיל אין שול. יידן הערן. הלל צייטלין — מיטן טלית איבערן קאָפּ, איינגעוויקלט, פאַרטיפט אין זיינע אייגענע רייד — וויגט זיך איבער דעם שולחן: די וויכטיקייט פון פדיון שבויים.

ט

איך שמועס מיט פישל לאַכאָווער. ער ווינט אויך אויף שליסקע זעכציק (יאָרן שפּעטער באַזעצט זיך אין ארץ־ישראל).

האָט שוין אויף זיין חשבון ספרים, פאָרשונג און קריטיק וועגן דער אַלטער און נייער העברעיִשער ליטעראַטור. אַ חובב פון דער מאָדערנער יידישער ליטעראַטור. ביי דעם שמועס זענען אויך דאָ ישׂראל שטערן און מאיר טשודנער.

דער שמועס גייט וועגן הלל צייטלין.

ישׂראל שטערן איז פול מיט התפעלות: נישטאָ קיין וואָרט, וואָס ער זאָל נישט זאָגן, אָדער שרייבן, צי עס איז אין רעליגיעז־פילאָסאָפישן עסיי, צי אין די גרויסע אַרבעטן, צי אין זיינע אָנהייבן אין „השלח" (מיט זיין „הטוב והרע", אַ זייער ערנסטע פילאָסאָפישע אַרבעט, ווו ער ווייזט אַרויס אַזוי פיל באַקאַנטשאַפט נישט נאָר אין יידישע מקורות, נאָר דרינגט אַריין אין די מחשבות פון די גרויסע ביי די אומות־העולם, פון די גריכן ביז די נייסטע), זיינע אַלע מאמרים, אין די בלעטער און אין אַנדערע אויסגאַבעס — דאָס אַלץ איז דאָך גרויס, גרויס, מען קאָן עס גאָרנישט אָפּשאַצן. ישׂראל שטערן צעוויגט זיך: מילא, למדנות, בקיאות, חריפות איז דאָך ביי הלל צייטלין נישט דער וווּנדער — נישט דאָס איז די תמיהה, נאָר וואָס דאָס אַלץ געפינט זיך אין איין בשׂר־ודם. דער גרעסטער וווּנדער איז, וואָס אין אַלץ איז ער דאָ, אַלץ האָט ער אַריינגענומען אין זיך, און אַלע זיינע עובדות, פון די קלענסטע ביז די גרעסטע, קומען פון עומקא־דלבא.

ישׂראל שטערן האָט גערעדט, נישט נאָר פאַר אונדז, די עטלעכע מסובים ביי פישל לאַכאָווערס טיש, נאָר ווי ער וואָלט געשטאַנען אויף אַ גרויסער בימה און מיט ברען, מיט אייגענעם ניגון, דערציילט וועגן זיין התקרבות צו הלל צייטלין.

ער האָט דערציילט, ווי הלל צייטלין האָט אים מקרב געווען, דער ערשטער אים אונטערגעפירט צו דער ליטעראַרישער חופּה, אים געדרוקט זיין ערשט ליד „אָן אויסגעקרימטע לאַמטערנע"; ווי הלל צייטלין האָט אים געוואָלט באַזאָרגן מיט אַ פּרנסה־מעמד, האָט ער אים צוגערעדט צו

דרוקן אין „מאָמענט" יום־טוב־לידער. האָט אים אַ מאָל הלל צייטלין גערופן, געפרעגט: ווו זענען די יום־טוב־לידער? האָט ער אים געענט־פערט: ר' הלל, איך קאָן נישט. פשוט: ווען שבועות איז גרין, איז ביי מיר ברוין און בלוי, ווען ס'איז „זמן שמחתנו", קאָן ביי מיר גראָד זיין הושענא באב...

ישראל שטערן האָט גערעדט, זיך געוויגט, אונטערגעזונגען, און מאיר טשודנער, דער העברעישער פאָעט (דורכגעמאַכט די אוקראַינער פאָגראָמען, אַ שווער־געליטענער), זאָגט: הלל צייטלינס שירים אין פראָזע, זיינע „כוונות ויחודים", זיינע „תפילות" — מען דאַרף וועגן זיי אַ סך שמועסן, אַ סך זיי מפרסם זיין. עס איז דאָ אין זיי דער אָטעם, די פשטות פון אונדזער אַלטן יידישן פיוט, אַזוי פיל יידיש געמיט.

פישל לאַכאָווער האָט געהערט, זיך איינגעהערט אין די רייד און געבעטן עפעס צו זאָגן. מען האָט געשטעלט כיבוד. ער ווערט זיין זייער קורץ. בלויז עטלעכע געציילטע ווערטער:

איך קען הלל צייטלין. איך קען אים. ווען איך וואָלט זיך אונטער־גענומען שרייבן אַ מאָנאָגראַפיע וועגן אים, וואָלט איך די דאָזיקע מאָנאָ־גראַפיע אַ נאָמען געגעבן: דער מדריך. כ'וואָלט צוגעשטעלט נאָך עפעס: בחסד עליון.

אַזוי אַ האָט פישל לאַכאָווער געזאָגט, און ער האָט שטיל נאָך צוגעגעבן אַ פּאָר ווערטער: הלוואַי איך זאָל נאָך זוכה זיין דעם „מדריך" אין מיין לעבן אָנצושרייבן.

פישל לאַכאָווער האָט אונדז באַגלייט, צוגעפירט ביז טוואַרדע גאַס. עס איז שוין נאָענט צו חצות. מיר זענען געגאַנגען איבער די דרעמלענדיקע וואַרשעווער יידישע גאַסן.

ישראל שטערן האָט זיך אומגעקוקט צו שליסקע זעכציק, גוט אַריינ־געקוקט אין דער שטילקייט פון דער נאַכט און שטיל צו אונדז געזאָגט: הלל צייטלין ריכט שוין אָפּ חצות.

איך האָב בימי־וואַרשע, דורך אַלע מיינע וואַרשע־יאָרן, אַ סך מאָל געזען הלל צייטלין. ווי נאָר ער האָט גערעדט, בין איך אים געגאַנגען הערן. הנאה געהאַט פון זיין וואָרט.

בשעת איך פלעג אים טרעפן אויף אַ וואַרשעווער גאַס, פלעגן מיר שוין שפּאַצירן צוזאַמען, שמועסן.

עס איז געווען די צייט, ווען ד״ר נתן בירנבוים (אחר) איז צוריק־געקומען צו דער אגודת ישראל. איז ער געקומען מיט גרויס רעש, מיט גרויס טומל און אַריינגעפאַרן אין פרומקייט, נאַשפּיץ.

האָט אים די „אגודה״ אויפגעשפּילט מיט פּויקן און מיט טאַצן. ווו? אין צענטראַל־טעאַטער, אויף לעשנע, נישט ווייט פון טלאָמאַצקע דרייצן. איז מען געשטאַנען אויף קעפּ, געהאָנגען אויף די ווענט און ד״ר בירנבוים האָט אָנגעזאָגט יידיש־פּוילן, אַז ער האָט דערזען אַ „שלהבת יה״. ס׳האָט זיך געטאָן אויף טיש און אויף בענק.

האָט מען אין די ליטעראַרישע מסיבות וועגן דעם געשמועסט, גערעדט און שטענדיק דערביי דערמאָנט הלל צייטלין: אין אַלע זיינע גילגולים, אין די שווערסטע שעהען פון זיין לעבן — אַ קול דממה דקה.

י

אויף גזשיבאָוו־קראָלעווסקע, קעגן די „פּריוועסעס״. עס איז פאַר מיטאָג. אַ פרילינגטאָג איבער יידיש־וואַרשע. מיט אַ מאָל — מען לויפט, מען געוואַלדעוועט. עס זאַמלט זיך אַ גרויסער עולם יידן. מען וויל זען, וואָס דאָ טוט זיך.

צווישן עולם דערזע איך הלל צייטלין.

איך שפּאַן דורך דעם עולם און — שטעל זיך לעבן אים.

ער פרעגט: וואָס לויפן יידן?

מען ענטפערט נישט. מען ווייסט נישט.

פון מאַרשאַלקאָווסקע לויפט מען, שרייט מען.

בשעת עס קומט שוין נאָענט פון אונדז, דערזעען מיר:

יידישע בחורים אין חסידישן טראַכט, מיט בערד און פּיאות, אין אַטלעסענע און זיידענע מלבושים, שטריימלעך און היטעלעך, שפּאַנען אויס דאָס פערד פון אַ „דראָזשקע״ און פליִען אַריין אין עולם מיט גרויס געזאַנג, מיט אַ צעפלאַמטן חסידישן ניגון.

אין דער קאָטש — דער גערער רבי.

הלל צייטלין האָט טיפער פאַרזשמורעט די אויגן הינטער די געדיכטע ברעמען, און איך האָב אין אַ גרויס שווייגן אים געפירט דורך די יידישע גאַסן צו שליסקע זעכציק.

אַזוי גייענדיק, האָט ער מיך געבעטן, איך זאָל אים דערציילן די מעשה אַרום שיע יאָסלס „שירו לו, זמרו לו, שיחו בכל נפלאותיו״.

הלל צייטלין איז געגאַנגען געלאַסן און איך האָב דערציילט:

שיע יאָסל איז געווען אַ בעל־עגלה אין אונדזער שטעטל, אין סאָקאָלאָוו, אַ „טויטער״ חסיד, פון די געציילטע אַזעלכע חסידים. ער איז געווען אַ זייער אָפּגעהיטענער ייד. האָט ער געפירט פּאַסאַזשירן צו דער באַן, זענען קיין נשים מיט אים נישט געפאָרן. די פרומסטע שבפרומסטע זענען תמיד געפאָרן אין זיין בריטשקע.

געדאַוונט האָט שיע יאָסל אין קאָצקער שטיבל. פלעגט זיין פון די „השכמהניקעס״. אין די באַגינענס געפירט זיין סוס צום ברונעם און געגאַנגען צו עבודת־הבורא.

ער איז געווען אַ גרויסער מנגן, אַ זיסער בעל־תפילה. יידן האָבן אים תמיד געוואָלט הערן. ווו נאָר ער איז געווען, ווו נאָר ער איז געשטאַנען — נגינה. אויך אויף זיין בריטשקע האָט ער געפירט די פּאַסאַזשירן מיט נגינה.

שטעטל האָט פאַר אים געהאַט גרויס דרך־ארץ. מען האָט אים תמיד דערמאָנט מיט ליבשאַפט, מיט נאָענטקייט.

איין נאַכט אין יאָר איז דאָס שטעטל געווען אין די הענט פון שיע יאָסל בעל־עגלה: שמחת־בית־השואבה.

דער אַלטער בית־המדרש — פול איבער די ברעגעס. עס ברענען לאָמפּן, עס ברענען ליכט, עס פלאַמען די הענגלייכטער.

שיע יאָסל — צעטראָגן. די אַטלעסענע קאַפּאָטע מיניעט אין דער ליכטיקייט פון צעצונדענעם בית־המדרש. דאָס שטריימל איבערן שטערן, די פּאָדערשטע צוויי שפּיצן פון דער קאַפּאָטע אין גאַרטל איבער זיינע לענדן. עס ווייזט זיך דער טלית־קטן.

שיע יאָסל דער בעל־עגלה פירט דאָס גאַנצע שטעטל אין אַ צעפלאַקערטן טאַנץ, אין אַ צעפלאַמטן ניגון:

„שירו לו, זמרו לו, שיחו בכל נפלאותיו".

פריער — שטילער, דערנאָך — העכער, נאָך העכער. יידן אין בית־מדרש, אַרום די בית־מדרש־ווענט, אַזוי שעהען, איבער אַלע „משמורים" — אַ שטעטל צעוויגט אין אַ טאַנץ, אין אַן אויפגעלויכטענעם ניגון:

„שירו לו, זמרו לו, שיחו בכל נפלאותיו".

הלל צייטלין האָט זיך איינגעהערט, זיך אָפּגעשטעלט, און אַזוי ביז שליסקע זעכציק.

ביים געזעגענען זיך פרעגט ער, פאַר וואָס איך קום נישט אָפּט.

בשעתן צעשיידן זיך טוט ער עפּעס ווי אַ פרעג:

— דער גערער, דער גערער... טאַקע?

אַזאַ טומל, אַזאַ רעש?

דער ראַדזינער רבי, ר' מרדכי יוסף ליינער ז"ל, האָט געוווינט אויף טוואַרדע צען. מיין פעטער, מיין מאַמעס אַ ברודער, ר' אַלטער שוסטער ז"ל, האָט אויך געוווינט אויף טוואַרדע צען, אין צווייטן הויף.

מיין פעטער איז געווען דעם רבינס רעכטע האַנט.

האָט מיין פעטער מיך געלאָזט וויסן, אַז דער רבי וויל מיך זען. דערוואַרט אפשר אַ פאַרציע מוסר, אָבער מיר זענען ביידע אַרויפגעגאַנגען.

דער רבי האָט געוואָלט אַ „קליינקייט":

איך זאָל אים מפרש זיין — הלל צייטלין.

מיין פעטער, אַ ייד אַ למדן, אַ תלמיד־חכם און אַ פיקח, האָט דערזען מיין פאַרלעגנהייט און געגעבן אַ זאָג: רבי, על רגל אחת?

— ווי ער זעט אויס, קאָן איך אייך זאָגן. וויפל חיבורים ער האָט שוין ביזקל היינט מפרסם געווען, קאָן איך אייך זאָגן. אָבער אַ פירוש, אַ פשט אויף אַזאַ ייד, אַזאַ תנא אין אונדזער דור, איז נישט פאַר מיינע כוחות.

— רבי, איך קאָן אייך בלויז זאָגן, אַז — הלל צייטלין איז אַ סנה, וואָס ברענט און ברענט און ווערט נישט פאַרברענט.

איך האָב געזען אויף מיין פעטערס פנים, אַז ער איז צופרידן.

דערנאָך האָט מיין פעטער מיר דערציילט, אַז דעם רבין איז גאָר

געפעלן מיין תשובה. פאַר נאָענטע האָב איך די מעשׂה דערציילט, פאַר הלל צייטלין — נישט.

איך ווייס נישט עד־היום, וואָס דער ראַדזינער רבי האָט געספּקט און וואָס ער האָט געוואָלט זיך פון מיר דערוויסן.

יא

עס זאָגן עדות, אַז ווען ער איז געקומען צום „אומשלאַגפּלאַץ", איז ער געווען אין זיין טלית, אין די תפילין און מיט אַ געהויבענעם קאָפּ געגאַנגען אויף קידוש־השם.

זענען וועגן דעם דאָ עטלעכע נוסחאות.

אין דער הקדמה צום בוך „ר' נחמן בראַסלאַווער" („מיין פאָטער") שרייבט אהרן צייטלין:

„ער האָט געלעבט אויף אונדזער עולם פון סיון תרל"א, אַכצן איין און זיבעציק, ווען ער איז געבוירן געוואָרן אין חב"דישן שטעטל קאָרמע, מאָהילעווער גובערניע, ביז ערב ראש השנה תש"ג, ניינצן צוויי און פערציק. אין יענעם טאָג, בעת אַ נאַצישער „יודן־אַקציע" אין וואַרשע, האָט ער מקדש־השם געווען אין טלית־און־תפילין, מיטן ספר הזוהר אין האַנט און מיט תפילות אויף די ליפּן".

דאָס איז דער ערשטער נוסח.

לייען איך אין „אודים" (כרך א. אונטער דער רעדאַקציע פון אלחנן אינדלמן), אין אַ קורצן ביבליאָגראַפישן אַריינפיר צו די שירים פון הלל צייטלין:

„עם חיסול הגיטו בווארשה נמצא בבית־החולים. כשבאו הנאצים לקחת אותו, עמד עטוף בטלית ומעוטר בתפילין. כך יצא לדרכו האחרונה. מוסרים שלפני מותו, מות קדוש, פנה בקריאה אל אחיו: „יהודים, אל תלכו כצין לטבח יובל. אני זקן הנני וחלש ואין בכוחי להלחם, על כן אָנוס אני למות מיתת־חנק. אבל אתם — התגוננו, הלחמו ואל יחולל צלם אלוהים בידי הטמאים... תמות נפשי עם פלשתים".

דאָס איז נוסח שני.

האָב איך נישט לאַנג צוריק געלייענט אין מעקסיקאַנער „וועג״ דאָס פאָלגנדיקע:

„דער שמע ישׂראל פון ר׳ הלל צייטלין ז״ל. דער גרויסער יידישער שרייבער און דענקער ר׳ הלל צייטלין ז״ל איז געגאַנגען צום טויט אין כּרעבלינקע אינעם טלית־און־תפילין. פאַרן טויט האָט ער אָנגעשריבן אַ פּאָר ווערטער פאַר דער געהיימער אויסגאַבע, וואָס דער נאַציאָנאַל־ראַט אין געטאָ האָט אַרויסגעגעבן. ר׳ הלל צייטלינס ווערטער ציטערן אויף דאָס האַרץ פון לייענער. עטלעכע ווערטער פון זיין צוואה: „נישט רוען וועט דאָס בלוט פון דעם קליינעם עופהלע, לעבעדיקערהייט אין פייער געוואָרפן! נישט רוען וועט די זינד פון קוקן און שווייגן. הער, דו וועלט! פאַרראָטן האָסטו דאָס פאָלק ישׂראל, רויק עס איבערגעגעבן צום פאַרניכטן, וועט די זינד דיינע ברענען אין אינגעווייד פון פעלקער־פאַררעטער״.

דאָס איז דער דריטער נוסח.

✶

פינף און דרייסיק יאָר האָט הלל צייטלין געלעבט אין יידיש־פּוילן. שוין פינף־און־צוואַנציק יאָר זינט ער איז פאַרלענדט געוואָרן, איז צוזאַמען מיט אַלע פאַרברענטע פּוילישע יידן, מיט אַלע פאַרלענדטע יידן, געגאַנגען אויף קידוש־השם.

לאָמיר אים דערמאָנען און לעולם־ועד געדענקען.

„צוקונפט״, מערץ—אַפּריל 1968

שמערקע קאַטשערגינסקי

עס האָט זיך געריסן פון אים אַ גרויס געזאַנג — אַ גרויסער ניגון, וואָס האָט געהאַט אין זיך אַלע תנועות און חנען פון אַ פאַרמוחטן ליטווישן ייד, אַ ווילנער ייד. האָט ער דערפאַר אַזוי געציטערט, געצאַפּלט איבער אַלץ וואָס האָט אין זיך אַ ביסעלע אָטעם, אַ פּיצעלע אָפּשיין, אַ שמץ ליכט פונעם ווילנער יחוס.

אין די כראָניקעס פון לעצטן חורבן, אין די בלעטער פון יידיש־פאַרשערס, וואָס האָבן געוואָלט דערגיין צום סאַמען „רעאַליזם" פון די געשעענישן, טרעפט מען זייער אַ סך מאָל זיין נאָמען. ער איז געווען דער קלייבער, דער זוכער, דער אָפּהיטער פון די הייליקע „שמות", וואָס דער בלוטיקער ווינט האָט זיי צעיאָגט אין די עלנטסטע ערטער. ער האָט אַלץ אויפגעקליבן. ער האָט איינגעשטעלט זיין לעבן, אַז „עפּעס" זאָל אָפּגעראַ־טעוועט ווערן. עס זאָל בלייבן אַ סימן פון דער שטאָט פון גאונות, תורה, קולטור און פון גרויס יידיש געזאַנג.

אַזוי איז ער געגאַנגען פון ווילנער געטאָ אין די וועלדער, געזוכט ערגעץ ווו אַ פּינטעלע ליכט, וואָס זאָל זיין אַ טרייסט פאַר די גרויסע אויסגעריסענע יידישע קהילות. איז ער אַזוי דורכגעגאַנגען דעם גאַנצן יידישן גיהנום, זיך געברענט אין אַלע פייערן, זיך געטובלט אין טייכן יידיש בלוט, אין ימען יידישע טרערן, און ווען ער איז געבליבן לעבן, האָט ער גענומען דערציילן פון דעם גרויסן יידישן חורבן, גענומען אונדז זאָגן וואָס „דאָרט" איז אַלץ געשען.

עס איז אים געגאַנגען אין לעבן צו דערציילן אונדז, אַז יידן האָבן געזונגען, אַפילו אויף דער שוועל פון טויט. אין דער דערשטיקעניש פון די ענגע געטאָס האָבן יידן געזונגען. האָט ער צוזאַמענגענומען אַלע לידער, וואָס די געטאָ האָט באַשאַפן און ער האָט אונדז שוואַרץ־אויף־ווייס באַוויזן, אַז יידן האָבן געזונגען. אַז ער איז געקומען אין דער לעבעדיקער יידישער

וועלט, איז ער אַליין געווען אַ גרויס יידיש געזאַנג. געווען פול מיט דעם גרויסן יידישן טרויער, וואָס האָט אים געוויקלט און וואָס האָט אין אים געלעבט. האָט ער אויף יידישע מסיבות געניגונט זיין געזאַנג: „שבת זאָל זיין, אייביקער שבת", און ער האָט זיך אַליין פאַרוויגט אין דער נעץ פון זיינע גרויסע זכרונות, וואָס האָבן תמיד געפלאַטערט פאַר אים.

ווילנע האָט זיך איינגעטיילט מיט דער יידישער וועלט. ווילנער אין ניו־יאָרק — זינגערס, פּאָעטן; משוררים אין תל־אביב. אין אַלע יידישע לענדער, יידישע שטעט זענען זיי דאָ מיט גרויסע זעק פול מיט יידישן געשריי, מיט יידישן פּיין, מיט יידיש פאַרגיין און אַ ווילן אָנצוהייבן פון ס'ניי.

ער איז פאַרגאַנגען אין אַ ווייטער ווייט, דאָרט געוואָלט ווידער זיך באַנייען, ווידער אָנהייבן און ווידער אַריינבלאָזן „ווילנער" אָטעם אין זיין נייער יידישער וועלט — אין בוענאָס־איירעס, אין וויטן אַרגענטינע. אין תוך איז ער געווען אַ געלאַסענער, אַ שטילער, אַן איינגעהאַלטענער מיט ווערטער. האָט ער גערעדט געלאַסן און געשריבן פּאַמעלעך.

פון אַלע „ווילנער" איז ער געווען דער שווייגנדיקסטער, דער שטילס־טער און עס האָט אים געפעלט דער אימפּעט, וואָס אַ סך פון די „ווילנער" האָבן מיטגעבראַכט מיט זיך. ער האָט עס געוווּסט און ער האָט זיך אָנגע־הויבן נעסטיקן, אויף זיין שטילן אופן, אין זיין נייער היים. דער יידישער יישוב האָט אים אויפגענומען, געזוכט צו מאַכן אים גרינגער זיין לעבן; געגעבן אים מעגלעכקייטן צו שרייבן, רעדן און דערציילן.

עס האָט אים שוין אָנגעהויבן גוט ווערן. זיין לעבן האָט ווידער באַקומען זין, תכלית און ער האָט געהאַט פאַר זיך אַ נייעם מאָרגן, אַ נייעם אָנזאָג צו גיין ווייטער, העכער. האָט זיין גורל אים געבראַכט פאַר אַ קרבן־עולה און אים געפירט אינעם היכל פון יידישע קדושים וטהורים. ער איז געפלויגן אין אַ ווייטער יידישער שטאָט אין אַרגענטינע־לאַנד רעדן צו יידן, ברענגען זיי אַ צאַפּלדיק יידיש וואָרט, דערציילן זיי, וואָס ער האָט אַלץ געוווּסט צו דערציילן, און אַזוי פליענדיק איז ער פאַרפאַלן געוואָרן אין די הימלען. פאַרפאַלן געוואָרן אין די אומענדלעכקייטן. זיין עראָפּלאַן, ווו ער איז

געפלויגן, האָט ערגעץ ווו געקראַכט און ער איז אויפגעגאַנגען, אַוועק־געגאַנגען אין דער אייביקייט.

שמערקע קאַטשערגינסקי — מיט זיינע דריי און פערציק יאָר — איז פאַרפאַלן געוואָרן אין די ווייטע פליינען פון די הימלישע וועלטן. איבער־געלעבט די רוצחים, איבערגעלעבט אַלע זיינע יסורימדיקע וואַנדערונגען און אויסגעהויכט זיין אָטעם אינעם חלל פון דער גרויסער וועלט.

*

האָב איצטער פאַרענדיקט לייענען „חורבן ווילנע״, זיינע „פאַרטיזאַנער גייען״ און „דאָס געזאַנג פון ווילנער געטאָ״. נאָך אַ מאָל אַריינגעאָטעמט זיין פּיין, זיין געזאַנג, זיין געוויין און דערמאָן אים — דעם קדוש שמערקע קאַטשערגינסקי.

„פרייע אַרבעטער־שטימע״, 15.4.1968

אברהם ליעסין

צו זיין 90סטן געבוירן־טאָג

עס איז נישטאָ קיין שום פאַרגלייך. נישטאָ אין אונדזער גאַנצער יידישער ליטעראַטור אַזאַ אייגנאַרטיק, אייגן יידיש געשטאַלט, ווי עס איז אברהם ליעסין.

מען דערפילט עס, בשעת מען לייענט אברהם ליעסינס לידער.

וואָס זשע איז דער חידוש, וואָס מאַכט זיין ליד אַנדערש, ווי אַלע לידער פון דעם יידישן דור, אין וועלכן עס איז אויפגעקומען אונדזער צעצווייגטע יידישע ליטעראַטור?

עס איז דאָ אַזאַ חידוש:

עס איז נישטאָ אין ליעסינס לידער דאָס „שפיל", דאָס חנדלען זיך מיט אַ וואָרט, מיט אַ גראַם, מיט אַן איינפאַל, וואָס זאָל אַ „בליץ" טאָן און אונדז „רירן".

נישטאָ אַזעלכע חידושים.

עס איז אָבער דאָ איין גרויסער אויפלייכט, וואָס איז אַ שטענדיקע התימה אין אברהם ליעסינס אַנטפּלעקונגען.

עס איז דאָ:

גרויס יראת שמים.

אברהם ליעסין האָט זיינע לידער קיין מאָל נישט געשריבן.

ער האָט זיי אויפגעדאַוונט. געטאָן אַן עבודת הקודש. ער דאָט מכוון געווען, אַז זיין ליד זאָל נישט דערלאַנגען נאָר צום בשר ודם, נאָר העכער און העכער פון דער ערד, אויף וועלכער מיר לעבן. האָט ער דערפאַר נישט מקפיד געווען אויף דער שיינקייט פון וואָרט; ער האָט נישט געציטערט איבער זיין פאָרעם פון אויסדרוק. ער האָט געהאַט אין זיך די כוחות פון יענע, וואָס האָבן געזאָגט זייער וואָרט — גרויסע יידישע

פּאָלקס־שליחים, וואָס האָבן מיט זייער וואָרט געוואָלט עוקר־הרים זיין און מתקן זיין די וועלט.

אברהם ליעסין ליכטיקט אויף בשעת ער קאָן זיך „מיטכאַפּן" מיט אַ גרויסן יידישן העלד, מיט אַ ליכטיקן יידישן העלד, מיט אַ גרויסער יידישער געשעעניש און מיטפליען.

דערפאַר האָט אַברהם ליעסין תמיד געהאַלטן אָפן די טויערן פון דער יידישער געשיכטע און זיך געקלאַמערט צו די יידישע העלדן, צו יידיש־העלדישע מעשים אין דעם גאַנג איבער דער וועלט.

איז ביי אים נישט געווען קיין שום נפקא־מינה, צי דער העלד איז פון פאַר טויזנטער יאָרן, פון די סאַמע הויכקייטן פונעם יידישן לעבן, אָדער פון די יידישע שוסטער־יינגלעך, די העלדן, וואָס זענען געגאַנגען מיט געהויבענע קעפּ צו דער תליה. אין זיי אַלע האָט אַברהם ליעסין געזען זין, תכלית און יחוס אינעם יידישן לעבן.

פאַר יידיש לעבן האָט אברהם ליעסין גרויס יראה און זעט אין אַלע יידישע דרכים דעם גרויסן קידוש־השם, וואָס יידן דערהויבן.

✶

איך ווייס נישט, צי עס וואָלטן וועלכן יידישן פּאָעט אין אונדזער ליטעראַטור „געפּאַסט" אַזעלכע לידער. צי זיי וואָלטן געקאָנט גרויס ווערן מיט אַזאַ פאָרעם און מיט אַזאַ געזאַנג; איך ווייס נישט, צי אַנדערע יידישע פּאָעטן פון אונדזער דור וואָלטן געוואָלט אַרויפוואַרפן אויף זייערע אַקסלען אַזאַ פאַרפרומטן יידישן טלית, גיין אַזאַ צעפלאַטערטער אינעם יידישן לעבן.

אברהם ליעסין איז געבוירן געוואָרן אַ „טישזיצער", אַ תמיד פאַר־דבקותטער, אַן אייביק־וויגנדיקער איבער די גרויסע יידישע טישן, וואָס זענען געשטאַנען אין דער מיט פון אַ פרעמדער וועלט און זיך געוויגט, מתפלל געווען פאַר כלל־ישראל, עם־ישראל און פאַר דער וועלט דער גאַנצער.

אַפילו ווען אברהם ליעסין דערלויבט זיך אַ מאָל אַ „שפּיל" צו טאָן אין זיינע לידער, פילט מען, אַז ער האָט אָוועקגעלייגט זיין רויטע

פּאַטשיילע איבער די אָפענע גמרא־בלעטער, בלויז אָפּצוכאַפּן דעם אָטעם, און באַלד לערנט ער ווידער און ווייטער.

נישט איין מאָל דאַכט זיך, אַז אַזאַ באַלעבאַטישער ייד, אַזאַ פּאַרטיפּ־טער ייד, דאַרף אים גאָרנישט אָנשטיין צו דאַוונען מיט לידער. עס דאַכט זיך, אַז ער איז צו פיל באַלאַסט מיט דמיונות, חזיונות, וואָס דאַרפן זיך אויסדריקן אין מעשים פון די יידיש־געשיכטלעכע געשטאַלטן, וואָס זענען געגאַנגען איבער דער וועלט געגאַרטלט מיט גראָבע שטריק איבער לייוונטע כאַלאַטן און געזוכט אַ תיקון פאַר וועלט און מענטש. אברהם ליעסינס שאַפונג־אוצר, וואָס ער האָט אונדז איבערגעלאָזט נאָך זיין פּטירה, איז אָנגעלאָדן מיט אַזאַ גרויסן יידיש־שטייגערישן עפּאָס, אַז ליד אַליין קאָן נישט געבוג זיין פאַר אַזאַ שליחות.

איז טאָקע אָט אָ דער אָ גרויסער חידוש, וואָס מאַכט ליעסינען איינציק־אַרטיק און אַנדערש פון אַלע פּאָעטן, די יידישע זינגערס אינעם יידישן לעבן.

עס קאָן אויך זיין, אַז אויב עד־היום האָט נאָך אברהם ליעסין נישט זוכה געווען צו אַ פּאַרטיפּטער קריטישער אַרבעט איבער אים (חוץ פון אַ פּרוביר־שטודיע פון זלמן שזר אין זיין ספר „כוכבי־אור"), איז עס טאָקע דערפאַר, וואָס מען האָט נאָך נישט תופס געווען זיין דרך אין אונדזער ליטעראַטור.

מיר דאַרפן זיך דערמאָנען און גוט געדענקען: אין די בונטאַרישע קרייזן האָט מען געזונגען אברהם ליעסינס לידער. מען איז געגאַנגען מיט זיי אין קאַמף, אין אויפשטאַנדן, אין רעוואָלוציעס. אין די קרייזן פון תורה און השכלה האָט מען געלייענט און געלערנט זיינע לידער פון יידישע תקופות אין דער געשיכטע, זיין גרויס געזאַנג צו יידישע העלדן פון דור־דורות. אין דער נייער וועלט איז אברהם ליעסין געוואָרן אַ מורה־דרך, מדריך געווען דעם יידישן מענטש נישט פאַרלוירן צו ווערן אין דער נייער וועלט.

אברהם ליעסין האָט עס געטאָן דורך דער „צוקונפט". און נישט נאָר ער אַליין, ער האָט אַוועקגעשטעלט אַן עמוד פאַר תורה, פאַר שירה און

אויף די „צוקונפט"־בלעטער האָט ער דערהויבן דאָס יידישע וואָרט, דאָס יידישע לעבן.

איז דאָך שוין דרייסיק יאָר, אַז אברהם ליעסין איז שוין נישטאָ. ביים לעבן האָט ליעסין נישט זוכה געווען צו זען זיינע שירים אין ביכער, אויך נישט זיינע מאמרים. היינט זענען שוין דאָ ספרים, ביכער פון אברהם ליעסין דעם משורר, אברהם ליעסין דעם גרויסן יידישן טראַכטער אין אונדזער דור.

צו זיין נײַנציקסטן געבוירן־טאָג דאַרף דערמאָנט ווערן, אַז ביזקל היינט איז נאָך נישטאָ קיין גרויסע אַרבעט איבער אַלץ, וואָס ער האָט געשאַפן און נישט איבער דער ראָל, וואָס ליעסין האָט געשפּילט אינעם אויפקום פון אונדזער ליטעראַטור אין דער נייער וועלט.

נאָך וווּנדערלעכער איז, וואָס אַפילו אין די ערטער, ווו עס רעדט זיך וועגן דער יידישער ליטעראַטור, ווערט אברהם ליעסין זייער זעלטן אַפילו דערמאָנט.

וואָלט אפשר געווען אַן ענין, מיר זאָלן אַ טראַכט טאָן זיך אָנצוהייבן אַריינקוקן אין די ביכער, וואָס זענען דאָ. מען דאַרף זיי נאָר עפענען, זיי לייענען און — מען דערזעט דאָס גרויסע יידישע געשטאַלט, וואָס איז עד־היום איינציק און אַליין אין אונדזער לעבן.

„פרייע אַרבעטער־שטימע", 1.6.1968

י. י. שוואַרץ

עס דאַרף שוין זיין איין מאָל אַ יום־טוב, אַ שמחה, וואָס זאָל אויפרודערן אונדזער פאָלק אין אַלע ווינקלעך, ווו נאָר עס זענען דאָ יידן.

אַ יום־טוב פאַר דעם שטילסטן פון די שטילע, פאַר דעם אויפגעהוי־בענעם קאָפּ, וואָס ער האָט מיט אַזוי פיל חשיבות אַרומשפּאַצירט אין אונדזער לעבן, אין אַ תקופה, וואָס האָט צעריסן דעם יידישן מוח מיט געוואַלט און מיט געשריי.

ווייסן דאָך פּאָעטן, ווייסן דאָך די משוררים, די זינגער, און אַלע די וואָס לעבן מיטן וואָרט, מיט דעם יידיש־שעפערישן וואָרט, אַז נאָר אין שטילקייט גייט אויף דער באַגינען און אין שטילער שטילקייט פאַרגייט די זון. און אַז ער האָט דאָך אַזאַ געוואַלט געקאָנט מאַכן, אַז זיין שטילקייט זאָל רעדן, זאָל דערהערט ווערן, און דווקא ער זאָל עס קאָנען פאַרוואַרפן אַזעלכע בריקן צווישן וועלטן אַזעלכע ווייטע, אַזעלכע ווייטע און פרעמדע. האָט ער פאַרדינט, אַז מיר זאָלן זיך מיט אים פרייען און זאָלן זיך מיט אים באַווייזן מיט אונדזער גרויס פאַרמעג און זאָל ער זיך פרייען מיט אונדז.

ער איז געווען אַ לעבעדיקער עדות, ווי עס איז אויפגעקומען אויף דער היגער ערד דאָס יידישע ליד, ווי עס האָט זיך צעבליט אַזאַ שפּעדיק פעלד מיט יידיש־קינסטלערישן וואָרט. אַזוי־אַ שטילערהייט, מיט באַזאַכטע און געלאַסענע טריט איז ער זיך געגאַנגען זיין וועג, פאַרטיפט אין זיינע מחשבות, אין זיינע זוכענישן, און אַז ער האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ, האָט ער געליכטיקט, קוקנדיק אויף די פולע שייערן, וואָס זענען אויפגעקומען אין זיינע אויגן.

האָט ער גענומען און שטילערהייט פאַרענטפערט זייער אַ סך טענות. עס האָט געשטורעמט די „גאַס״: מיר זענען מיד פון „שטעטל״, עס

איז אונדז פרעמד די „אַלטע היים“, גיט אונדז דעם דאָ־הי, גיט אונדז דעם נייעם מענטש!

האָבן די קינסטלערישע יידישע ליטעראַטור און יידישע גרויסמייסטער אַפילו זיך נישט געווערט.

זיי האָבן גאַנץ גוט געוווּסט, אַז אַ „נייער מענטש“ דאַרף האָבן באָדן, דאַרף האָבן וואָרצלען, דאַרף מיט זיין „נייקייט“ ברענגען שטייגער, אייגנ־אַרטיקייט, דאַרף אָטעמען מיט ניילעבן.

איז גראָד דער שטילער, דער זייטיקער, מיט זיין געלאַסענעם גאַנג, אָט דער, וואָס איז פול געווען מיט אַלטער יידישער חכמה און מיט יידישן דעת, וואָס עס זענען פאַר אים אָפן געווען די פאַרבאָרגנסטע קוואַלן פון יידישן לעבן פון דור־דורות, גראָד אָט דער „שותק“ האָט גענומען און זיך פאַרטראַכט איבער דעם וואָגלדיקן ייד אין זיין נייער היים, אים גוט באַנומען, זיך איינגעקלאַמערט אין זיין נייעם דרך און האָט אַזוי אַ זינג געטאָן דאָס גרויסע געזאַנג פון דעם ייד אין דער נייער וועלט.

אַן עפּאָס פון יידישן גורל, אַן אויפלייכט פון יידישע יסורים, פון יידישן פיין זיך איינצוּוואָרצלען און קאָנען אַריינוואַקסן אין אַזאַ שטיינערדיקער ערד.

„קענטאָקי“ — אַ שיר־השירים צו יידישער בויונג, אַ געזאַנג צו יידישער שעפערישקייט און אַן איכה אויף יידישער עלנטקייט, יידישער פרעמדקייט אין אַזאַ קאַלטער וועלט.

אין אָבער די מעשה, וואָס „קענטאָקי“ האָט נישט געהאַט קיין מזל. ווען אַזאַ ספר זאָל אַריינפאַלן אין „אַנדערע הענט“, פון אַזאַ וועמען עס איז נישט פרעמד די „גאַס“ און האָט אַ תשוקה צו גיין „ווייטער און העכער“, וואָלט ער שוין געמאַכט, אַז אַלע גלעקער זאָלן קלינגען, ער וואָלט שוין געוווּסט, ווהין מיט אַזאַ „קענטאָקי“ צו דערגיין.

איז אָבער דער מחבר פון „קענטאָקי“ י. י. שוואַרץ, און ער האָט אין שטילער פאַרטראַכטקייט, אין זיין פאַרזשמורעטקייט, נישט דערזען יענע וועגן, וואָס אַנדערע וואָלטן זיי שוין געפינען.

✶

און אַט אַזוי, מיט דעם פּאַק יידישן זאָרג אויף זיינע הויכע, מיוחסדיקע אַקסלען, און מיט זיין אויפגעהויבענעם קאָפּ, איז ער זיך אַוועקגעגאַנגען אין די ווייטע יידישע דורות, האָט אַן עפן געטאָן טיר און טויער צו דעם גרויסן יידישן פיוט, צו דעם יידישן ליד פון די גאָלדענע צייטן, און ער האָט זיך פאַרחברט מיט דעם משורר פון אונדזער דור, און ער האָט אַריינפירט די גרויסע יידישע זינגער אין לשון־יידיש, מיט וועמען ער האָט כורת ברית געווען.

✶

אַזוי איז ער געגאַנגען יאָרן, און אַרום אים — אַן אויפגעגאַנגענע יידישע ליטעראַטור, קינסטלער פון גרויסן שטייגער און ביכער מיט אמתער יצירה.

איז הימלעך געווען צו זיין צווישן דער צעזונגענער מחנה, עס איז אים גוט געווען צו זיין אין דער מיט און ער האָט געהאַט אמתן נחת־רוח, וואָס אין אַלע יאָרן, אין אַלע מרידות, האָט זיך נישט איבערגעריסן דאָס יידישע געזאַנג, זענען נישט מיד געוואָרן די יידישע זינגער.

✶

אָבער אין זיין גאַנצן וואַנדערן איבער דער לענג און דער ברייט פון אַלע מדינות, זיין גיין זיך אָפּרוען אין יידישע ישובים, האָט אין אים זיך געריסן אַ גרויסע בענקשאַפט, אַריבער די ימען, צו זיין היים, צו דעם שטיבל, ווו עס איז געשטאַנען זיין וויגל, ווו ער האָט געהערט דאָס ערשטע קול פון יידישער תורה, ווו ער איז געווען געריינגלט אין אַ יחוסדיקער קייט פון דעת און פון חכמה, און אַזוי־אָ, מיט געלאַסענע טריט, אין אַ טיפער שטילקייט, האָט ער זיך אַריינגעוויגט מיט אַ נייעם אויפגאַנג, מיט אַ ספר פון דעם דורותדיקן ייד, מיט זיינע „יונגע יאָרן" איז ער געקומען אין אונדזער אַלטער, צעטומלטער און יאָושדיקער וועלט.

אַ נייע אַנטפּלעקונג. אַ ניי געזאַנג. פול מיט לויטערער בענקשאַפט און מיט טיפן צער אויף דעם, וואָס עס איז אַזאַ וועלט פאַרשניטן געוואָרן.

איז עס אַ גרויס יידיש געזאַנג, וואָס איז פול מיט יידישן טרויער, מיטן יידישן צער און מיט גרויסע געשטאַלטן פון אַ יידיש פאַרוואָרצלט פאָלקסלעבן.

✶

האָט זייער גוט געטאָן דער יידישער „פען־צענטער" אין ניו־יאָרק, וואָס האָט פראָקלאַמירט דעם יום־טוב פון י. י. שוואַרצס פינף און זיבעציק יאָר. עס איז דער יום־טוב פון דער יידישער ליטעראַטור, פון יידיש אויפגעגאַנגענעם, אויפגעלויכטענעם שאַפער און זיין וואָרט, עס איז אַ יום־טוב פאַרן גאַנצן יידישן קהל.

✶

י. י. שוואַרץ — עס איז גוט, וואָס איר זענט דאָ און איר האָט אונדז אַזאַ יום־טוב געקאָנט געבן.

אויף לאַנגע און לאַנגע יאָר.

„טינט און פעדער", 16.10.1961

Telephone 781-2538

Gershon Pomerantz

20 Shallmar Blvd., Apt. 1001, Toronto 10, Canada

דעם 26־טן יוני, 1968

מײן טײערער
חנינה:־

איז מיר גוט, װאס איך קען דיר שיקן מײן גרוס און מײנע ברכות אין יענעם לאנד, װאס האט ארויסגערופן אין אונדז אזױפיל נחת, פרײד און – טרערן.

איך פארשטײ, װי גרויס עס װעט זײן דײן שמחה זיך צו טרעפן מיט דעם איבער־בלײב פון אונדזערע אײגענע, פון די אויסגעװאקסענע מיט אונדז און װאס געדענקען נאך אונדזערע ניגונים, װאס מיר האבן אויסגעװײנט אין אונדזער לעבן.

איך װײס נישט צי איך װעל שוין זוכה זײן דאס צו זען, װאס דו זעסט הײנט. איך זע דאס אלץ און באנעם דאס װאס געשעט מיט אונדזער לעבן. איך זע אלע, װאס װאלטן געװען פון די גליקלעכע, װען איקער זײ זאל אויסגײן דער אטעם פון דעם לאנד, װאו עס זענען זיך מחיה די איבערגעבליבענע נאכן גרויסן חורבן.

חנינה, טײערער, װעמען װעסט דארט טרעפן, אזעלכע, װאס געדענקען נאך אונדזער אמאל און האבן נאך אין זיך דעם אטעם פון אונדזער „נעכטן", זאלסטו זײ לאזן גריסן און – ארומנעמען און – זאלסט מיר שרײבן װעגן זײער לעבן, זאלסט מיר קאנען זאגן, װאס זײ געדענקען נאך פון אונדזער גרויסן נעכטן און – זײער קוק אויף דעם ליכטיקן הײנט. יא, זײ קומט דער דאנק, װאס עס לעבט אין זײ און מיר װערן שטארקער מיט זײ.

איך אלײן װאלט זײער געװאלט זיך פרײען מיט אלע אונדזערע, װאס האבן זיך געראטעװעט און לעבן. װעל זײן זײער גליקלעך צו װערן װי אזוי איר װעט זײ זען אין זײער נײ געשטאלט און – װעל איך דאנקען פאר דער זכיה, װאס איר װעט האבן צו זײן מיט זײ.

בעט איך אײך, זײ לאזן אלע גריסן און – קושט זײ, זײ זענען אלע מײנע אײגענע מענטשן און טײערע קינדער פון אזא צעשפּילטן דור אין דער װעלט.

איך קוש אײך און װיל פון אײך הערן. גריסן פאר אײך, אײער פרוי און אלע אונדזערע פון מיר און פרוי

אײער
גרשון פאמעראנץ

בעט אײך: שרײבט, דערצײלט,
װאס עס טוען חברה.

אַ בריװ פון גרשון פאַמעראַנץ צו אַ פריינד

גרשון פּאָמעראַנץ

גרשון פּאָמעראַנץ

געבוירן אין סאָקאָלאָוו־פּאָדלאַסקי אין יאָר 1904. פון 1920—1928 געוווינט אין וואַרשע. קיין קאַנאַדע געקומען אין יאָר 1929. וווינט אין טאָראָנטאָ.

אויב די וועלט איז אַ טעאַטער, ווי שעקספּיר מיינט, איז אַ קל וחומר, אַז די מענטשן זענען אַקטיאָרן. און אַז די וועלט איז אַ טעאַטער, איז אַ ליטע־ראַטור אוודאי אַ טעאַטער — און אירע שרייבערס זענען אַקטיאָרן, און אין אַ גוטער טרופּע שפּילט יעדער, לויט זיין כאַראַקטער, זיין ראָל. און אין דער גרויסער, וועלט־צעשפּרייטער טעאַטער־טרופּע „יידישע ליטעראַטור" שפּילט גרשון פּאָמעראַנץ פון טאָראָנטאָ די ראָל פון דעם חסיד־ענטוזיאַסט. און נישט סתם אַ חסיד, נאָר ער האָט זיין רבין, אָדער זיינע רבים.

שוין זיין געשטאַלט. נישט קיין הויכער. אין די שפּעטערדיקע יאָרן פון לעבן — אַ ביסל אַ דיקלעכער, מיט אַ גרויס פּנים — אַלע מאָל אַ ביסל צערויטלט, אַזוי ווי נאָך אַ „לחיים", די אויגן — אַלע מאָל אַ ביסל צעפינקלט, אַזוי ווי אָט, אָט גייט ער דיר דערציילן עפּעס אַ חידוש, אַ הפלא ופלא, די לענגלעכע האָר אויפן קאָפּ — אַ ביסל צעשויבערט, און אָט דערציילט ער טאַקע עפּעס אַ דערינערונג פון יינגערע און בעסערע צייטן, און עס איז אַלע מאָל אַן אַנעקדאָט, אַ באַגעגעניש מיט איינעם פון די גרויסע יידישע שרייבערס — נאָטירלעך פון גרשון פּאָמעראַנס רבים — אַ מאָל איז עס שלום אַש, אַ מאָל יוסף אָפּאַטאָשו, אַ מאָל מנחם באָריישאָ — אָבער כאָטש יעדע צווייטע מעשה האָט פאַר איר הויפּטהעלד — ה. לייוויק.

ה׳ לייוויק איז גרשון פּאָמעראַנצס — נו, וואָס זאָל איך זאָגן: דער בעש"ט אַליין. און עס איז חלילה קיין בייז אין דעם. ווען מיר וואָלטן געלעבט מיט אַ ק"ן יאָרן פריִער און ה. לייוויק וואָלט טאַקע געווען אַ רבי, וואָלט גרשון געווען זיין גליקלעכער גבאי און קוויטל־שרייבער, פאַר וועלכן די חסידים וואָלטן געציטערט מער ווי פאַרן רבין אַליין. אַ מאָל האָט גרשון

פאמעראנץ, אין גאנג פון א רעדע אויף א ליטעראַרישן אָוונט געזאָגט, אַז לייוויק איז דער גרעסטער משורר ביי יידן פון אברהם אבינו אָן. אָבער ער האָט זיך עפּעס ווי אַליין דערשראָקן פאַר דעם וואָרט און ער האָט אָנגעהויבן אַזוי ווי צוריקציִען זיך. אָבער באַלד האָט ער זיך דערכאַפּט אין פולן מוט און זיך פאַרריכט: וואָס האָב איך געזאָגט? דער גרעסטער דיכטער ביי יידן — נישט אמת! ער איז דער גרעסטער דיכטער פון דער גאַנצער וועלט.

מיר — די צוהערער, האָבן זיך אַ רגע אויך ווי דערשראָקן פאַר דעם וואָרט און אויך זיך באַלד דערכאַפּט און אַ טראַכט געטאָן: אפשר טאַקע — אויף דעם געביט איז דאָך דאָ נאָר פאַנטאַזיע און השערה. קיין מאָס צו מעסטן איז דאָך אויף דעם געביט נישטאָ.

אַ מאָל האָט מיר פּאָמעראַנץ געזאָגט: איך האָב אין מיין אַרכיוו טויזנט בריוו פון לייוויקן... און אַז גרשון האָט באַמערקט, אַז איך שטוין און מיינע אויגן זאָגן: גוזמא — האָט מיך דער חסיד באַלד אַ שלעפּ געטאָן ביים אַרבל און אַ פיר אין זיין אַרכיוו־שטיבל און באַוויזן אַזאַ שטויס לייוויק־בריוו מיט דער כאַראַקטעריסטישער גלייכמעסיקער שריפט, אַז די ציפער 1000 איז מיר איצט גיכער פאָרגעקומען ווי אַן אונטערשאַצונג און נישט אַן איבערשאַצונג.

און עס איז געווען אַ סיבה. אַז לייוויק האָט אין די פריִע צוואַנציקער יאָרן געמאַכט זיין ערשטע רייזע קיין אייראָפּע און געווען אין פוילן — האָבן אים הונדערט שטעטלעך פאַרבעטן צו קומען. אָבער איין שטעטל האָט פאַרבעטן מיט אַזאַ ענטוזיאַסטישן רעש, אַז עס איז אוממעגלעך געווען אָפּצוזאָגן. דאָס שטעטל פון גרשון פּאָמעראַנץ — סאָקאָלאָוו־פּאָדלאַסקי. אין יענעם שטעטל האָט לייוויק דעמאָלט באַקומען אַן אויפנאַמע — ווי קיין מאָל פריִער און קיין מאָל שפּעטער. די פּאָליאַקן פון שטעטל זענען געווען זיכער, אַז אַ יידישער קעניג איז געקומען צו גאַסט. און דאָס אַלץ איז געווען מעשי ידי גרשון.

יעדער יידישער שרייבער טראָגט זיך אַרום מיט אַ יוצא מן הכלל־ביאָגראַפיע. אַנישט קען מען דאָך קיין שרייבער נישט זיין. אָבער גאָר אַ יוצא מן הכלל איז גרשונס. זיין פאָטער האָט געהאַט 5 נעמען: יוסף־

שמעון־פנחס־חיים־שלום און ער איז נפטר געוואָרן צו 27 יאָר, אויף צו מאַרגנס נאָך זיין זונס, גרשונס, אויף דער וועלט קומען, די מוטער־אלמנה איז דעמאָלט געווען 26 און אַ מטופלת מיט אַכט „שוואַלבן", וואָס פיר פון זיי האָבן די היימישע „נעסט" פאַרלאָזן אין ערשטן יאָר פון יתומהשאַפט און אַרויף צו דער פמליה של מעלה זוכן יושר... און האָבן סוף־סוף געפּועלט: די מאַמע און די לעבן־געבליבענע זענען אין די יאָרן פון דריטן חורבן אומגעקומען אין טרעמבלינקע, וואָס איז אַכט וויאָרסט פון סאָקאָלאָוו. קען זיין, אַז דאָס האָט געבראַנגט ה. לייוויקן אויף דער אידעע אַנצורופן זיין חורבן־לידער־בוך: אין טרעבלינקע בין איך נישט געווען. אַלץ אין דער וועלט האָט אַ שייכות.

פון אַזאַ סאָקאָלאָווער נעסט האָט געקענט אויסוואַקסן אַ מחרף ומגדף, אָדער אַ בענטשער בקולות וברקים. גרשון האָט אויסגעקליבן דעם צווייטן וועג. האָט ער זיך אויסגעקליבן דאָס יידישע מאַמע־לשון און אין מאַמע־לשון — אַ גאַנצע מזרח־וואַנט מיט שרייבערס, און ער בענטשט אין זיינע אַרטיקלען און דרשות און צייטשריפטן און צייטונגען. אַ מאָל האָט ער אַפילו געהאַט אַן אייגענע דרוקעריי — האָט ער זיך געקענט פאַרגינען אַרויסצוגעבן גאַנצע ביכער פון זיינע געבענטשטע. און כדי עס זאָל זיין שאָטן אויך — אַ ביסל — האָט זיך פאַמעראַנץ עטלעכע שרייבערס, וואָס ער האָט זיך „אָנגעזעצט" אויף זיי. אָבער מער ווי יידישע גזלנות איז עס נישט.

אַז דער „יידישער זשורנאַל", די טאָראָנטער יידישע טאָגצייטונג, האָט אויסגעהויכט איר לעצטן פאַפירענעם אָטעם — האָט זי גרשון איבערגענומען און אָנגעהויבן אַרויסגעבן איין מאָל אַ וואָך. אָבער אַן געלט קען מען דאָך אַפילו אַ וואָכנבלאַט נישט אַרויסגעבן — איז פאַמעראַנץ געפאַלן אויף אַ המצאה. ער מאַכט די צייטונג אַיינער אַליין. ער „שרייבט" זי דירעקט אויפן לינאָטיפ. ער גיסט איבער די אַלע מאָל הייס־ענטוזיאַסטישע מחשבות זיינע דירעקט אויף הייסן שורות־בליי... אָ, ווען אַלע יידישע שרייבער וואָלטן דאָס געקענט טאָן — וואָלט קיין פאַרלעגער־פּראָבלעם אין דער יידישער ליטעראַטור נישט געווען.

דער גרעסטער נס פון אַלע נסים דרבינו גרשון פאַמעראַנץ איז, וואָס

ער איז אַ בעל הבית פון אַן אַלטפּרענקיש־קאַנאַדישן הויז מיט שווערע הילצערנע שטוקאַטורן, אַ הויז פון דריי אינעווייניקסטע שטאָקן מיט שווערע הילצערנע טרעפּ. דאָס הויז איז נאַטירלעך פול — פון אויבן ביז אַראָפּ — מיט יידישע ביכער און מיט כסדרדיקע התלהבותדיקע אויסרופן פון דעם באַלעבאָס צוליב גוטע לידער און דערציילונגען, וואָס ער האַלט אין איין שלינגען. דאָ האָבן זיך אָפּט אויפגעהאַלטן געהויבענע געסט — און פּאָמעראַנץ שטאָלצירט דערמיט: אָפּאַטאָשו, ניגער, י. י. שוואַרץ צווישן זיי, און — נאַטירלעך — לייוויק. די גאַסטפריינדשאַפט וואָלט נאַטירלעך נישט מעגלעך געווען אָן דער גוטמוטיקער מיטהילף פון פּאָמעראַנצס באמת בעסערער העלפט — ראַשעל. דאָ זענען אין דעם הויז אויפגעכאָוועט געוואָרן צוויי זייערע באַדאַכט־שטילע זין — יוסף און דוד — ביידע אַרוואַקאַטן מיט באַקאַנטע נעמען און שוין אייגענע משפחות, און — ווי דען אַנדערש — רעדן יידיש ווי אַ וואַסער...

עיקר קוריאָז שכחתי: אַז מען שרייבט פּאָמעראַנצן אַ בריוו, זאָל מען נישט דערוואַרטן אַן ענטפער דורך דער פּאָסט. דער ענטפער וועט קומען אין „בריווקאַסטן" פון דער ליטעראַרישער זייט „טינט און פעדער". אויף דעם אופן פאַרשפּאָרט גרשון צייט און פּאָסט־מאַרקעס. אין אַ בודזשעט פון אַ צייטונג, וואָס ווערט געמאָסטן אויף סענטן — שפּילט דאָס אַ ראָלע.

און אָט דאָס איז אַן ערך די ראָלע, וואָס עס שפּילט דער גוטער גרשון פּאָמעראַנץ אין דעם וועלט־טעאַטערישקייט, וואָס רופט זיך: יידישע ליטעראַטור...

מלך ראַוויטש

„אונדזער וואָרט", פּאַריז, 11טן אַפּריל 1964.

גרשון פאַמעראַנץ — דער מענטש און שרייבער

די חז״ל האָבן שטאַרק מתרעם געווען — און אַפילו אָנגעזאָגט אַ שטראָף — „על תלמיד־חכם שלא נספד כהלכה" — אויב מען איז נישט מספיד אַ געלערנטן יידן ווי געהעריק. זיי האָבן געוואָרנט קעגן דער גלייכגילטיקייט צום תלמיד־חכם און אָנגעוויזן, אַז דאָס איז אַ סימן, עפּעס פעלט אין דער געזעלשאַפט. עפּעס איז נישט אין אָרדענונג, ווען מען פילט נישט דעם פאַרלוסט פון דעם אינטעליגנטן מענטשן, וואָס האָט פאַרלאָזט דעם עולם און אַוועק אין דער אייביקייט.

באַלד נאָך די שלושים פון גרשון פאַמעראַנצס פּטירה, האָב איך געפילט דעם צער „סופר שלא נספד כהלכה". ס'איז דערשינען אַרטיקלען, בעק־ראָלאָגן, אַפילו אָפּשאַצונגען — אָבער עפּעס האָט געפעלט אין די אַלע הספד־מאמרים; עפּעס האָט זיך געפילט אַ גלייכגילט און דאָס איז גורם אַ שולד־גילט... אַפילו די, מיט וועלכע ער איז געווען אַזוי נאָענט, געטריי און איבערגעגעבן, אויך זיי האָבן נישט געגעבן קיין קלאָר און שלימותדיק בילד פון אָט דעם דינאַמיש־התלהבותדיקן גרשון ע״ה.

יאָ, געווען אויסנאַמען: דער הספד פון הרה״ג רא״א פּרייס שליט״א איז געווען אַ קלאַסישע און אויפריכטיקע אָפּשאַצונג פון דעם גאַנצן גרשונען, לויטן קאָצקער נוסח „והוה דן את כל האדם" — עס איז געווען אַ ביאָ־פּסיכאָגראַפישע און ליטעראַרישע אָפּשאַצונג אין ברייטערן זין פון די ווערטער. א. ב. בענעט האָט אין „סטאַנדאַרט" געגעבן אַן אויס־געצייכנטע כאַראַקטער־שילדערונג אַריינגעבנדיק דעם פאַמילאַרן טאָן אין דעם לעבן פון ברויזנדיקן גרשון און זיין התלהבותדיקע האַלטונג, וואָס איז איבערגעגאַנגען צו זיינע זין, די באַקאַנטע אַדוואָקאַטן.

די יידישע פּרעסע, אַלס אַזעלכע, האָט דאָס נישט באַוויזן — און זי דאַרף עס מתקן זיין!

דער מענטש

איך האָב פּאָמעראַנצן געקענט זינט דעם טאָג וואָס כ'בין אָנגעקומען קיין טאָראָנטאָ — אַ פיר־צענדליק יאָר צוריק — און תּמיד אָנגעהאַלטן פריינדשאַפט, סיי אין זיינע ביטערע יאָרן אין לאַנד, סיי אין זיינע עליה־יאָרן, ווען מ'האָט אַרויפגעקוקט צו אים, ווען ער איז עולה ונתעלה געוואָרן, אָנערקענט אין דער היגער געזעלשאַפט מיט זיין אַרומפירן זיך מיט די גדולים פון דער יידישער ליטעראַטור און אַלס ראָש המדברים ביי יעדער געזעלשאַפטלעך־קולטורעלער אונטערנעמונג אין שטאָט.

איך בין געווען גאָר נאָענט צו אים בעת זיינע פּאַרצווייפלונגס־מאָמענטן, ליידנדיק פון פאַרשידענע מחלות און דערצו אַ צוגאָב פון דחקות... תּמיד אים געזען ווי דעם בעל־בטחון, באַהויכט פון אַן אָפּטימיזם, וואָס ער האָט געבראַכט מיט זיך פון וואַרשע און וואָס ער האָט איינגעזאַפּט אין זיך אין דער סאָקאָלאָוו־רבנישער סביבה — דער עיקר פון זיין מוטער, וועלכע ער האָט שטאַרק געליבט און תּמיד געהאַט וואָס עפּעס צו דערציילן פון איר פּקחות, פון איר פאַרשטאַנד. ער האָט אַפילו געבראַכט זיין רבין ה. לייוויק, בעת אַ באַזוך אין פּוילן — קיין סאָקאָלאָוו און אים געבראַכט צו זיין הויז צו זען זיין מאַמע... ווען נאָר ער האָט איבערגעגעבן זכרונות, גלייכווערטלעך פון זיין מאַמע, האָט ער ממש געשטראַלט און געווען אין אַ געהויבענער שטימונג.

זייענדיק נאָענט צו אים די אַלע יאָרן, האָב איך פון דער נאָענט אים געקענט אָבסערווירן, אים קענען־לערנען. אויסערלעך, האָט ער געמאַכט דעם איינדרוק פון אַ זעלבסט־צופרידענעם, אָבער אין אמתן איז ער תּמיד געווען אַ זוכנדיקער און נישט צופרידענער פון דאָס דערגרייכטע; תּמיד זיך געלאָזט גיין אויף נייע וועגן, אויף דרכים אומבאַקאַנטע, מיט דער געפאַר פון פאַרבלאָנדזשען — און ער האָט אַ סך מאָל פאַרבלאָנדזשעט! אָבער דאָס זוכן איז געוואָרן ביי אים אַ ציל — און נישט בלויז וואָס שייך פּרנסה, באַשעפטיקונג, נאָר אין אַלץ איז ער געווען דער זוכנדיקער מענטש, און דעריבער האָט ער געטוישט און געביטן זיינע פּראָפעסיעס און ממילא זיין קאַריערע.

ער האָט אָנגעפאַנגען זיין קאַריערע נאָך אין פוילן און ממשיך געווען אין טאָראָנטאָ אַלס ליטעראַט, פּאָעט און עסייִסט; דערנאָך אַריבער צו זשורנאַליסטיק און ליטעראַטור־קריטיק. דורכמאַכנדיק אַנטוי־שונגען און זעענדיק, אַז די פּראָפעסיעס גיבן נישט קיין פּרנסה, האָט ער זיך פאַרנומען מיט געשעפט, געטאָן פאַרשידענע מסחרים. און ווען ער האָט געזען, אַז ס'פעלט אים הצלחה אין „ביזנעס", איז ער אַוועק זיך לערנען אַ מלאכה. וואָס האָט אַ דירעקטע שייכות צו וואָרטקונסט — זיך אויסגעלערנט די מלאכה פון דרוקערײַ און זעצערײַ — און דערבײַ אַרויסגעוויזן געוואַלטיקע פעיִקייטן, געוואָרן אַ פולשטענדיקער יגיעי־כפּימניק און געקראָגן אַ „יוניאָן־קאַרט", אַ פּראָלעטאַריער פונעם בעסטן צעך.

אין מיטן פון דעם הצלחהדיקן פאַך דערפילט ער די נויטווענדיקייט צו באַנייען זיין געזעלשאַפטלעכע טעטיקייט — ער ווערט אָרגאַניזירער און דירעקטאָר פון הילפס־אַרבעט פאַר מלחמה־געליטענע. אַ דינאַמיש־שטורמישער מענטש — האָט ער באַוויזן ממש מופתים אין אויפבויען אַ שטאַרקע אָרגאַניזאַציע, האַלבנדיק הינטער זיך די שטיצע פון די יידישע מאַסן, אָבער צוליב די פּאַרטיי־רייבונגען און קאָנפליקטן אינערהאַלב דעם קאָמיטעט, ווערט די אַרבעט איבערגענומען פון קאַנאַדער יידישן קאָנגרעס, און גרשון ווערט אַ מיטגליד פון קאָנגרעס־סטאַף. ס'איז פאַר אים אַ געוואַלדיקער נסיון זיך צוצופּאַסן צום ראַם פון זיין אַ באַאַמטער און ווערן באַגרענעצט דורך צענטראַליזאַציע און בכלל איז אים פרעמד דאָס ווערן פּראָפעסיאָנאַל.

גרשון פּאָמעראַנץ ווערט די צענטראַלע פּערזאָן אין שטאָט אַרום די דאָזיקע און אַנדערע קאָנגרעס־פונקציעס. זיין פריינד בענעט, קאָנגרעס־פּרעזידענט, גיט אים אַלע מעגלעכקייטן אַרויסצוווייזן זיין פעיִקייט אַלס אָרגאַניזאַטאָר. ער פאַרלאָזט אָבער דעם קאָנגרעס, בכדי נישט צו זיין באַגרענעצט צו רעגולאַציעס און צו באַשלוסן, ווי ער פלעגט זיך אויס־דריקן, פון די „העכערע פענצטער". און ער זוכט אויף ס'נײַ מזל אינעם דרוקוועזן, ווערנדיק אויך אַ רעדאַקטאָר־אַרויסגעבער פון וויכטיקע ווערק און פון זיין ליטעראַרישן חודש־זשורנאַל, אין וועלכן ער דרוקט דאָס

בעסטע פון יידישן שאַפן. זיין „טינט און פעדער" איז שטאַרק געלויבט געוואָרן אין די יידיש־ליטעראַרישע קרייזן — די וויכטיקסטע שעפערישע מענטשן האָבן זיך געפילט דערהויבן צו פאַרעפנטלעכן זייערס אַ פּאָעמע אָדער עסיי אין דער דאָזיקער ליטעראַרישער שריפט.

✶

אין „קאָנגרעס" האָט גרשון זיך געפילט פרעמד — און דאָס איז געווען איינע פון די סיבות, וואָס האָט גורם געווען זיין רעזיגנאַציע.

גרשון האָט אויך נישט געקענט ווערן קיין פאַרטיי־מענטש. ער איז נישט געווען געקנאָטן פונעם טייג, פון וועלכער עס באַקן זיך אויס פאַרטיי־טוער און פירער. ער איז געבליבן אין דרויסן פון אַלע אידעאָלאָגיעס. אין יעדער אידעאָלאָגיע האָט ער געפונען עפּעס גוטס — אָבער אַלס פאַרטיי־מענטש מוז מען אָננעמען די גאַנצע אידעאָלאָגיע, און נישט פראַגמענטן, שטיקלעך און ברעקלעך לויט דעם יחידס אויסוואַל. ער האָט אָבער אומעטום געקריגן חברים, וועלכע האָבן אים פאַרשטאַנען, און גאָר באַזונדערס אין דער באַוועגונג לינקע פועלי־ציון. ער האָט זיך אַפילו באַמיט, אַז די לינקע פועלי־ציון זאָלן דורך אים און מיט זיין מיטהילף אַרויסגעבן אַ זאַמלונג פון זיינע עסייען און ליטעראַריש־פּעדאַגאָגישע אָפּהאַנדלונגען.

אינטערעסאַנט איז, אַז נישט געקוקט וואָס ער האָט געהאַט פאַרדרוס פון דער דעמאָלטדיקער „קאָנגרעס"־פירערשאַפט, האָט ער דאָך געהאַט אמונה אין קאָנגרעס און געהאָפן, אַז דער קאַנאַדער יידישער קאָנגרעס זאָל זיין די רעפרעזענטאַנץ פונעם גאַנצן היגן יידנטום — אין אים דאַרפן האָבן אָרט אַלע גרופּירונגען און ריכטונגען אינעם יידישן לעבן, און אַז אויך דאָס רעליגיעזע לעבן דאַרף זיך אָנזען, שטאַרק אָנזען אין דער דאָזיקער צענטראַלער קערפּערשאַפט, אין וועלכער ער האָט געזען אַ סאָרט וועד ד' ארצות, ווי דאָס איז געווען אין מזרח־אייראָפּע.

ווי אַ ברויזנדיקער און דינאַמישער פון דער נאַטור האָט ער זיך נישט צוגעפּאַסט צו די ראַמען פון אָרגאַניזאַציע נוסח אַמעריקע; ער האָט פאַרלאָזט דעם קאָנגרעס־שטענדער, אָבער זיך נישט פאַרלוירן, נישט

אַריינגעפאַלן אין עצבות. דער שטענדיק יונגער און מוטיקער גרשון האָט מיט גרויס התלהבות זיך גענומען צו אַ נייער פּראָפעסיע, צום דרוק־וועזן, אַרויסווייזנדיק פרייד פון שעפערישקייט, סיי ביים דרוקן שריפטן פון אַנדערע און סיי ביים פאַרעפנטלעכן אייגענע.

די נייע תקופה

אין דער תקופה פון דרוקעריי האָט ער זיך פאַראינטערעסירט נישט בלויז אין געשעפט, קאָמערציעלע דרוק־אַרבעטן, נאָר בעיקר מיט אַרויס־געבן ספרים און ביכער פון שרייבער און מחברים, וועמענס ווערק ער האָט אָנערקענט.

ואני הקטן בין געווען פון די זוכים. מיין ווערק „לובלין" איז אים געפעלן און ווי זיין שטייגער איז געווען — אַריין אין התלהבות און נישט געקאָרגט קיין אָנשטרענגונג, באַזייטיקט אַלע מניעות און געזען, אַז דאָס ווערק זאָל דורך אים זען ליכט.

עס איז פאַר מיר אוממעגלעך איבערצוגעבן, מיט וואָס פאַר אַן איבערגעגעבנקייט און מי ער האָט זיך פאַרנומען מיטן דאָזיקן ווערק. ער איז מיר געווען אַן „אחי עזר" און „אחי סמך" אין אַלע הינזיכטן און האָט זיך געפרייט מיט מיין פרייד, ווען מיר האָבן געזען דעם וואַרעמען אָפּרוף פון ליטעראַטור־קריטיקער און פון לייענער.

אין יענער תקופה האָט ער אַרויסגעגעבן די שריפט „טינט און פעדער", אין וועלכער ער האָט באַוויזן צו פאַרעפנטלעכן עסייען, פּאָעמעס און ליטעראַרישע אָפּהאַנדלונגען. צו יעדער אַרבעט האָט ער צוגעגעבן זיינע נאָטיצן, קורצע ביאָגראַפיעס פון די מחברים און בכלל וויכטיקע קאָמענטאַרן, ער האָט אויך פאַרעפנטלעכט אַ גרעסערע צאָל בריוו פון באַרימטע שריפטשטעלער, וואָס וועלן האָבן אַ ליטעראַריש־היסטאָרישן ווערט.

אין זיינע ליטעראַרישע אָנמערקונגען איז ער געווען שאַרף און קלאָר — און גאָר אָפט שניידנדיק. ווען אַפילו דאָס האָט פאַרשאַפט עגמת נפש און פאַרדרוס.

ער האָט געמוזט אויפגעבן זיינע דרוקעריי־עסקים און גענומען זוכן אַ נייע פרנסה. ער איז געוואָרן אַ בוי־אונטערנעמער. ס'האָט לאַנג נישט גענומען און ער האָט געמוזט ליקווידירן און זיך צוריקציִען פון אָט דער בראַנזשע.

אַ „ליטעראַרישע אינסטיטוציע"

גרשון איז געווען ביי אונדז די „ליטעראַרישע אינסטיטוציע". ער האָט מוותר געווען אויף זיין טאַלאַנט אַלס עסייִיסט און פּאָעט און זיך פאַרנומען מיט זיינע רביים. ער האָט זיך נישט באַגנוגנט מיט זיין אייגן געניסן פון זייער שאַפן, נאָר דווקא געוואָלט, אַז אויך אַנדערע זאָלן געניסן און זיך פאַרנעמען מיט פאַרשפּרייטן די ווערק פון די גרויסע וואָרט־קינסטלער, און נישט בלויז מיט זייער שריפט — נאָר מיט זייער גערעדט וואָרט: עס זאָל זיין „והיו עיניך רואות את מוריך". ער האָט כסדר געבראַכט וואָרט־קינסטלער, זיך געטוליעט צו זיי און זיי פאַר־געשטעלט פאַרן עולם, געפירט פאַרזיך און געלייענט זייערע שריפטן. פון צייט צו צייט האָט ער אַליין אַ בליק געטאָן מיט אַ ליד אָדער עסיי — אָבער געשטראַלט האָט ער, ווען ער האָט געקראָגן לייוויקס ווערק: ער איז אַנגעפילט געוואָרן מיט שמחה ווען ער האָט געהאַט אַ געלעגנהייט צו פאַרברענגען מיט לייוויקן אין התבודדות און בציבור. ווי האָט געזאָגט ליפע גרין: גרשון איז געווען אַ קרבן אויפן מזבח פון די גדולים! ער האָט זיך ממש מקריב געווען פאַר די לייוויקס, אָפּאַטאָשוס, ניגערס און אַנדערע.

מיט וויפל שמחה ער פלעגט אונדז אָנפילן, ווען ער האָט באַוויזן, מיט דער הילף פון די לינקע פועלי־ציון, צו ברענגען אַלס גאַסט דעם גרויסן וואָרט־מייסטער ה. לייוויק. ער האָט זיך געפילט יום־טובדיק און אונדז אַלעמען באַגייסטערט און דערהויבן צו אָט דער יום־טובדיקער שטימונג.

גרשון האָט געקענט באַוויזן אַרויסצוגעבן זיינס אַ בוך עסייִיסטיק אָדער פּאָעזיע. ער איז אָבער צו פיל געווען פאַרנומען מיט אַרויסגעבן און פאַרשפּרייטן ווערק פון אַנדערע. אַזוי ווי ער האָט געטאָן אַלץ מיטן

ברען פון זיין נשמה, איז שוין ממילא ווייניק געבליבן פאַר זיך, ער זאָל זיך נעמען צייט און אַ טראַכט טאָן „מתי אעשה לביתי״.

ער איז געווען אַ חובב יידיש. איז דאָס ביי אים געווען אַ גרענעצ־לאָזע ליבע צום יידיש־לשון, האָט ער דעריבער נישט פאַרטראָגן וועלכער עס איז פגם אין יידיש־שאַפן, געוואָלט בלויז סולת נקיה. די ליבשאַפט צו יידיש איז ביי אים געווען נישט סתם, נאָר צוליב דעם, וואָס ער האָט געזען אין יידיש־לשון פאָלקס־קיום, אַ שוצוואַנט קעגן אַסימילאַציע. ער האָט דעריבער נישט געקענט פאַרטראָגן דאָס סתם אַזוי רעדן וועגן יידיש, נאָר געוואָלט זען מעשים און וואָס שייך מעשים איז ער געווען שטאַרק אַנטוישט.

וואָס שייך דעם יידיש־שרייבער? אויך ביי אים האָט ער געפאָדערט און פאַרלאַנגט סולת נקיה — דאָס בעסטע, וואָס מ׳קען אַרויסברענגען מיט דער פען. דעריבער האָט ער נישט געקענט פאַרטראָגן אַ פאַלשן טאָן, ווי דער מוזיקער קען עס נישט פאַרטראָגן. ער האָט נישט געקענט פאַר־טראָגן די טעמפּקייט און געפאַלנקייט ביים יידישן וואָרט־קינסטלער. ער האָט דערפאַר אַ סך געליטן, און איז אַפילו גערודפט געוואָרן. ער האָט אָבער נישט אויפגעגעבן זיין קאַמף פאַר דער ריינקייט פונעם יידישן וואָרט, פאַר דער שיינקייט פון יידיש־לשון, פאַר דער רייכקייט פון מוטער־שפּראַך.

צום סוף, אַ וואָרט וועגן פאַרברענגען מיט אים: ער איז געווען אַ זעלטענער מיטשמועסער; איז מען געזעסן מיט אים, איז ער געווען דער ראש המדברים. אַזוי ווי מיר זענען באַזונדערס נאָענט געוואָרן, האָב איך אַ סך פאַרבראַכט מיט אים אין שמועס. איז געווען אַ מחיה צו הערן אים. אָפט האָט זיך גערדאַכט, אַז ער שאַפט זכרונות, אַז עס איז פאַנטאַזיע, אַ בילד, אַ מעשה, אַ קוריאָז — ס׳איז אָבער געווען אַ מחיה אים צו הערן, ער האָט פאַרמאָגט דעם חן און דעם גוטמוטיקן הומאָר בעת ער איז געווען אויפגעלייגט און צופרידן. אין תוך איז ער געווען דער פאָלקס־מענטש אין ברייטערן זין פונעם וואָרט.

מיט זיין בני בית

אַ סך מאָל האָט זיך געשטעלט די פראַגע: פון וואַנען נעמט זיך

אַזוי פיל כוח און מוט ביי אַט דעם מענטשן; פון וואַנען די אַספּיראַציע? דעם ענטפער האָב איך און אַ סך אַנדערע געפונען אין דער עקרת הבית. זי, ראַשעל, פלעגט אים געבן קוראַזש, דערמוטיקונג, אינספּיראַציע — און זי האָט אים געשטעלט אויף די פיס. ער האָט אויך געגלויבט, אַז אין איר זכות האָט ער די צוויי טייערע זין.

גרשון, ווי באַקאַנט, איז געווען דינאַמיש, סענסיטיוו, שטורמיש־עמאָציאָנעל; און זי פאַרקערט: געלאַסן, רויק, געמיטלעך, תמיד פריינדלעך, לאָזט נישט רעדן אויף קיינעם קיין שלעכט וואָרט. זי האָט תמיד אַרויסגעוויזן אַן אומפאַרגלייכלעכע סבלנות, אַזוי אין די יאָרן ווען זיי האָבן געלעבט אין נויט און דחקות, און אַזוי די לעצטע יאָרן, ווען די קינדער האָבן זיי באַזאָרגט מיט רחבות. גרשון אָבער איז שוין געווען אַ חולה־מסוכן, צוגעבונדן צום בעט און נישט געקענט אַרויס פון הויז.

ווען ער האָט איבערגענומען דעם „זשורנאַל" און דאַן געאַרבעט איבער די כוחות, האָט זי — די ליבע עוזרת — באַוויזן צו פועלן ביי אירע זין, שוין דאַן אַנגעזען אין דער אַדוואָקאַטור־פּראָפעסיע, צו ברענגען די מאַלצייטן צו דער זעצעריי־מאַשין, בכדי ער זאָל נישט דאַרפן זיך שלעפּן הין־און־צוריק אָדער לויפן אין רעסטאָראַן און עסן די אומגעווינטשטע פאַר אים מאכלים.

פאַרענדיקט האָט ער מיט דער פען אין דער האַנט און מיט אַ ליטעראַרישן גאַסט אין שטוב, ווייל אין תוך איז ער געווען אַ ליטעראַט און ווי געזאָגט — אַ ליטעראַרישע אינסטיטוציע.

ער איז קראַנק געוואָרן בעת ער איז געזעסן אין „זשורנאַל" ביי דער מאַשין. טוענדיק אַלע מלאכות אין שייכות מיט דער צייטונג, האָט ער געדאַרפט זיין דער אַרויסגעבער, רעדאַקטאָר, בחור הזעצער און קלייבער פון אַנאָנסן און מעלדונגען; דערצו שרייבן אַ טעגלעכן קאָלום, אַ לייט־אַרטיקל און צונויפשטעלן אַ וועכנטלעכע ליטעראַרישע ביילאַגע. האָט ער זיך צוזאַמענגעבראָכן, געפאַלן ביי דער מאַשין און שוין געבליבן אַ הויז־זיצער, אָבער נישט אַרויסגעלאָזט די פען פון האַנט.

אין דער תקופה ווען ער איז געוואָרן אַ הויזזיצער האָט ער געשריבן די ביז גאָר אינטערעסאַנטע זכרונות וועגן די וואָרטקינסטלער פון זיין

אַלטער היים, וואַרשע. ער איז צוריק צום פרילינג זיינעם, ווען ער האָט פאַרבראַכט צווישן די ליטעראַרישע גדולים און ער האָט אויף אַ גאַר געהויבענעם אופן געשילדערט די גרויסע פערזענלעכקייטן, מיט וועלכע ער איז געווען באַקאַנט אין אַמאָליקן וואַרשע.

מ׳קאָן זאָגן: ער האָט אָנגעהויבן זיין קאַריערע אין וואַרשע און פאַרענדיקט אין וואַרשע. יעדן מאמר פאַרענדיקט ער מיט בלוט פון זיין האַרץ וועגן דעם טראַגישן אומקום פון אָט די פערזענלעכקייטן און פון פאָלק. עס איז אָן ספק, אַז זיין באַשרייבן די דאָזיקע גייסטיקע ריזן און ווי זיי זענען אַזוי בעסטיאַליש אַוועקגעריסן געוואָרן פונעם לעבן, האָט דערנענטערט זיין טויט.

זיין לעצטער אַרטיקל, דוכט זיך, איז געווען די שילדערונג פונעם וועטעראַן פון דער יידיש־העברעיִשער ליטעראַטור אין פוילן — הלל צייטלין הי״ד. מיט אַזאַ פייער און טעמפעראַמענט שילדערט ער דעם אימפולסיוון, תמיד זוכנדיקן מענטשן, וואָס האָט באַצויבערט יונג און אַלט, דעם גרויסן בעל־מחשבה, מיסטיקער און שיין־שרייבער — דער רבי פון אַ דור יידישע שריפטשטעלער, דענקער, פובליציסטן. הלל צייטלין, ווי ער שילדערט אים, איז געווען דער שעפער פון דעם סינטעז צווישן מיסטיציזם און רעאַליזם; נאַציאָנאַליזם און אוניווערסאַליזם. ביי גרשונען שיינט אַרויס די פרייד צו האָבן זוכה געווען זיך צו געפינען אין דער מחיצה און אין דער סביבה, אין וועלכער עס האָט געווירקט אַזאַ גייסט־מענטש.

די לעצטע יאָרן, ווי מיר ווייסן, האָט ער בלויז געשריבן און פאַרעפנטלעכט באַשרייבונגען, אָפּהאַנדלונגען און שילדערונגען פונעם אַמאָליקן יידישן לעבן אין וואַרשע און וועגן אירע שעפערישע פערזענלעכקייטן. אייניקע מאמרים וועלן בלייבן ווי מוסטערן פון ליטעראַרישע פאָרטרעטן. ער האָט אויף ס׳ניי איבערגעלעבט די גאָלדענע עפּאָכע פון זיין וואַרשע. ער האָט זיך נישט געקענט פאָרשטעלן, אַז וואַרשע איז געענדיקט פאַר יידן, אַז אין געראַנגל צווישן מזרח און מערב איז דאָס קאָמוניסטישע פוילן געוואָרן אַ גיהנום אַפילו פאַר יידישע קאָמוניסטן... ער האָט זיך נישט געקענט פאָרשטעלן, אַז אויסגעוואָרצלט געוואָרן איז דער אַמאָליק אַזוי שעפערישער טייל פון יידנטום.

מיט זיין פען האָט ער אַרויסגעבראַכט אויף אַ גאַר אייגנאַרטיקן אופן דעם צער פון דור און אונדז געפירט צו די אָפענעם קברים, צו די גאַז־קאַמערן, ווו יידישע לעבנס זענען אויסגעלאָשן געוואָרן. ער האָט טיף דורכגעלעבט און דורכגעווייטיקט דעם חורבן פוילן און צו דעם, די טראַגישע אַנטווישונג אין דער סאָוויעטישער ממשלה, ווו מענטשלעכע רעכט ווערט געטראָטן מיט די פיס און מענטשלעכע לעבנס זענען הפקר. ער האָט נישט געקענט באַנעמען די פאַלשע פאָליטיק פון די סאָוויעטישע הערשער בנוגע מדינת ישראל און זייער פאַרמעסטן זיך קעגן יידישן גייסט, קעגן יידישער קולטור, קעגן יידישן נאַציאָנאַלן באַוווסטזיין.

אין זיינע אַרטיקלען. פילט מען דעם ווי פון אַ וואַרעם יידיש האַרץ, וואָס האָט געבלוטיקט צוליב די דאָזיקע מאוימדיקע געשעענישן. ער האָט פאַרלוירן דעם צוטרוי צו דער וועלט, וואָס שווייגט און פאַרשווייגט די נידערטרעכטיקע געמיינהייטן. ער האָט זיך אָבער דאָך נישט פאַרלוירן אין די שווערע שעהען פון צווייפל און געהאָפט אויף בעסערע טעג...

יאָ, מ׳קאָן נישט אָפשאַצן גרשונען פראַגמענטאַריש. מ׳דאַרף זיין באַקאַנט מיט דער גאַנצער פערזענלעכקייט גרשון פאַמעראַנץ: מיט זיין גייסטיקער שעפערישקייט, מיט זיין אייגנאַרטיקן צוגאַנג צו זאַכן און געשעענישן, מיט זיין אַקטיווקייט און מיט זיין סביבה.

נ. שמן

5.12.1969

אינהאַלט

גרשון פאַמעראַנץ (ביאָגראַפיע) 7
דער פאַרליבטער אין יידיש (אַריינפיר פון מ. צאַנין) 9

זיי זענען געקומען 13
אין באַגינען אַריין 26
ה. לייוויק 29
א. לעיעלעס־גלאַנץ 32
יוסף אָפּאַטאָשו 36
ישראל שטערן 40
יוסף קירמאַן 54
ז. סעגאַלאָוויטש 69
י. י. טרונק 84
שמעון האָראָנטשיק 103
שלמה גילבערט 121
עוזר וואַרשאַווסקי 139
פרץ מאַרקיש אין וואַרשע 155
יחיאל לערער 173
יהודה לייב (לעאָ) פינקלשטיין 184
הלל צייטלין 201
שמערקע קאַטשערגינסקי 226
אברהם ליעסין 229
י. י. שוואַרץ 233
אַ בריוו צו אַ פריינד 238

גרשון פאַמעראַנץ — אינטימער פען־פּראָפיל — מלך ראַוויטש . . 241
גרשון פאַמעראַנץ — דער מענטש און שרייבער — נ. שמן . . . 245